STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06638

www.libtool.com.cn

# DRAY MENSHEN

## Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn



www.libtool.com.cn

מאקסים גאָרקי

# דריי מענשען

ראָמאן אין 2 בענד.

איבערזעצט פון

א. פרומקין

ערשטער באנד.

ארויסגעגעבען פון

מאלערמאן'ס ליטעראַרישע פּאַבלישינג קאָמפּ.

ניו־יארק — פילאדעלפיא

.1918

www.libtool.com.cn

Copyright 1918
by S. Malerman, Philadelphia.

www.libtool.com.cn

# 1.

פונקט אין מיטען פון די קערשענצער וועלדער געפינען זיך א היבש ביסעל איינזאמע קברים, צוזאווארפען אין אלע זייטען. דארט ליגען בע־גראבען די ביינער פון פרומע זקנים, וואס האבען געדיענט גאט נאך דער תורה פון די „סטארא ווערצעס“ (א רעליגיעזע סעקטע אין רוס־לאנד), און וועגען איינעם פון דיזע אלטע לייט — אנטיפא האט ער געהייסען — דערצעהלט מען אין די דערפער פון יענער געגענד אזא מעשה:

אנטיפא לונעוו איז געווען א רייכער בויער מיט א שטריינגען כא־ראקטער, ביז וואנען ער איז אלט געווארען פופציג יאהר איז ער געווען פערזונקען אין זינד און האט זיך געבאדען אין אלערליי תאוות. מיט אמאל האט ער זיך אבגעקעהרט פון זיין שלעכטען וועג, און דערפיה־לענדיג א טיפען וועהטאג אין זיין נשמה, האט ער פערלאזען זיין פאמי־ליע און איז אוועק פיהרען אן איינזאמען לעבען אין וואלד, דארט, אין וואלד, האט ער זיך אויפגעשטעלט זיין איינזאם שטיבעל, און אכט יאהר נאכאנאנד, זומער און ווינטער, האט ער דארט געלעבט אליין; קיינעם האט ער אהין ניט אריינגעלאזען, ניט קיין בעקאנטע און ניט קיין קרובים אפילו.

אפטמאל האט זיך געמאכט, אז מענשען פלעגען פערבלאנדזשען אין וואלד און אויף אזא אופן זיך געפינען לעבען דאס איינזאמע שטי־בעל. זיי האבען געזעהן, ווי אנטיפא איז פערטיפט אין זיין געבעט, פאר־לענדיג אויף די קניע ביים שוועל פון זיין געצעלט. ער האט געהאט א מורא'דיגען אנבליק: אויסגעדארט איז ער געווען פון די תעניתים און די תפלות זיינע, און זיין קערפער איז אין גאנצען געווען בעדעקט מיט האר, ווי א חיה. אז ער פלעגט נור דערזעהן א מענשען פאר זיך, איז ער גלייך אויפגעשטאנען און האט זיך פערנייגט ביז צו דער ערד, ביט ריי־דענדיג קיין ווארט. האט אימיצער געפרעגט, ווי אזוי מען קען ארויס־געהן פון וואלד, האט אנטיפא מיט דער האנד געוויזען דעם וועג, וויי־

www.libtool.com.cn



טער ניט ארויסריידענדיג קיין איין ווארט: דערנאך האט ער זיך פון דאס נייע פערגייגט ביז דער ערד, איז אריין צוריק אין זיין חדר'ל און פערשלאסען הינטער זיך די טהיר.

געזעהן האט מען איהם אפט אין די אכט יאהר, נאר זיין שטימע האט קיין מענש ניט געהערט אין דער גאנצער צייט. זיין פרוי און קינדער האבען איהם בעזוכט; ער פלעגט צונעהמען דאס עסען און די קליידער, וואס זיי האבען איהם געבראכט, און אויך פאר זיי פלעגט ער זיך פערנייגען ביז צו דער ערד, אזוי ווי פאר אלע אנדערע; און פונקט ווי צו אלע אנדערע האט ער צו זיי אויך קיין מאל ניט גערעדט.

געשטארבען איז ער אין'ם זעלבען יאהר, ווען מען האט צושטערט דאס איינזאמע וואלד־לעבען פון די „סטאראוורצעס“. זיין טויט איז געקומען אויף אזא אופן:

מיט א גאנצע מחנה סאלדאטען איז דער פאליציימייסטער אראב־געקומען אין וואלד. און זיי האבען געזעהן, ווי אנטיפא שטעהט אויף די קניע אין מיטען זיין שטיבעל און איז שטילערהייט מתפלל פאר זיך.

„דו!“ האט דער פאליצמייסטער א געשריי געטהאן צו איהם — „רוק זיך שוין ארויס פון דאנען! מיר ווילען זי צואווארפען, דיין נארע...“

אבער אנטיפא האט זיין קויל ניט געהערט. און ווי הויך דער פאליצמייסטער האט ניט געשריען — דער פרומער, אלטער מאן, האט קיין ווארט ניט געענטפערט. דער פאליצמייסטער האט אלזא געהייסען ארויסשלעפען אנטיפא'ן פון שטיבעל. אבער זיינע סאלדא־טען זיינען געבליבען שטעהן ווי צומישט, אנקוקענדיג דעם אלטען, וועלכער איז געווען אזוי פערטיעפט אין זיין געבעט, אזוי ווי ער וואלט זיי גאר פאר די אויגען ניט געזעהן. דערשראקען און צוטרייסעלט פון אזא מין פעסטען כאראקטער, פון אזא מין זעלטען־שטארקייט, האבען די סאלדאטען קיין מוטה ניט געהאט צו ערפילען דעם פאליצ־מייסטער'ס בעפעהל. נו, האט דער פאליצמייסטער געהייסען צונעהמען דאס שטיבעל; און זיי האבען אנגעהויבען צו־צונעהמען דעם דאך, גור שטיל און לאנגזאם, אהן רעש, האבען זיי זייער ארבייט גע־טהאן, כדי ניט צו שטערען דעם אלטען אין זיין געבעט.

www.libtool.com.cn



די קלעפ פון די האמערס האבען אבגעקלונגען איבער אנטיפא׳ס קאפ, די ברעטער האבען געקנאקט און זיינען אראבגעפאלען אויף דער ערד; איבער׳ן גאנצען וואלד האט זיך געהערט די קלאפעריי. ארום דאס איינזאמע שטיבעל זיינען אונרוהיג ארומגעפלויגען די פויגע־לאך, דערשראקענע און פערציטערטע דורכ׳ן ליארם; אפילו די בלע־טער פון די בוימער האבען געציטערט. נור דער פרומער אלטער האט ניט אויפגעהערט צו זאגען זיין תפלה, פונקט ווי ער וואלט גארנישט געזעהן און גארנישט געהערט...

אט האבען זיי שוין אנגעהויבען ארונטערצורייסען די באלקענס פון שטיבעל, און דער אלטער מאן ליגט נאך אלץ אויף די קניע און ריהרט זיך פון ארט ניט. ערשט ווען די לעצטע באלקענס זיינען אב־געריסען געווארען און דער פאליצמייסטער אליין איז צוגעגאנגען צו אנטיפא׳ן און האט איהם אנגענומען ביי די האר, האט אנטיפא אויפ־געהויבען די אויגען צום הימעל, און שטיל, קוים וואס מען האט איהם געהערט, האט ער געזאגט: „גוטהארציגער גאט, זיי מיר מוחל!"

און ער איז אנידערגעפאלען הינטערוויילעכס אויף דער ערד און איז געבליבען ליגען — טויט.

בשעת דאס האט פאסירט, איז יאקאוו, אנטיפא׳ס עלטערער זוהן אלט געווען דריי און צוואנציג און טערענטי, דער אינגערער, אכצעהן יאהר. שוין אלס קליין אינגעל האט דער הויכער, געזונטער יאקאוו געקראגען דעם צונאמען „היצקאפ", און אין דער צייט, וואס זיין פאטער איז געשטארבען, האט ער געהאט א שם אין דער גאנ־צער געגענד פאר דעם ווילדסטען, אויסגעלאסענסטען בחור, אלע הא־בען זיך בעקלאגט אויף איהם — די מוטער, דער סטאראסטא פון דארף, די שכנים; מען פלעגט איהם ארייגזעצען אין טורמע, איהם שמייסען מיט ריטער — אזוי פיעל שמיץ וויפיעל דער דארפריכטער האט איהם צוגע׳פסק׳ענט, און אפטמאל פלעגט מען איהם סתם אזוי שלאגען, גאר אהן א משפט, נאר אלצדינג איז געווען ארויסגעווארפען. עס איז אונמעגליך געווען איינצוהאלטען יאקאוו׳ס לייכטזיניגע נאטור.

און אלץ ענגער און ענגער איז איהם געווארען אין דארף, צווי־

www.libtool.com.cn



שען זיינע פרומע לאַנדסלייט, די „סטאַראָווערצעס“, וועלכע האָבען געאַרבייט ווי די עזלען, ניט געוואָלט וויסען פון קיין שום נייעם אויפפיהר און זיך געהאַלטען פעסט אַן דעם אַלטען גלויבען. יאַקאָוו האָט געראויכערט טאַבאַק, געטרונקען בראַנפען און איז געגאַנגען דייטש געקליידעט. פון די תפלות און אַלע אַנדערע רעליגיעזע מנהגים פון דער געמיינדע האָט ער ניט געוואָלט וויסען, און אַז די נכבדים, די אַנגעזעהענע לייט פון דאָרף פלעגען איהם זאָגען מוסר און איהם דערמאָנען אַן זיין פרומען טאַטען, פלעגט ער זיי ענטפערען מיט שפּאַט:

„האָט זשע אַביסעל געדולד, מיינע געעהרטע זקנים — אויף אַלצדינג איז דאָ אַ צייט. אַז די מאָס פון מיינע זינד וועט ווערען פאָר־פול — דעמאָלט וועל איך מן הסתם אויך תשובה טהאָן. איצט איז עס נאָך צו פריה פאַר מיר. און מיין באַטושקאַ, דעם טאַטען מיינעם, זאָל זיך מיהען, קענט איהר מיר אויך ניט אָנווייזען אַלסביישפּיעל— מחמת ער האָט פּופציג יאָהר נאָכאַנאַנד געזינדיגט און בלויז אַכט יאָהר תשובה געטהאָן... לעת עתה האָב איך נאָך ווייניג וואָס זינד אויף מיר, העכסטענס אַזוי פיעל וויפיעל עס געפינט זיך פוך ביים קליינעם נעסט־פויגעלע אויפ׳ן לייב. אָט, אַז די זינד ־ פעדערן וועלען מיר ערשט ריכטיג אויסוואַקסען — דעמאָלט וועל איך צייט האָבען תשובה צו טהאָן“...

„אַ פערפאַלענער אפּיקורוס!“ האָט מען אין דאָרף געזאָגט אויף יאַקאָוו לונעוו, און מען האָט איהם פיינט געהאַט און מורא געהאַט פאַר זיין שיין.

צוויי יאָהר נאָכ׳ן פאָטער׳ס טויט האָט יאַקאָוו חתונה געהאַט. דורך זיין אויסגעלאַסענעם לעבען האָט ער געמאַכט אַ תל פון׳ם שעה־נעם הויז און די גאַנצע ווירטהשאַפט, וואָס זיין פאָטער האָט איינ־געשאַפט מיט זיין דרייסיג־יעהריגער, פלייסיגער אַרבייט. קיין מענש אין דאָרף האָט איהם אַלזאָ ניט געוואָלט געבען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. אָבער ערגעץ וואו, אין אַ ווייטען דאָרף, האָט ער געפונען אַ שעהנע מיידעל, אַ יתומה, און כדי צו האָבען אויף חתונה־הוצאות, האָט ער פערקויפט אַ פּאָר פערד און דעם ביהן־שטאַק, וואָס זיין פאָ־טער האָט אויפגעאַרבייט. זיין ברודער טערענטי, אַן איינגעשראָקע־

www.libtool.com.cn



נער, שטילער מענש מיט א הויקער און זעהר לאנגע הענד, האט איהם ניט געשטערט, איהם געלאזט טהאן וואס זיין הארץ האט געגלוסט. די מוטער איז געלעגען קראנק אויפ'ן אויווען און מיט א מורא'דיגער, הייזעריגער שטימע האט זי געשריען צו איהם:

„דו רשע וואס דו ביסט! האב רחמנות אויף דיין נשמה!... בע־רעכען וואס דו טהוסט!"

„נור ניט געזארגט, מאמוניו טהייערע!" האט יאקאוו געענט־פערט. „נישקשה, דער טאטע וועט זיין פאר מיר א מליץ יושר פאר גאט..."

אין אנהויב, כמעט א האלב יאהר נאכאנאנד, האט יאקאוו גע־לעבט שטיל און פריעדליך מיט זיין ווייב; ער האט זאגאר אנגעפאנגען צו ארבייטען. דערנאך איז ער אבער ווידער געווארען אויסגעלאסען: אויף עטליכע מאנאט נאכאנאנד איז ער פערשוואונדען פון דער היים, און אז ער איז צוריקגעקומען צו זיין פרוי, איז ער געווען צושלאגען, אבגעריסען און אויסגעהונגערט... יאקאוו'ס מוטער איז געשטארבען, און ביי דער מאהלצייט, וואס מען האט געמאכט צו באלייטען די נשמה פון דער טוידטער, האט זיך יאקאוו גוט אנגע'שכור'ט און האט דעם סטאראסטא פון דארף, זיין אלטען פריינד, געשלאגען מכות רצח. מען האט איהם דערפאר ארייגעזעצט אין אסטראג, צוזאמען מיט א גאנצע מחנה ארעסטאנטען. אז ער איז אבגעזעסען זיין צייט, איז ער צוריקגעקומען אין דארף — מיט א גלאט־געשווירענעם קאפ, פערפינסטערט און דארפסלייט האבען איהם פול מיט צארן. זיינע וואס ווייטער אלץ מעהר געהאסט; און זייער כעס האבען זיי אויך אויסגעלאזען צו יאקאוו'ס פאמיליע, דער עיקר צו זיין אונשולדיגען ברודער טערענטי, וועלכער האט שוין פון קליינוויייז אויף געמוזט אויסשטעהן די ביטערסטע ליידען פון די אינגלעך און די מיידלעך, וואס האבען ניט אויפגעהערט צו מאכען פון איהם חוזק. יאקאוו'ן האבען זיי גערופען ארעסטאנט און רויבער; טערענטי איז ביי זיי געווען א קאליקע און א כשוף־מאכער. טערענטי האט פערשוויגען די אלע זידלערייען, אבער יאקאוו האט זיך ניט געלאזט שפייען אין דער קאשע.

„האט קיין מורא ניט!" האט ער געסטראשעט. „ווארט נור

www.libtool.com.cn



אקאָרשט אוים!... איך וועל אייך שוין ווייזען ווער עלטער איז!"

אז ער איז אלט געווען אונגעפעהר פערציג יאָהר, האָט זיך גע־מאכט א שרפה אין דאָרף. מען האָט איהם בעשולדיגט, אז ער איז געווען דער אונטערצינדער, און ער איז דארום פערשיקט געוואָרען קיין סיביר.

אויף טערענטי'ם פלייצעס איז אלזא געבליבען יאקאָוו'ם פאמי־ליע, זיין ווייב, וואָס האָט ביי דער שרפה פערלאָרען דעם פערשטאנד, און זיין זוהן איליא, א געזונד אינגעל מיט שווארצע אויגען, ניט מעהר ווי צעהן יאָהר אלט, נאָר א סך ערנסטער ווי עס האָט זיך געפאסט פאר זיין עלטער. אזוי גיך ווי דאָס אינגעל איז נור ארויס אין גאָס, זיינען איהם די אנדערע קינדער פון דאָרף נאָכגעלאָפען און איהם פערוואָרפען מיט שטיינער. און די גרויסע, אז זיי האָבען איהם דערזעהן, פלעגען איהם בעגעגענען מיט די ווערטער:

„הו, דער קליינער שד! דאָס ארעסטאנטעל!... אן אויסכאפע־ניש אויף דיר!..."

פאר דער שרפה האָט טערענטי געהאט א שטיקעל מסחר אין דאָרף. ניט זייענדיג שטארק גענוג צו קענען ארבייטען שווער, האָט ער געהאנדעלט מיט פאָדים, נאָדלען און אנדערע אזעלכע קלייניג־קייטען, אָבער דאָס פייער, וואָס האָט געמאכט א תל פון א האלבען דאָרף, האָט אויך ניט געשוינט דאָס הויז פון די לונעווס, און טערענ־טי'ס גאנצע סחורה איז פערברענט געוואָרען. נאָך דער שרפה איז די לונעווס געבליבען ניט מעהר ווי אן אלט פערד און דריי און פערציג רובעל מזומן געלד. טערענטי האָט גאנץ גוט געזעהן, אז אין זיין דאָרף וועט ער בשום אופן ניט קענען אנגעהן. ער האָט דארום איבער־געלאָזט זיין שוועגערין ביי אן אָרעמע פויערטע אויף קעסט און פפלע־גע פאר פופציג קאָפּיקעס א מאָנאט. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעזוכט אן אלטען אבגעניצטען וואגען, אריינגעזעצט זיין פלימעניקעל און בע־שלאָסען צו פאָהרען אין דער גובערנסקער שטאָדט, מיט דער האָפ־נונג, אז א ווייטער קרוב פון די לונעוו'ס, א געוויסער פעטרוכא פעלי־מאָנאָוו, וועלכער ארבייט דאָרט אלס קעלנער אין א שיינק, וועט איהם ווי עס איז אויסהעלפען צו מאכען א שטיקעל לעבען.

ביינאכט, גאנץ שטיל, אזוי ווי א גנב, האָט טערענטי פערלאָזען

www.libtool.com.cn



זיין היים. שטילערהייט האט ער אנגעטריבען זיין פערד, און מיט זיינע גרויסע שווארצע אויגען האט ער אלץ געקוקט צוריק. דאס פערד האט זיך געשלעפט טריט ביי טריט, דאס וועגעלע האט זיך ארומגעשאקעלט אהין און אהער, און איליא, וועלכער האט זיך איינ־געגראבען אין היי, איז באלד ארייגעפאלען אין א קינדערשען פעס־טען שלאף...

אין מיטען נאכט האט זיך דאס אינגעל אויפגעכאפט דורך א מורא'דיגען מערקווירדיגען טאן, וואס האט געקלונגען ווי דאס ווילדע וואויען פון א וואלף. עס איז געווען א ליכטיגע נאכט. דער וואגען איז געשטאנען לעבען א וואלד. לאנגזאם איז זיך דאס פערד ארומגע־גאנגען ארום וואגען און האט געצופט דאס פייכטע גראז פון דער ערד. א הויכער גרינער בוים מיט א פער'שרפה'טען שפיץ איז זיך געשטאנען איינזאם, ווייט אין פעלד, אקוראט ווי ער וואלט פערטריבען געווארען פון וואלד. אונרוהיג, מיט שארפבליקענדע אוי־גען, האט דאס אינגעל געזוכט זיין פעטער. אין דער שטילקייט פון דער נאכט האט מען געקענט אזוי דייטליך הערען די טריט פונ'ם פערד און זיין שנארכען, וואס האט געקלונגען אזוי ווי א שווערעס זיפצען; און דערצו איז נאך צוגעקומען יענער אונערקלעהרליכער, ציטערנדער קול, וועלכער האט איליא'ן אזוי געשראקען.

„פעטערל!“ האט ער גערופען גאנץ שטיל.

„וואס איז דארט?“ האט טערענטי זיך א כאפ געטהאן, אין דער צייט וואס דער ווילדער געשריי האט פלוצלונג פערשטומט.

„וואו ביסטו ערגעץ?“

„אט דא בין איך... קענסט שלאפען רוהיג!...“

איצט האט איליא בעמערקט, אז דער פעטער זיינער זיצט אויף א בערגעל ביים ברעג פון וואלד און אז ער זעהט אוים שווארץ, אזוי ווי א ווארצעל פון א בוים וואס קריכט ארוים פון דער ערד.

„איך האב מורא“, האט דאס אינגעל געזאגט.

„פאר וואס? וואס איז דא פאראן מורא צו האבען?... מיר זיי־נען דאך גאנץ אליין...“

„אימיצער וואויעט אזוי...“

www.libtool.com.cn



„ס'האָט זיך דיר נור געמוזט חלום'ען..." האָט דער הויקער גע־זאָגט גאַנץ שטיל.

„ביי גאָט — ער וואויעט!"

„אַזוי... אפשר איז דאָס געווען א וואָלף... אבער ער איז דאָך אַזוי ווייט פון אונז... שלאָף נור, שלאָף!..."

אבער דער קליינער איליא האָט שוין מעהר ניט געקענט איינ־שלאָפען. דורך דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט איהם פערקלעמט ביים הערצעל, און אין די אויערען האָט איהם כסדר געקלונגען יענער מערקווירדיגער, יענער וויינענדיגער קול. ער האָט בעטראַכט מיט אויפמערקזאַמקייט די געגענד און האָט געזעהן, ווי דער פעטער זיי־נער קוקט אהין, אויפ'ן בארג, ווייט, ווייט אין וואַלד, וואו עס הויבט זיך אויף די ווייסע קירכע מיט די פינף שפּיצען, אויף וועלכע די גרויסע, קיילעכדיגע לבנה שיקט אראָב איהרע שטראַהלען. איליא האָט דערקענט, אז דאָס איז די קירכע פון'ם דאָרף ראַמאַדאַנאָווסק, און אז צוויי ווערסט פון דאָרט, נעהנטער צו דעם פלאַץ, וואו זיי געפינען זיך איצט, ליגט זייער אייגענער דאָרף קיטעשנאַיאַ.

„מיר זיינען נאָך גאָר קיין סך ניט אָבגעפאָהרען", האָט זיך אי־ליא אָבגערופען.

„וואָס?" האָט דער פעטער געפרעגט.

„מיר דאַרפען דאָך פאָהרען ווייטער, מיין איך... ס'קען נאָך אימיצער אָנקומען פון דאָרט..."

און מיט אן אויסדרוק פון פיינדשאַפט האָט איליא אָנגעצייגט אויף דער זייט, וואו דאָס דאָרף געפינט זיך.

„מיר וועלען שוין פאָהרען ווייטער... האָב קיין מורא ניט!..." האָט דער פעטער געענטפערט.

און ווידער אמאָל איז געוואָרען שטיל. איליא האָט זיך אנידער־געזעצט אויף די קניע, האָט זיך אָנגעהאַלטען אַן דעם פאָדערשטען טהייל פון וואָגען און גענומען קוקען אהין, וואו דער פעטער האָט געקוקט. אין דעם געדיכטען, שוואַרצען חושך, וואָס האָט געהערשט אין וואַלד, האָט מען דאָס דאָרף ניט געקענט זעהן, נאָר איליא'ן האָט זיך פונדעסטוועגען אויסגעדוכט, אז ער זעהט עס ווירקליך אין גאַנצען. אַזוי ווי עס שטעהט און נעהט, מיט אלע הייזער און מענשען.

www.libtool.com.cn



און מיט דעם אלטען בוים אויפ'ן גאס, לעבען ברונען. אויף דער ערד, לעבען בוים, ליגט זיין פאטער, געבונדען מיט שטריק, אין א צוריסענעם העמד; די הענד געבונדען אהינטער אויפ'ן רוקען, די נאַ־קעטע ברוסט ארויסגעשטעלט און דער קאפ אזוי ווי צוגעוואקסען צום בוים. ניט ריהרענדיג זיך פון ארט, פונקט ווי א טויטער, ליגט ער דא, און מיט א מורא'דיגען אויסדרוק אין די אויגען קוקט ער אויף די בויערען, וועלכע האבען זיך צונויפגעקליבען און שטעהען לעבען דעם סטארעסטא'ס הויז. זיי זיינען אזוי פיעל, אזא מאסע, און זיי קוקען אלע בייז, און שרייען און שעלטען. די דאזיגע עראינערונג האט דעם קליינעם אינגעל געמאכט אומעטיג, און עפעס האט איהם גע־שטאכען אין הערצעל. ער האט זיך געפיהלט, אז אט, אט וועט ער ארויספלאצען אין א שרעקליך געוויין, פון הארצקלעמעניש און קעלט. ער האט אבער ניט געוואלט שטערען זיין פעטער; ער האט זיך דארום איינגעהאלטען מיט אלע כחות, און כדי זיך צו דערוואַרע־מען, האט ער נאך מעהר צוזאמענגעקרימט זיין קליינעם קערפער...

מיט אמאל האט ער פון דאס ניי דערהערט יענעם מערקווירדי־גען, וואויענדיגען טאן. אין אנהויב האט עס געקלונגען אזוי ווי א שווערער, שלוכצענדער זיפץ, און דערנאך ווי א מורא'דיג טרויעריגעם וועה־געשריי:

„א—א—או—א—א!...“

דאס אינגעל האט זיך צוזאמענגעצויגען פאר שרעק און האט זיך צוגעהערט. אבער אלץ טרויעריגער און ציטערענדער האט דער טאן אבגעקלונגען אין דער לופט און אלץ שטארקער און שטאר־קער איז ער געווארען.

„פעטערל! דו וואויעסט עס אזוי?“ האט איליא געשריגען.

טערענטי האט ניט געענטפערט און האט זיך אפילו פון ארט ניט א ריהר געטהאן. מיט אמאל איז דער קליינער איליא אראבגעשפרונ־גען פון וואגען, איז צוגעלאפען צום פעטער, האט זיך פעסט צוגעטו־ליעט צו איהם און האט זיך אויך צוכליפעט אויפ'ן קול. אין מיטען זיין געוויין האט ער דערהערט זיין פעטער'ס שטימע:

„אויסגעשטויסען... ארויסגעווארפען האבען זיי אונז... אה גאט אין הימעל! וואוהין זאלען מיר געהן?... וואוהין?“

www.libtool.com.cn



און נאָך אימער וויינענדיג, מיט טרעהרען אין די אויגען, האָט דאָס אינגעל געזאָגט:

„וואַרט נור אקאָרשט... ווען איך וועל נור ווערען גרויס!... דאַן וועל איך זיך שוין אָברעכענען מיט זיי!... יאָ!..."

אַז ער האָט זיך אויסגעוויינט, איז ער אנשלאָפען געוואָרען. דער פעטער האָט איהם גענומען אויף די הענד און איהם אוועקגעטראָגען אין וואָגען. ער אליין אָבער האָט זיך ווידער אָבגעקעהרט אַן א זייט, און האָט פון דאָס ניי גענומען וויינען און קלאָגען — אזוי יאָמערליך, אזוי טרויעריג...

## 2.

איליא האָט זיך שפּעטער גאַנץ דייטליך געקענט דערמאָנען, ווי אזוי ער איז אָנגעקומען אין שטאָדט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין א שעהנעם פריהמאָרגען און האָט דערזעהן פאַר זיך א ברייטען, פּלי־סענדען טייך. פון דער אנדער זייט טייך, אויף א הויכען בארג, האָט ער געזעהן א גאַנצען הויפען הייזער מיט גרינע און רויטע דעכער, און צווישען די הייזער זיינען געשטאַנען הויכע, בעבלעטערטע בוימער. די וואוינונגען זיינען געווען אויסגעשטעלט געדיכט איינע לעבען די אַנ־דערע און האָבען זיך געצויגען אַלע העכער און העכער צום רוקען פון בארג; און גאָר אויבען, אויפ'ן סאַמע שפּיץ בארג, זיינען זיי געשטאַנען אין א גלייכער שורה און האָבען אראָבגעקוקט מיט שטאָלץ אין טייך. די גילדערנע צלמים און שפּיצען פון די קירכען האָבען זיך אויפגעהויבען הויך איבער די דעכער צום הימעל. די זון איז נור וואָס אויפגעגאַנגען. איהרע משופּע'דיגע שטראַהלען האָבען זיך אָב־געשפּיגעלט אין די פענסטער פון די הייזער, און די גאַנצע שטאָדט האָט געפלאַמט אין העל־בליסטשענדע פאַרבען, געגלאַנצט אין לויטער גאָלד.

„אָך, ווי שעהן דאָס איז!" האָט דאָס אינגעל אויסגערופען גאַנץ שטיל, אין זיך; און מיט אָפענע, נייגיעריגע בליקען האָט ער בעטראַכט דאָס וואונדערליכע בילד. ער האָט גאָר די אויגען ניט געקענט אוועק־נעהמען דערפון. מיט אמאָל שווימט איהם אין מוח'ל אויף דער

www.libtool.com.cn


אונזיכערער געדאנק: וואו וועט ער זיך דא אהינטהאן אין דער קופּה פון הייזער; ער, דאס קליינע אינגעל, מיט די שווארצע קאלטענעס און מיט די ארעמע מאיטקעס פון פּראסטע קאנאפּליע, — ער מיט זיין שוואכען, הויקערדיגען פעטער? וועט מען זיי איבערהויפּט אריינלאזען אהער, אין דער ריינער, רייכער, גרויסער שטאדט פון גינגאלד? עס איז געווען זיין מיינונג, אז זייער וועגעלע איז דעריבער געבליבען שטעהן דא, ביים ברעג טייך, מחמת אין אזא שטאדט לאזט מען ניט אריין אזעלכע ארעמע, אבגעריסענע און פּראסטע מענשען ווי זיי זיינען, און דער פעטער, אזוי האט ער זיך געטראכט, איז מסתמא אריבערגעגאנגען, זיך איינבעטען ביי דער שטאדט, מען זאל זיי פארט אריינלאזען.

מיט אויסגעשטעלטע אויגען, פול מיט זארג, האט זיך איליא אומגעקוקט נאך זיין פעטער. פאראויס, פאר זייער וואגען, און הינטער איהם זיינען געשטאנען נאך אנדערע וועגען. אויף איינעם האט מען געקענט זעהן הילצערנע פעסער מיט מילך, אויף אנדערע גרויסע קערב מיט היהנער, אוגערקעס, ציבעלעס, קוישען מיט יאגעדעס, זעק מיט קארטאפעל. אויף די וועגען און ארום זיי זיינען געזעסען און געשטאנען פויערן און פויערטעס. דאס זיינען עפּעס געווען מאדנע מענשען. זיי האבען גערעדט הויך, אויפ'ן קול, און אנגעטהאן זיינען זיי געווען ניט אין בלויע קאנאפּליענע בגדים, נור אין קליידער פון קולירטען ציץ און רויטען באנוויל. כמעט אלע זיינען געגאנגען אין שטיוועל, און כאטש א מאן מיט א שווערד ביי דער זייט — א פּריסטאוו אדער אזוי א שומר — איז ארומגעגאנגען הין און צוריק לעבען זיי, פונדעסטוועגען האבען זיי גאר קיין מורא ניט געהאט פאר איהם: זיי האבען איהם אפילו גוט מארגען ניט געזאגט, אזוי ווי ער וואלט גאר פאר זיי ניט עקזיסטירט. און דאס איז איליא'ן גאנץ שטארק געפעלען. ער איז געזעסען אויפ'ן וואגען, האט בעטראכט דאס לעבעדיגע בילד, איינגעטונקט אין ליכטיגען זונען־שיין, און אין זיין קעפּעל זיינען דורכגעפלויגען פערשיעדענע מחשבות. ער האט געטרוימט פון דער צייט, ווען ער וועט אויך זיין אזוי גליקליך, ווען ער וועט אויך קענען טראגען שטיוועל און געהן אין א העמד פון רויטע באנוויל.

www.libtool.com.cn



אין דערוויטענס, צווישען די בויערן, האָט זיך בעוויזען דער פעטער טערענטי. מיט פעסטע, זיכערע טריט איז ער געגאַנגען אין זאַמד, דעם קאָפּ אין דער הויך. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט צו־פרידענהייט, און שוין פון וויטען האָט ער צוגעשמייכעלט צו איליאַ'ן און האָט אויסגעשטרעקט צו איהם די האַנד, איהם אָנצייגענדיג אויף עטוואָס.

„גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף אונז, איליושקא!" האָט דער הויקער געזאָגט. „האָסט געַרניט וואָס מורא צו האָבען! דעם פע־טער פעטרושקא האָב איך גלייך געפונען... נאַ, אָט האָסט דו, קענסט דערווייל עפּעס פערבייסען!..."

און ער האָט דערלאַנגט איליאַ'ן א קיכעל.

דאָס אינגעל האָט עס צוגענומען מיט עהרפורכט, עפּעס מיט א מין מורא'דיגען רעספּעקט, האָט עס בעהאַלטען אונטער'ן העמד, און מיט א שמערצליכען טאָן האָט ער געפרעגט:

„אָט אפנים זיי וועלען אונז ניט אריינלאָזען אין שטאָדט?"

„גלייך וועלען זיי אונז אריינלאָזען... דאָס שיפעל וועט קומען — דאַן געהען מיר אריבער דעם טייך".

„מיר אויך?"

„נו, געוויס וועלען מיר אויך אריבערפאָהרען... דאָ קענען מיר דאָך ניט בלייבען..."

„אַך, און איך האָב שוין געמיינט, אז זיי וועלען אונז ניט אריינלאָזען!... און וואו וועלען מיר וואוינען דאָרט, אין דער שטאָדט?"

„דאָס ווייס איך נאָך אליין ניט... גאָט וועט אונז שוין צייגען דעם וועג..."

„אפשר אין דעם גרויסען הויז דאָרט, אין'ם רויטען..."

„וויים איך וואָס, דו נאַריש אינגעל דו! דאָס איז דאָך א קאַ־זאַרמע!... דאָרט וואוינען זעלנער..."

„אָדער אין דעם דאָזיגען דאָ... אָט דאָ, אין דעם!"

„ניין, דאָס איז פאַר אונז צו הויך!..."

„ס'מאַכט ניט", האָט איליא געזאָגט מיט א טאָן פון איבער־צייגונג, — „נישקשה, מיר וועלען שוין ארויפקריכען!..."

www.libtool.com.cn


„אה, דו!“ האָט פּעטער טערענטי א זיפץ געטהאָן און איז ווידער אמאָל פערשוואונדען.

זיי זיינען אריינגעפאָהרען ערגעץ־וואו אין עק שטאָדט, לעבען א מארק, אין א גרוים גראָה הויז. ביי די ווענד פון דיזען הויז זיינען געווען אָנגעשפּארט פערשידענע בנינים, א טהייל פון זיי ניי־געבויט, די איבעריגע אזוי שמוציג־גראָה און אלט ווי דאָס הויז גופא, די פּענס־טער און די טהירען אין דיזען הויז זיינען געווען קרום און לאָם, און אלצדינג האָט זיך געהוידעט און גערודעלט. די קליינע, צוגעבויטע שטיבלאַך, דער גדר, דער טויער — אלצדינג האָט זיך עפּעס אזוי ווי געהאַלטען צוזאַמען און האָט זיך פעראייניגט אין א גרויסען הויפען פון האלב־פערפוילטע קלעצער, בעדעקט מיט גרינעם שימעל. די שויב־בען פון די פענסטער זיינען געווען פעראומערט, פער׳חשך׳ט פון אלט־קייט. א פּאָר באלקענס פון׳ם פּאָדערשטען טהייל פון הויז זיינען געווען ארויסגערוקט אין פראָנט. דאָס הויז האָט איבערהויפּט אויס־געזעהן פּונקט ווי זיין בעל הבית, וועלכער האָט דאָרט געהאַלטען א שיינק. דער דאָזיגער בעל הבית איז אויך געווען אלט און גראָה; די אויגען אין זיין אָבגעלעבטען געזיכט האָבען אויסגעזעהן ווי די גלע־זערנע שויבען אין די פענסטער פון הויז. בשעת׳ן געהן האָט ער זיך אָנגעשפּארט מיט אלע כחות אויף א דיקען שטעקען — ס׳איז איהם הפּנים גאָרניט לייכט געווען צו שלעפּען זיין געוואלדיג גראָבען בויך — און ער האָט כסדר געהאַלטען אין איין שרייען און מאכען גע־וואלדען.

פּעטער טערענטי האָט זיך אויסגעזוכט א פּלאַץ אין א ווינקעל פון דיזער געביידע. אונטען אין קעלער, אויף א באַנק, לעבען א פענסטער, וואָס איז ארויס אין הויף, האָט ער זיך געמאכט ווי ביי זיך אין דער היים. אין יענעם עק פון הויף איז געלעגען א גרויסע קופּה פון שטיקלאַך פערפוילטע קלעצער און ניט ווייט פון דאָרט איז געשטאַנען א לינדען־בוים, לעבען צוויי בינטלעך גראָז. עס איז געווען אויפ׳ן דריטען טאָג, נאָכדעם ווי טערענטי מיט זיין פּלימעניקעל זיינען אָנגעקומען, האָט דער בעל הבית פון הויז מיט אמאָל דערזעהן איליא׳ן, וועלכער האָט זיך געזוכט צו בעהאַלטען פאר איהם הינטער

www.libtool.com.cn



דעם אַנגעוואָרפענעם בארג פון מיסט און האָט געקוקט אויף איהם מיט דערשראָקענע אויגען.

„ווען־מעס ביסטו דו, אינגעל? הא?" האָט דער בעל הבית גע־פרעגט מיט זיין שרייענדיגען קול און האָט בשעת מעשה אָנגע־צייגט מיט'ן שטעקען אויף איליאן. „ווי קומסט דו אהער? הא?"

איליא האָט א פינטעל געטהאָן מיט די אויגען און איז געבליבען שטיל.

„עי, חברה, וואָס פאר א אינגעל איז דאָס דאָ? זאָל ער מיר שוין אוועק פון דאנען! ארויס, דו קליינער לומפּ דו! וואָרט, איך וועל דיר!... הא? אזוי, דו — פּוסט־און־פּאַסטניק דו! אזוי, דעם גע־פּעס־שווינקער'ס ביזט דו? א זיהנדעל זיינס, ניין? אה, כ'פער־שטעה — א קרוב זיינער ביזט דו! דאָס האָט ער דאָך געמענט פריי־הער זאָגען, דער הויקער־גנב, אז ער האָט א קרוב'ל מיט זיך! העי, פּיאָטר, וואָס קוקסט דו דאָרט? דער הויקער האָט דאָך גאָר א קרוב מיט זיך — וואָס הייסט דאָס אזוינס? דאָס איז פאר מיר גאָר קיין עסק ניט, הערסט?"...

דער בופּעטשיק האָט ארויסגעשטעקט זיין רויטען פּנים דורך'ן פענסטער וואָס געהט ארויס פון שיינק אין הויף, און פּונקט מיט אזא הויכען קול ווי דער בעל הבית האָט ער געזאָגט:

„נור אויף א קורצע צייט האָט ער גענומען דעם אינגעל מיט זיך! האָט אביסעל איינזעהן, וואסילי דאָרימינדאָניטש — ס'איז אן ארימער יתום... כ'האָב עס געוואוסט... אבער, אז איהר פערלאַנגט ניט אנדערש, וועט ער גלייך אוועק פון דאנען..."

אז איליא האָט נור דערהערט, אז ער וועט מוזען אוועק פון דאָרט, האָט ער אָנגעהויבען שרייען אויפ'ן קול. ווי א פייל פון בויגען האָט ער זיך א לאָז געטהאָן און איז אריינגעשפּרונגען דורך'ן פענסטער אין קעלער, פּונקט ווי א מויז לויפט אריין אין איהר לאָך. דאָרט האָט ער זיך אנידערגעוואָרפען אויפ'ן באַנק, האָט איינגעגראָ־בען דעם קאָפּ אין זיין פעטער'ס ראָק, און אין הוילע ציטערניש פון שרעק, האָט ער גענומען וויינען. אבער באלד איז געקומען דער פעטער און האָט איהם איינגעשטילט.

„שאַ, שאַ! האָב קיין מורא ניט!..." האָט ער איהם געטרייסט.

www.libtool.com.cn



„דאָס שרייט ער נור לפנים אזוי! ער מיינט עס דען?... ר'איז שוואַכזיניג געוואָרען פון אַלטקייט... חוץ דעם איז דאָך ניט ער דער הויפּט מאַכער דאָ, נאָר פּעטרוכא... פּעטרוכא האָט דאָ צו שאַפען איבער אַלצדינג... איהם מוזטו זעהן געפעלען! זעה נור האָב פּאַר איהם דרך ארץ! און דער בעל הבית.. דער איז דאָך איבערהויפּט אַן איבעריגער מענש דאָ אין הויז...“

די ערשטע צייט, וואָס איליא האָט זיך געפונען אין דיזען הויז, איז ער ארומגעקראָכען אומעטום און האָט אַלצדינג בעטראַכט און בעקוקט. דאָס הויז איז איהם שטאַרק געפעלען, און ער האָט זיך גאָר ניט געקענט אָבוואונדערען, ווי גרויס עס איז. עס איז געווען אַזוי געדיכט אָנגעפּאַקט מיט מענשען, אַז איליא'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס וואוינען דאָרט אַ סך מעהר לייטע ווי אין גאַנצען דאָרף קיטעשנאַיאַ. און אַזאַ ליאַרם, אַזעלכע מורא'דיגע קולות זיינען דאָרט שטענדיג געווען, אַקוראַט ווי אויף אַ יריד.

ביידע עטאַזשען פון הויז זיינען געווען פערנומען מיט'ן שיינק. וואָס איז שטענדיג געווען פול מיט געסט. אויבען, אין די בוידעמס, האָבען געוואוינט עטליכע שכור'ע ווייבער; איינע פון זיי האָט געהייסען מאַטיצא, אַ געוואַלדיג גרויסע שוואַרצע פּאַרשוין, מיט אַ געזונדער באַס־שטימע, וועלכע האָט כסדר געשראָקען די קינדער מיט איהרע דונקעלע, ווילדע אויגען. אונטען, אין קעלער, האָט געוואוינט דער שוסטער פּערפּישקא מיט זיין קראַנק, געלעהמט ווייב און מיט זיין זיבען־יעהריג טעכטערל. אַ חוץ דער פאַמיליע האָבען זיך דאָרט אויך אויפגעהאַלטען אַן אַלטער שמאַטעס־קלייבער מיט'ן נאָמען „זיידע“ יערעמעי, אַ מאָגערע אַלטע בעטלעריז, וועלכע איז געקרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען „די שרייערקע“, מחמת זי האָט מעהר געשריען ווי גערעדט, און דער קוטשער מאַקאַר סטעפּאַניטש, אַ בעיאָהרענטער, געזעצטער און שטילער מענש.

אין איין ווינקעל פון הויף איז געווען אַ שמידעריי. דאָ האָט עס געברענט און געפלאַקערט פון אין דער פריה ביז ביינאַכט. מען האָט דאָ פערריכט רעדער, בעשלאָגען די פערד מיט פּאָדקאָוועס; די האַמערס האָבען ניט אויפגעהערט צו קלאַפּען, און דער הויכער שמיעד סאַוועל גראַטשעוו האָט געהאַלטען אין איין זינגען טרויעריגע, לאַנגע,

www.libtool.com.cn



לאנגע ליעדער. אפטמאָל פלעגט אין דער שמיעדערײַ אַרײַנקומען סאַוועל'ס ווייב, אַ קליינע פרוי, דונקעל־בלאָנד מיט בלויע אויגען. זי האָט תמיד געטראָגען אַ ווייס טיכעל אויפ'ן קאָפּ, און דער דאָזיגער קאָפּ, איינגעהילט אין ווייסען, האָט געמאַכט עפּעס אַ מאָדנעם איינדרוק אין דער טונקעלער, שוואַרצער שמיעדערײַ. כמעט שטענדיג האָט מען געקענט הערען פון איהר אַ זילבערן געלעכטערל, אויף וואָס סאַוועל האָט, ווי דער שטייגער איז, געענטפערט מיט אַ גראָבען ווילדען געלעכטער, וואָס האָט געקלונגען אַזוי ווי די קלעפּ פון זיין האַמער. אָפטמאָל אָבער האָט מען געקענט הערען זיין ווילדען געשרײַ, אַלס ענטפער אויף איהר לאַכען. עס האָט געהייסען, אַז סאַוועל איז ליידענשאַפטליך פערליעבט אין זיין פרוי, וועלכע פיהרט אַן אויסגעלאַסען לעבען...

אין יעדען לאַנד, אין יעטוועדען שפּאַלט פון הויז אין געזעסען אַ מענש, און פון גאַנץ פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דאָס הויז געציטערט פון ליאַרעם און געשרײַ. ווי אין אַ קעסעל האָט עס דאָרט געקאָכט. אין אָבענד פלעגען די אַלע מענשען אַרויסקריכען פון זייערע לעכער אין הויף, אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבען טויער. דער שוסטער פערפישקא האָט געשפּיעלט אויף זיין האַרמאָניקאַ, סאַוועל האָט געברומט זיינע ליעדער, און מאַטיצאַ, אַ שכור'ע, האָט געזונגען עפּעס אַ מאָדנע זאַך, אַ זעהר טרויעריגס, מיט ווערטער וואָס קיינער האָט ניט געקענט פערשטעהן; געזונגען האָט זי און דערצו געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.

ערגעץ־וואו אין אַ ווינקעל פון הויף האָבען זיך צונויפגעקליבען אַלע קינדער פון הויז אין אַ ראָד, אַרום דעם זיידען יערעמעי, און האָבען זיך געבעטען ביי איהם:

„זיידעניו! דערצעהל אונז עפּעס אַ געשיכטע!"

דער אַלטער שמאַטעס־קלייבער האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיי מיט זיינע קראַנקע רויטע אויגען, פון וואַנען עס האָבען שטענדיג אַראָבגערונען הייסע טרעהרען אויף זיין צוקנייטשטען פּנים; און אַראָבגעבוקענדיג זיין פוקסענע היטעל איבער'ן שטערן, האָט ער מיט אַ ציטערנדער, דינינקער שטימעלע אָנגעהויבען זיין מעשה'לע:

„ערגעץ וואו אין אַ לאַנד, כ'ווייס ניט אויף ריכטיג וואו, איז,

www.libtool.com.cn



כ'וויים ניט ווי אזוי, געבארען געווארען א זינדיג קינד, א קליין פריי־מויער'ל, אן אפיקורס'ל. ווער זיינע עלטערן זיינען געוועז, האט מען ניט געוואוסט. נאר זיכער איז געוועז, אז דאס האט זיי גאט דער אלוויסענדער מיט דעם קינד געשטראפט פאר זייערע זינד..."

זיידע יערעמעי'ס לאנגע גרויע באָרד האט זיך בעוועגט און געציטערט, בשעת ער האט אויפגעעפענט זיין שווארצען מויל, אהן צייהן. זיין קאפ האט זיך ארומגעשאקעלט אהין און אהער, און א טרעהר נאך א טרעהר האט זיך אראבגעגליטשט אויף די צוקנייטשטע באקען זיינע.

„און שטארק אויסגעלאסען איז דאס דאזיגע אפיקורסישע קינד געוועזן". האט זיידע יערעמעי ווייטער דערצעהלט. „אן אמת'ער עזות פנים: האט ניט געגלויבט אין יעזוס קריסטוס, גאט'ס מאמען ניט ליעב געהאט, פלעגט פערביייגעהן א קירכע און קיינמאל דעם הוט ניט אראבנעהמען, אפילו טאטע־מאמע האט ער ניט געפאלגט..."

די קינדער האבען זיך צוגעהערט צו דעם אלטען'ס דינע, ציטערנ־דע שטימע, און שטילערהייט, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט, האבען זיי איהם געקוקט גלייך אין געזיכט אריין.

אויפמערקזאמער פון אלע אנדערע קינדער האט זיך צוגעהערט און געקוקט דער בלאנדער יאשקא, דעם בופעטשיק פעטרוכא'ס זוהן. דאס איז געוועזן א מאגערער אינגעל, מיט א שפיציג נעזעל, א גרויסען קאפ אויף א דין העלזעל. בשעת ער איז געלאפען האט זיך זיין קאפ בסדר ארומגעווארפען אהין און אהער, פונקט ווי ער וואלט זיך ווע־לען אבגרייסען פון קערפער. זיינע אויגען זיינען אויך געוועזן גרויס און שטארק אונרוהיג. זיי זיינען אימער ארומגעפלויגען פון איין זאך צו דער אנדערער, אזוי ווי זיי וואלטען מורא געהאט, זיי זאלען זיך ניט צוקלעפען חלילה צו איין זאך. און אז זיי פלעגען זיך שוין אמאל יא אבשטעלען אויף וואס עס איז, פלעגען זיי אזוי שטארק ארויסקריכען פון די לעכער, אז זיי האבען דעם אינגעל געגעבען א מאדנעם אויסזעהן, אזוי ווי א ליימענער גולם, א בהמה. זיין צארט, בלאס פנים'ל און זיינע ריינע, גאנצע קליידער האבען אימער געצוי־גען די אויפמערקזאמקייט פון יעדען איינציגען אויף איהם. איליא איז גאנץ גיך בעפריינדעט געווארען מיט איהם, און גלייך דעם ערשטען

www.libtool.com.cn



טאג פון זייער בעקאנטשאפט האט יאשקא מיט א געהיימניספאלער מינע געפרעגט זיין חבר:

„פאראן ביי אייך אין דארף עפעס א סך כשוף־מאכער?“

„אודאי זיינען זיי דא,“ האט איליא געענטפערט, „און אויך מכשפות זיינען פאראן... אונזער שכן האט געקענט טרייבען כשוף“.

„ער האט געהאט רויטע האר?“ האט זיך יאקאוו שטילערהייט נאכגעפרעגט.

„ניין, גראע... ז׳האבען אלע גראע האר“.

„די גראע זיינען ניט אזוי שלעכט, זיי האבען גוטע הערצער... אבער די מיט רויטע האר — אה, כ׳זאג דיר!... בלוט טרינקען זיי...“

זיי האבען זיך אויסגעקליבען דעם בעסטען ווינקעל אין הויף, אונטער דעם לינדען־בוים, וואו זיי פלעגען פערברייינגען צוזאמען. דארט איז אימער געווען שטיל, און א חוץ דעם הימעל איבער׳ן קאפ און די וואנד פון הויז מיט דריי פענסטער, וואס צוויי פון זיי זיינען שטענדיג געווען פערמאכט, האט מען פון דעם ווינקעל גאר ניט געקענט זעהן. אויף די צווייגען פון בוים זיינען ארומגעשפרונגען די פויגעלאך, סווישטשענדיג. אויף דער ערד, לעבען בוים, זיינען כסדר געזעסען די צוויי קליינע חברים און האבען געפלוידערט איבער אלצדינג וואס האט זיי אינטערעסירט.

גאנצע טעג נאכאנאנד האט עס געליארעמט און געטומעלט אין איליא׳ס אויערען. אין אנהויב איז ער פשוט צודולט געווארען פון דעם מישמאש, פון דעם טומעלדיגען לעבען אין דיזען הויז. אין שיינק איז איליא אפטמאל געשטאנען לעבען זיין פעטער טערענטי, וועלכער איז געווען דורכגענעצט פון שוויים און פון׳ם וואסער, מיט וואס ער האט געוואשען און געשווייינקט די כלים. איליא האט געזעהן, ווי די מענשען קומען אריין, טרינקען, עסען, שרייען, זינגען, קושען און שלאגען זיך — אלץ אין איינעם. זיי זיינען שטענדיג געווען אבגעגאסען פון שוויים, מיעד און שמוציג; גאנצע וואלקענס פון רויך האבען אנגעפליט דעם שיינק, און אין מיטען פון דיזען רויך האבען זיי, די מענשען, געליארעמט און זיך ארומגעריסען ווי האלב־פערריקטע.

„איי, איי!“ פלעגט דער פעטער זיך אנרופען צו איהם, א שאקעל טהאנדיג מיט׳ן הויקער און קלאפענדיג שטענדיג מיט די גלע־

www.libtool.com.cn



זער. „וואָס האָסטו דאָ צו טהאָן ? געה שוין אַרויס אין הויף ! אַניט וועט דיך דערזעהן דער בעל הבית און וועט ווידער שרייען !...“

צוטומעלט פון׳ם ליאַרם אין שיינק, געהט איליא ווידער אַרויס אין הויף. דאָ לעכערט סאַוועל דעם קאָפּ מיט זיין האַמער און רייסט זיך נאָך דערצו אַרום מיט זיינע לעהר־יונגען. פון קעלער הערט זיך אַרויס דאָס פּרעהליכע ליעד פון׳ם שוסטער פּערפּישקאַ, און פון אויבען, פון די בוידימס, קומט אַראָב אַ מבול פון קללות און געשריי־ען, וואָס די שכור׳ע ווייבער גיסען אויס איינע אויף די אַנדערע. סאַוועל׳ס זוהן, דער „מזיק“, ווי מען האָט איהם גערופען, רייט אַרום אויף אַ שטעקען אין הויף און שרייט מיט אַ צאָרנדיגען קול צו זיין „פערד“ :

„נו שוין, גיכער, סטערווע !“

זיין קיילעכדיגער, פּרעכער פּנים איז געווען בעדעקט מיט שמוץ. אויפ׳ן שטערען האָט ער געהאַט אַ בייל. דורך די לעכער פון זיין העמד זעהט זיך אַרויס זיין געזונדער, קרעפּטיגער קערפּער. פּאַשקאַ איז געווען דער גרעסטער באַד־יונג אויפ׳ן הויף. איליא׳ן האָט ער שוין צוויי מאָל גוט אָבגעבראָכען די ביינער, און אַז דאָס אינ־געל האָט זיך געקלאָגט פאַר׳ן פעטער, האָט דער הויקער אַ ציה גע־טהאָן מיט די פּלייצעס און געזאָגט :

„וואָס קען מען טהאָן ? מוזט עס אַריבערטראָגען... נישקשה, ס׳וועט אַריבערגעהן“.

„כ׳וועל איהם אָבער אַמאָל אַזוי דערלאַנגען, אַז ער וועט עס האָבען צו געדיינקען !“ האָט איליא געסטראַשעט, גיסענדיג דערביי מיט ביטערע טרעהרען.

„זאָלסט עס ניט טהאָן !“ האָט דער פעטער איהם געוואָרענט גאַנץ שטריינג. „הערסט ? דאָס טהאָרסטו אויף קיין פאַל ניט טהאָן !“

„ער, הייסט עס, מעג — און איך ניט ?“

„ער !... ער איז אַ היגער, פערשטעהסטו מיך... און דו — דו ביסט אַ פרעמדער דאָ, אויף דעם אָרט...“

איליא האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען, אַז ער וועט זיך אָב־רעכענען מיט פּאַשקאַ׳ן. נאָר מיט אַמאָל איז דער פעטער זיינער אַרויס פון די כלים און האָט געגעבען אַ געשריי מיט צאָרן אויף זיין פּלימע־

www.libtool.com.cn



ניק, וואָס ער האָט געוועהנליך זעהר זעלטען געטהאָן. ערשט דער־מאָלט איז איליא'ן קלאָהר געוואָרען, אז דער פעטער איז געדעבט און אז ער טהאָר זיך ניט צוגלייכען צו די „היגע" קינדער. ער האָט דעריבער נאָכגעגעבען, און בעהאַלטענדיג אין זיך די שנאה זיינע צו פּאשקא'ן, האָט ער זיך וואָס ווייטער אַלץ מעהר צוגעבונדען צו זיין חבר יאקאָוו.

יאקאָוו האָט זיך אויפגעפיהרט זעהר אַנשטענדיג: ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשלאָגען מיט די אַנדערע קינדער און זעלטען ווען ער האָט זאָגאר א געשריי געטהאָן. ער פלעגט אויך כמעט קיינמאָל ניט נעהמען קיין שום אנטהייל אין די שפּיעלען פון זיינע חברים; פונ־דעסטוועגען האָט ער ליעב געהאַט כסדר צו ריידען וועגען דעם, ווי אזוי די קינדער פון די רייכע לייט פערברייננגען, מיט וואָס זיי שפּיע־לען זיך אין די גרויסארטיגע הויפען און אין שטאָדט־פּאבריק. אויסער איליא'ן איז יאקאָוו געוועזען בעפריינדעט מעהר ניט ווי מיט נאָך איין קינד פון גאנצען הויף; דאָס איז געוועזען די זיעבען־יעהריגע מאשקא, דעם שוסטער פּערפישקא'ס טאָכטער. מאשקא איז געוועזען א שמוציג, צארט און שוואך קינד. איהר קליין, שווארץ קעפּעלע האָט זיך ארומ־געוואָרפען אהין און אהער איבער'ן הויף פון אין דער פריה ביז ביי־נאכט. איהר מוטער איז אויך שטענדיג געזעסען ביי דער טהיר פון קעלער. זי איז געוועזען הויך־געוואקסען, האָט געטראָגען א לאנגען צאָפּ איבער די פּלייצעס און האָט שטענדיג געגעהט, איז תמיד געוועזען אריינגעטהאָן אין איהר ארבייט. אז זי פלעגט נור אויפהויבען דעם קאָפּ, כדי צו זעהן וואָס איהר טעכטערל טהוט, האָט איליא געקענט זעהן איהר געזיכט. דאָס איז געוועזען א בלאס־בלויער פערגליווערטער פּנים — אזוי ווי דער אָנבליק פון א מת. אויך איהרע שווארצע אוי־גען, וואָס האָבען אימער געקוקט אזוי ליעב, אזוי פריעדליך, זיינען איצט געוועזען אזוי ווי פערגליווערט; זיי האָבען זיך קיין ריהר ניט גע־טהאָן. זי האָט קיינמאָל מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, און איהר טאָכטער אפילו פלעגט זי צורופען צו זיך מיט א וואונק, מיט א צייכען וואָס זי האָט געמאכט מיט דער האנד. זעלטען ווען מען האָט געהערט איהר הייזעריגע, האַלב־דערשטיקטע שטימע, רופענדיג:

„מאשא!"

www.libtool.com.cn


אין אַנהויב האָט די דאָזיגע פּרוי עפּעס נושא חן געווען ביי איליאַ'ן אין די אויגען. נאָר שפּעטער, אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זי איז שוין זייט דריי יאָהר געלעהמט און אַז זי וועט מן הסתם באַלד שטאַרבען, האָט ער אָנגעהויבען עפּעס מורא האָבען פאַר איהר.

איינמאָל, בשעת איליאַ איז פערבייגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט לע־בען איהר, האָט זי אויסגעשטרעקט איהר אָרעם, האָט אָנגעכאַפּט דעם דערשראָקענעם איינגעל ביים אַרבעל און האָט איהם צוגעצויגען צו זיך.

„איך בעט דיך, מיין זוהן", האָט זי געזאָגט, „זיי פריינדליך צו אונזער מאשאַ'ן!... זיי גוט מיט איהר!"

עס איז איהר זעהר שווער אָנגעקומען אַרויסצורעדען דיזע ווער־טער: זי איז פּשוט געבליבען אָהן אַן אָטהעם דערביי.

„זיי מיט איהר... גאַנץ גוט, מיין טהייערער!..."

בשעת מעשה האָט זי איליאַ'ן געקוקט גלייך אין געזיכט אריין, און געקוקט האָט זי מיט אַזעלכע בעטענדיגע, רחמנות'דיגע אויגען! דערנאָך האָט זי איהם אָבגעלאָזען. פון דענסטמאָל אָן האָט זיך איליאַ, צוזאַמען מיט יאַקאָוו'ן, כסדר אָנגענומען פאַר דעם שוסטער'ס טאָכ־טער, און ער האָט זי שטענדיג בעשיצט געגען די איבעריגע קינדער פון הויף. עס איז איהם געווען אַזוי ליעב צו ערפילען די בקשה פון אַן ערוואַקסענער עלטערער פּערזאָן, בפרט נאָך אין דער צייט וואָס אַלע גרויסע מענשען האָבען צו איהם כסדר גערעדט מיט אַ בעפעה־לענדען טאָן, שטענדיג זיך נור געשאַפּט מיט איהם, געקאָמאַנדע־וועט אַזוי ווי בעלי בתים. איבערהויפּט זיינען די גרויסע אימער גע־ווען זעהר גראָב אַנטקעגען די קינדער. דער קוטשער מאַקאַר פלעגט זייי בריקען מיט די פיס און זייי דערלאַנגען מיט אַמאָל אַ פּלאַסק איבער'ן פּנים מיט אַ נאַסער שמאַטע, בעת זיי האָבען געוואָלט זיך צוקוקען, ווי אַזוי ער רייניגט זיין דראָשקע. סאַוועל איז געווען מלא רציחה אויף אַלע קינדער, וואָס האָבען אויס נייגיריגקייט אריינגעקוקט צו איהם אין דער שמידריי, און ער פלעגט די קליינע חברה פּער־וואַרפען מיט גאַנצע הויפענס קוילען. דער שוסטער האָט געקענט באַ־פּען די ערשטע בעסטע זאַך וואָס איז איהם נור געקומען אין דער האַנד און עס וואַרפען אין קאָפּ אריין יעדען איינגעל וואָס איז געבליבען

www.libtool.com.cn



שטעהן ביים פענסטער פון קעלער און האָט איהם פערשטעלט די שיין פון טאָג... אָפטמאָל פלעגען זיי שלאָגען די קינדער, גאָר פשוט דער־פאר וואָס זיי האָבען זיך געלאַנגווייליט ביי דער ארבייט, אָדער כדי צו האָבען אביסעל שפּאס פאר אַ אבוועקסלונג... נאָר דער זיידע יערע־מע, האָט קיינמאָל, קיינמאָל ניט געשלאָגען.

איליא האָט זיך באלד איבערצייגט, אז אין דאָרף איז דאָס לע־בען א סך בעסער, א סך אנגענעהמער ווי דאָ, אין שטאָדט. אין דאָרף קען מען ארומגעהן וואו מען וויל, און דאָ האָט איהם דער פעטער פערזאָגט, ער זאָל זיך ניט דערוועגען פערלאָזען דעם הויף. אין דאָרף האָט מען אָפט געקענט אַ נאַש טהאָן אין אונגערקע, א זאַנג אָדער עפּעס אנדערש. דאָ איז ניטאָ קיין גאָרטען, און פאר אלצדינג מוז מען בע־צאָהלען מיט געלד. א חוץ דעם איז דאָרט גראַמער און שטילער: דאָרט האָבען אלע איין און דיזעלבע בעשעפטיגונג — דאָ אָבער רייסען זיי זיך ארום און שפּארען און שטויסען זיך איינע די אַנדערע. יעדער איי־נער טהוט וואָס ער וויל, און אלע זיינען אָרעם, אלע עסען פרעמד ברויט און זיינען האלב פערהונגערט. איליא איז אויך אזא אופן ארומ־געלאָפען איבער'ן הויף און עס איז איהם נמאס ומאוס געוואָרען צו לעבען דאָ, אין דעם העסליכען, גראָען הויז מיט די פער'חשך'טע, פעראומערטע פענסטער.

איינמאָל, ביים וואַרעמעס, האָט פעטער טערענטי א טיעפען זיפץ געטהאָן, און זיך וועגדענדיג גלייך צו זיין פּלימעניק, האָט ער געזאָגט:

„דער אָסיען קומט אָן, איליושא... נו יאָ! ער וועט אונזביידען איינציהען און פערשנורעווען אין זיין רימען פון צרות און נויטה!... אזוי גוט, גוט וועט ער אונז פערשנורעווען! אָה גאָט!"

ער איז פערזונקען אין א ים פון שווערע געדאַנקען און א לאַנגע צייט האָט ער געשוויגען שטיל, ארייַנקוקענדיג פערטראַכטערהייט אין זיין שיסעל יויך. אויך דאָס אינגעל האָט זיך פערטראַכט. זיי האָבען ביידע געגעסען ביים זעלבען טיש, וואו דער הויקער פלעגט וואשען די געפעס. אין שיינק איז געווען א מורא'דיגער ליאַרם.

„פעטרוכא זאָגט, דו זאָלסט געהן אין שולע, צוזאַמען מיט זיין יאַשקא... פערשטעהסט זיך! ס'וואָלט כ'לעבען געווען נייטיג, כ'מיין

www.libtool.com.cn



עפּעס אזוי... אַהן בילדונג איז דער מענש דאָ אזוי ווי אַהן אויגען. איינפאַך פערלאָרען איז ער! אבער פאר דער שולע מוזט דו האָבען נייע שיך און נייע קליידער... ווי אזוי זאָל איך זיי דיר קריגען? פון מיינע פינף רובעל אַ מאָנאַט וואָס איך האָב?... אַה גאָט, אויף דיר ליגט מיין איינציגע האָפנונג!"

דעם פעטער'ס זיפצען און זיין טרויעריג געזיכט האָבען אי־ליאַ'ן געמאכט שווער דאָס הארץ, און גאַנץ שטיל, מיט אַ פערדריק־טען טאָן, האָט ער פאַרגעלייגט:

„קום, פעטער! לאָמיר אוועקגעהן פון דאַנען!..."

„וואוהין אַ שטייגער?" האָט דער הויקער געפרעגט און זיין גע־זיכט איז דערביי נאָך פינסטערער געוואָרען. „וואוהין קענען מיר דען געהן?".

„אפשר אין וואלד? האָט זיך איליאַ אָבגערופען און איז מיט אמאָל געוואָרען שטארק בעגייסטערט פאר זיין איינפאַל. „דער זיידע האָט דאָך אויך געלעבט אזוי פיעל יאָהרען אין וואלד, אזוי ווי דו האָסט מיר דערצעהלט! און מיר זענען דאָך עפּעס — אין צווייען! קאָרע וואָלטען מיר געקענט אבשיילען פון די בוימער... מיר וואָלטען אויך געקענט כאַפּען פוקסען און קליינע העזלאַך... דו וועסט ערגעץ קריגען אַ ביקס, און איך וועל כאַפּען פייגעל אין נעץ. וואָס קען מען וויסען? אויך יאַגדעס זיינען דאָרט פאראַן, און שוועמלעך... וועלען מיר זיך אוועקלאָזען אהין, פעטער?"

דער פעטער האָט איהם אָנגעקוקט פריינדליך און מיט אַ שמיי־כעל האָט ער געפרעגט:

„און די וועלף? די בערען?"

„אז מיר וועלען האָבען ביי זיך אַ ביקס!?" האָט זיך איליאַ אָבגערופען מיט מוטה. „לאָמיך נור אקאַרשט גרויס ווערען, וועל איך שוין קיין מורא ניט האָבען פאר ווילדע חיות! נישקשה, מיט די הענד וועל איך זיי דערווערגען! כ'האָב שוין איצט אפילו קיין מורא ניט פאר קיין זאַך. דאָ איז דאָך דאָס לעבען ניט אזוי פויגעלדיג. כ'בין נאָך טאַקי אַ קליין איינגעל — דאָך פערשטעה איך דאָס גאַנץ גוט! דאָ שלאָגען זיי אַ סך שטאַרקער ווי אין דאָרף, יאָ... איך פיהל עס דאָך, כ'בין דאָך ניט פון האָלץ געמאכט!... אז דער שמיעד דער־

www.libtool.com.cn



לאַנגט אימיצען מיט עפּעס אין קאָפּ אריין, שומט דער מוח דערפון דעם גאַנצען טאָג נאָכאַנאַנד!... אַלע מענשען דאַ האָבען אַ פּנים, אַזוי ווי מען וואָלט זיי אַלעמען גוט דורכגעבראָכען די ביינער, כאָטש זיי האַלטען זיך אַזוי גרויס און מאַכען פון זיך אַ וועזען..."

„אַך, דו, אָרעמער יתום!" האָט טערענטי געזאָגט מיט אַ ווייכע שטימע, האָט אַנידערגעלייגט זיין לעפעל און איז אַוועק אַן אַ זייט. שנעל איז ער געגאַנגען, מערקווירדיג שנעל...

דעמזעלבען אָבענד איז איליאַ געזעסען אויף דער ערד, לעבען זיין פעטער'ס טיש. ער איז געווען פערמאַטערט און שלעפעריג, און מיט האַלב־פערמאַכטע אויגען האָט ער געהערט אַ געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען טערענטי'ן און זיידע יערעמעי'ן, וועלכער איז אריינגעקומען אין שיינק טרינקען אַ גלאָז טהעע. דער אַלטער שמאַטעס־קלייבער איז געוואָרען שטאַרק בעפריינדעט מיט'ן הויקער, און אַזוי גיך ווי ער פלעגט נור קומען צוריק פון זיין אַרבייט, פלעגט ער ליעב האָבען צו זיצען לעבען טערענטי'ן, טרינקען טהעע און אַביסעל שמועסען מיט איהם.

„נישקשה, ס'מאַכט גאָר ניט אויס", האָט איליאַ געהערט יערע־מעי'ס שרייענדיג קול. „פערלאָז זיך נור אויף גאָט! הערסט?... האָב נור איין זאַך, איין איינציגען געדאַנק אין זינען: גאָט! ער! אַזוי ווי זיין פּאַדאַנע, זיין ליעב־מענש ביסט דו... ווייל עס שטעהט אין דער הייליגער שריפט: אַ קנעכט! זיי וויסען אַלזאָ — אַז דו ביסט גאָט'ס אַ קנעכט און אַלץ וואָס דו האָסט, געהערט צו גאָט!... צי ס'איז גוט, צי שלעכט — אַלצדינג איז גאָט'ס. נישקשה, ער וויסט שוין, ווי אַזוי אַלצדינג איינצוטהיילען. ער זעהט, ווי דו לעבסט — ער, אונזער פּאַטער, זעהט אַל—לעס!... און עס וועט אויך פאַר דיר קומען אַ גרויס־אַרטיגער, אַ הערליכער טאָג: דעמאָלט וועט ע ר זאָגען צו זיין מלאך: מיין הימלישער דיענער, געה אַראָב און מאַך מיין געטרייען קנעכט טערענטי לייכטער דאָס לעבען! און דאַן וועט קומען דיין גליק... גלויב'ס נור, ס'וועט זיכער קומען!"

„איך פערלאָז זיך אין גאַנצען אויף גאָט — וואָס פאַר אַ בע־טרעף וואָלט דען מיין לעבען געהאַט אָהן דעם?" האָט טערענטי גע־ענטפערט גאַנץ שטיל. „איך גלויב אין איהם — ער וועט העלפען!"

www.libtool.com.cn



„ער ? נישקשה, ער לאזט קיינמאל א מענשען ניט פערפאלען ווערען דא, אויף דער ערד; קענסט זיך פערלאזען דערויף ! גאט האט אונז געגעבען די ערד, כדי ער זאל אונז קענען אויף א־יהר אויספרואווען... כדי מיר זאלען אבהיטען זיינע מצוות, זיין געבאט. ער קוקט אראב פון אויבען און גיט אכטונג : ווי אזוי ליעבט איהר זיך איינע די אנדערע, איהר מענשען־קינדער ? האט איהר זיך אזוי ליעב, ווי איך האב׳ס אייך געהייסען ?... און אז ער זעהט, אז טערענטי׳ן געפאלט דאס לעבען שווער, דאן שיקט ער אראב פון אויבען א גוטע שליחות צום אלטען יערעמעי : העי, יערעמא, מאכט ער, זאלסט זיך אננעהמען פאר מיין געטרייען קנעכט !“...

און דעם אלטען׳ס קול האט זיך מיט אמאל געענדערט און האט כמעט געקלונגען אזוי ווי די שטימע פון׳ם בופעטשיק פעטרוכא, בשעת ער פלעגט אריינקומען אין כעס, און ער האט זיך אבגערופען צו טערענטי׳ן :

„איך וועל דיר געבען געלד, כדי דו זאלסט קענען בעקליידען איליושקא׳ן פאר דער שולע... פינף רובעל גיב איך דיר... כ׳וועל עס שוין זעהן צוזאמענקראצען... אנטלייהען וועל איך עס דיר... אז דו וועסט אמאל רייך ווערען, וועסט דו׳ס מיר אבגעבען...“

„זיידעניו !“ האט טערענטי אויסגערופען אין דער שטיל.

„שא, מאך ניט קיין טומעל ! דערווייל קענסט דו לאזען דעם אינגעל ביי מיר — ער האט דאך דא סיי ווי סיי ניט וואס צו טהאן, ער קען מיר בעהילפיג זיין.. קען מיר אויפהויבען א ביין, אדער דערלאנגען א שטיקעל שמאטע... כ׳וועל אויף אזא אופן פערשפארען אזוי אפט בויגען דעם רוקען, איך אלטער מאן...“

„אה דו גוטער, גאט זאל דיך בענשען דערפאר !“ האט דער הויקער אויסגערופען מיט א פרעהליכער, ריהרענדער שטימע.

„גאט גיט עס מיר, איך גיב עס דיר, דו—דעם אינגעל, און דער אינגעל גיט עס צוריק אב צו גאט. אזוי דרעהט זיך ס׳רעדעל... און קיינער וועט קיינעם גאר ניט שולדיג בלייבען. הע־הע־הע־הע ! איז דען ניט אזוי ! אך, ברודערל ! כ׳האב געלעבט, געלעבט, כ׳האב געקוקט, געקוקט — און א חוץ גאט האב איך קיין זאך ניט געזעהן. אלצדינג

www.libtool.com.cn



איז זיינס, אַלץ געהערט צו איהם, אַלץ איז פון איהם, אַלצדינג פאַר איהם!"...

איליא איז איינגעשלאָפען, בעת זיי האָבען זיך אַזוי געשושקעט. אָבער אויף מאָרגען האָט איהם דער אַלטער יערעמעי אויפגעוועקט גאַנץ פריה מיט די פרעהליכע ווערטער:

„הע, איליושקא, שטעה אויף! וועסט אַרויסגעהן מיט מיר — נו שווין, לעבעדיגער אַביסעל! רייב זיך אויס דעם שלאָף פון די קליי־נע אויגעלאַך דייגע!"

3.

איליא'ן איז גאָר ניט שלעכט געגאַנגען אונטער דער גוטער און פריינדליכער השגחה פון'ם אַלטען יערעמעי. יעדען פריה־מאָרגען פלעגט ער אויפוועקען דעם אינגעל בעצייטענס, און זיי פלעגען ביידע אַרומגעהן ביז ביינאַכט איבער דער שטאָדט און קלייבען שמאַטעס, ביינער, שטיקלאַך אַלטע פאַפיר, אייזען, לעדער וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס מען וואַרפט אַרויס אויף דער גאַס. די שטאָדט איז גרויס, פאַר אַ פרישען מענשען זיינען דאָ אַזוי פיעל מערקווירדיגע זאַכען צו זעהן. איליא האָט אַלזאָ די ערשטע צייט ווייניג וואָס געהאָלפען דעם אַלטען אין זיין אַרבייט. ער פלעגט מיט אויפמערקזאַמקייט און מיט נייגיעריגקייט בעטראַכטען די מענשען און די הייזער, וואָס זיינען איהם נור געקומען פאַר די אויגען. ער האָט זיך גאָר ניט געקענט גענוג אָבוואונדערען פון אַלצדינג, וואָס ער האָט געזעהן, און האָט וועגען יעדע קלייניגקייט פערוואָרפען דעם זיידען מיט צעהנדליגע פראַגען...

יערעמעי האָט ליעב געהאַט צו פלוידערן. מיט דעם קאָפ פאַראויס און מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען צו דער ערד, כסדר זוכענדיג עטוואָס, איז ער געגאַנגען פון איין הויף צום צווייטען, קלאַפּענדיג מיט'ן איי־זערנעם שפּיץ פון זיין שטעקען אַן דער ערד. מיט זיין צוריסענעם אַר־בעל אָדער מיט אַ ברעג פון'ם שמוציגען זאַק פון שמאַטעס האָט ער זיך כסדר געווישט די טרעהרען פון די אויגען. מיט אַ זינגענדיגער, מאָנאָטאָנער שטימע פלעגט ער דערצעהלען זיין קליינעם בעגלייטער אַלערליי מעשה'לעך וועגען דער שטאָדט און איהרע איינוואוינער.

www.libtool.com.cn



„זעהסט דאָס הויז?“ רופט ער זיך אָב צו איליא'ן. „ס'געהערט צו דעם סוחר סאַווואַ פּעטראָוויטש פּטשעלין — א רייכער מאַן, דער סוחר פּטשעלין!... אין זילבער לעבט ער, און אין קריסטאָל...“

„זיידעניו,“ האָט איליא געפרעגט, „זאָג מיר, ווי אַזוי ווערט מען אייגענטליך רייך?“

„מען ארבייט איינפאַך דערויף, מען האָרעוועט, הייסט עס... טאָג און נאכט ארבייטען זיי און זאמלען אַן געלד אויף געלד. און אז זיי האָבען שוין גענוג אָנגעקליבען, בויען זיי זיך אויף א הויז, שאפען זיך איין פערד און וועגען און נאָך אנדערע אזעלכע מכשירים... וואָס זייער הארץ גלוסט, לויטער נייע זאכען! און דערנאָך דינגען זיי זיך קאָמים, משרתים און אנדערע לייט, וואָס ארבייטען פאר זיי — זיי אליין אָבער רוהען זיך אויס און לעבען א גוטען טאָג. ווען איינער ארבייט זיך אויף אזא אופן ארויף, זאָגט מען אויף איהם: ער האָט עס מיט זיין האָרעוואניע, מיט עהרליכער ארבייט צו עטוואס געבראכט... נו — יאָ!... אבער עס זיינען פאראַן אזעלכע, וואָס ווערען רייך דורך זייערע זינד. וועגען דעם סוחר פּטשעלין דערצעהלט מען, אז ער טראָגט נאָך פון דער יוגענד אַן א שווערען פערברעכען אויף זיין געוויסען. אפשר רעדען זיי דאָס אזוי אויס קנאה; אפשר איז עס אויך אמת. א בייזער מענש איז ער, דער דאָזיגער פּטשעלין. און זיינע אויגען קוקען אזוי שרעקעדיג — שטענדיג ווארפען זיי זיך ארום אהין און אהער, עפּעס אזוי ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט בעהאלטען... אבער, ווי געזאָגט, פיליייכט איז עס א ליגען, דאָס וואָס זיי דערצעהלען וועגען פּטשעלינען... אפטמאָל קומט עס פאָר, אז א מענש ווערט מיט אמאָל רייך, גאָר פּשוט אזוי... ס'הייסט, ווען ער האָט גליק... דאָס גליק שמייכעלט איהם, הייסט עס, צו... אך — נור גאָט אליין לעבט אין דער וואהרהייט, און מיר אלע ווייסען גאָר ניט!... מיר זיינען בסך הכל נור מענשען, און די מענשען זיינען די זריעה, דער זאמען פון גאָט. זאמען־קערנער זיינען די מענשען, מיין ליעבינקער! גאָט האָט זיי אויסגעזייעט אויף דער ערד — וואקסט! און איך וויל אקאָרשט זעהן, וואָס פאר א ברויט איהר וועט ארויסגעבען... אָט דאָס איז עס!... און אָט יענעס הויז דאָרט בעלאנגט צו א געוויסען סאַבאַנעיעוו, מיט'ן פאָרנאָמען מיטרי פּאַוולאָוויטש... ער איז נאָך רייכער פאר פּטשעלינען. דאָס

www.libtool.com.cn



איז אַן איינפּאַכער זשוליק — כ'ווייס עס!... איך אורטהייל ניט, מחמת אורטהיילען איז גאָט'ס זאַך, נאַר איך ווייס עס אויף זיכער... ער איז געוועזען אינספּעקטאָר ביי אונז אין דאָרף, און ער האָט אונז אַלעמען בעראַבעוועט, אַלעמען פּערקויפט!... אַ לאַנגע צייט האָט גאָט געשוויגען, דערנאָך אָבער האָט ער זיך אָנגעהויבען מיט איהם אָבצורעכענען. פריהער איז מיטרי פּאַוולאָוויטש טויב געוואָרען, דערנאָך איז זיין זוהן דער'הרג'עט געוואָרען פון אַ פערד — און דאָ ניט לאַנג, ווי איך האָב געהערט, איז איהם די טאָכטער אַנטלאָפען פון שטוב..."

אַלצדינג האָט דער אַלטער געוואוסט; ער האָט געקענט אַלע איינוואוינער פון דער שטאָדט, און ער האָט גערעדט וועגען אַלעמען מילד, אָהן אַ שום בייזקייט. אַלצדינג וואָס ער האָט דערצעהלט איז עפּעס ארויסגעקומען אַזוי ווי געוואַשען, גערייניגט, פונקט ווי יעדע מעשה'לע זיינע וואָלט זיך דורכגעלייטערט פון די טרעהרען, וואָס האָבען ניט אויפגעהערט צו רינען פון זיינע אויגען.

איליא האָט זיך צוגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט צום אַלטען'ס רייד. אין דערזועלבער צייט האָט ער ניט אַראָבגענומען קיין אויג פון די גרויכ'ע הייזער, און אָפטמאָל פלעגט ער זאָגען:

„ווען איך וואָלט כאָטש געקענט אַמאָל אַריינקוקען אינעווייניג, מיט איין אויג כאָטש אַריינקוקען".

„וואַרט נור, וואַרט, וועסט שוין אַריינקוקען!" האָט יערעמעי געענטפערט. „לערן נור מיט חשק און אַרבייט! אַז דו וועסט נור ווערען גרויס — דאַן וועסטו שוין אַריינקוקען אַהער, אפשר וועסטו גאָר אַליין אַמאָל ווערען רייך... לערן זיך פריהער אויס לעבען און קוקען... אַך יאָ, אויך איך האָב געלעבט, געלעבט, האָב געקוקט, געקוקט!... די אויגען האָב איך מיר פערדאָרבען קוקענדיג. זעהסט? אַט פליסען מיינע טרעהרען... און דערפון בין איך אַזוי מאָגער און שוואַך געוואָרען. אויסגערונען, ווייזט אויס, זיינען מיינע כוחות מיט די טרעהרען... אויסגעטריקענט איז מיין בלוט..."

איליא האָט הנאה געהאַט צו הערען, ווי דער אַלטער רעדט מיט אַזוי פיעל איבערצייגונג און ליעבע פון גאָט. אין זיין הערצעל האָט בשעת מעשה געגומען וואַקסען אַ שטאַרקעס, ערפרישענדעס געפיהל פון האָפנונג אויף עפּעס גוטס, פרעהליכס, וואָס ערוואַרט איהם אין

www.libtool.com.cn



דער צוקונפט. ער איז געוואָרען מונטערער, לעבעדיגער; ער איז איצט געווען עפּעס מעהר קינד, ווי אין דער ערשטער צייט, באלד ווי ער איז אָנגעקומען אין דער שטאָדט.

מיט גרויס חשק האָט ער דעם אלטען געהאָלפען רויען און זוכען אין די מיסט־הויפענס. זעהר אנציהענד און אינטערעסאנט איז עס געווען פאר איהם, צו צושאַרען דעם בארג מיט זיין שטעקעל, און אַן אמת'ע הנאה האָט איליא געהאַט צו זעהן, ווי דער אלטער פרעהט זיך, בשעת ער געפינט איהם אוים עפּעס אַן אונגעוועהנליכע, כשר'ע מציאה. איינמאָל האָט איליא געפונען אין א רינשטאָק א גרויס זילבערן לעפעל, און דער אלטער האָט איהם דערפאר געקויפט א גאַנצען האלבען פונט האָניג־לעקאַך. אַן אנדערס מאָל האָט ער אויפגעהויבען א קליין טייסטערל, בעדעקט מיט גרינעם שימעל, וואו עס איז געלעגען מעהר ווי א רובעל קליינגעלד. גאַנץ אָפט האָט ער אויך געפונען מעסער, גאָפּלען, מעטאלענע רינגען, צובראָכענע מעשענע כלים, גוטע בלעכענע פּושקעס — פון שוה־וואקס אָדער מארינירטע פיש; און איינמאָל האָט ער פון א גרויסען בארג מיסט אויסגעגראָבען נאָך א גאַנץ גוטען, שווערען מעשענעם לייכטער. פאר יעדע „מציאה“ פון דעם סאָרט האָט איליא געקראָגען פון'ם אלטען עפּעס א נאַשעריי פאר זיין טרחה.

אַז איליא האָט נור געפונען עפּעס רעכטס, פלעגט ער אויסשרייען מיט שמחה:

„זיידעניו! זעה נור, זעה — ווי שעהן דאָס איז!“

דער אלטער אָבער פלעגט ווערען אונרוהיג, פלעגט זיך אומקוקען אין אלע זייטען, און שטילערהייט זאָגען צו איליא'ן:

„נו־נו, שריי זשע ניט אזוי, מאַך קיין ליארם ניט!... אַך גאָט!“

ער איז געווען אין איינע ציטערניש, בעת זיי פלעגען געפינען עפּעס רעכטס. אויף גיך פלעגט ער א כאַפּ טהאָן די געפונענע זאַך ביי איליא'ן פון די הענד און זי בעהאלטען טיעף אין זיין גרויסען זאק.

„אָט האָב איך שוין ווידער אמאָל געכאַפּט א היבשען העכט!“ האָט איליא אויסגעשריגען, בעגייסטערט פון זיין ערפאָלג.

„שווייג אָבער, דו אינגעל וואָס דו ביסט — זיי שטיל, מיין ליעב קינד!“ האָט דער אלטער צו איהם געמאַכט מיט א פריינדליכען

www.libtool.com.cn



טאָז, און די טרעהרען האָבען אַלץ גערונען און גערונען פון זיינע גרויסע, רויטע אויגען.

„גיב נור א קוק, זיידעניו — וואָס פאר א גרויסער ביין!“ האָט איליא אויסגעשריגען פון דאָס ניי.

פאר די ביינער און די שמאַטעס האָט זיך דער אַלטער ניט גע־שראָקען. רוהיג פלעגט ער זיי צונעהמען ביים אינגעל פון די הענד, זיי אויסרייניגען מיט א שפּענדעל און זיי דערנאָך לאַנגזאַם אריינ־שטעקען צו זיך אין זאק. אויך פאר איליא׳ן האָט זיידע יערעמעי אויפ־געטהאָן א קליין זעקעלע, און א שטעקעל מיט אַן אייזערנעם שפּיץ האָט ער איהם געשיינקט. פאר דעם אינגעל איז דאָס געווען א גאַנצער יום טוב; ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווי גרוים געהאַלטען מיט זיינע כלים. אין זיין זעקעל האָט ער געקליבען אַלערליי קליינע קערבלאך, צו־בראָכענע שפּיעל־צייג און שערבלאך, און ער האָט אמת הנאה געהאַט צו הערען, ווי אָט די אַלע קליינע זאַכען קלאַפּען און קלינגען אין זאק אויף זיין רוקען. דער אַלטער יערעמעי האָט איהם אַליין אונטערגע־שטופּט צונויפצוקלייבען אָט די אַלע קלייניגקייטען.

„קלייב נור צונויף די אַלע שעהנע זאַכען“, האָט ער צו איהם געזאָגט, „און נעהם זיי מיט אהיים. וועסט זיי דאָרט צוטהיילען צווי־שען די קינדער, זיי וועלען זיך פרעהען דערמיט. גאָט האָט הנאה, ווען דער מענש פערשאַפט זיינע ברידער פערגניגען און פרייד... אך, מיין ליעבער זוהן!... אַלע מענשען בּיינקען אַזוי נאָך פרייד, און פונ־דעסטוועגען איז דאָ אַזוי ווייניג פרייד, אַזוי ווייניג, ווייניג פרייד אויף דער וועלט! אַזוי ווייניג, הערסט? אז עם זיינען פאראַן מענ־שען, וואָס האָבען קיינמאָל אין לעבען קיין פרייד ניט, קיינמאָל ניט!“

אין די גרויסע בערג מיסט, דאָרט וואו מען פלעגט אַבליינען דעם גאַנצען שמוץ פון דער שטאָדט, איז איליא׳ן א סך בעסער געפע־לען געווען צו זוכען, איידער אין די קליינע מיסט־הויפענס אויף די הויפען. דאָרט, ארום די קהל׳שע בערג מיסט, זיינען קיין מענשען ניט געווען, א חוץ צוויי, דריי אַלטע שמאַטעס קלייבער ווי יערעמעי. דאָ אָבער, אויף די הויפען, האָט מען זיך בסדר געמוזט אומקוקען אין אַלע זייטען און גוט אכטונג געבען, צי קומט ניט אקאָרשט אָן דער הויז־

www.libtool.com.cn



רייניגער, מיט'ן בעזים אין דער האנד, זיי ארויסצוטרייבען פון הויף מיט קללות און חרמות און אמאָל טאַקע מיט עטליכע גוטע קלעפּ אויך.

יעדען טאָג, ווען זיי האָבען אָבגעארבייט א פּאָר שטונדען צייט, פלעגט יערעמעי זאָגען צו זיין יונגען בעגלייטער:

„זאָל זיין גענוג דערווייל, איליושא — גענוג, מיין ליעבער! לאָמיר זיך א ווײלע צוזעצען און אויסרוהען, עפּעס איבערבייסען...“

ער האָט ארויסגענומען א שטיק ברויט פון קעשענע, האָט זיך איבערגע'צלם'ט און צובראָכען דאָס ברויט אויף צווייען. זיי האָבעןביידע געגעסען, און דערנאָך האָבען זיי זיך גוט אויסגערוהט א האלבע שטונדע צייט, ביים ברעג פון'ם קאַנאַל. דער קאנאל איז ארייננעפּאַלען אין טייך, וועלכען זיי האָבען גאנץ דייטליך געקענט זעהן פון דערווייטען. לאנגזאם האָבען זיך די כוואַליעס פון טייך געקאַטשעט פערביי דעם קאנאל, און ווען איליא האָט זיי נאָכגעקוקט, האָט זיך איהם עפּעס אזוי ווי פערוואָלט זיך מיטגליטשען מיט זיי און אוועק ערגעץ־וואו, ווייט פון דאנען. אויף דער אנדער זייט טייך האָבען זיך אויסגעשפּרייט די אבגעשניטענע גרינע פעלדער. אזוי ווי גרויע טורמעס האָבען אויסגעזעהן די בערג מיט היי, וואָס זיינען דאָרט געלעגען, און ווייט, ביים האָריזאָנט, האָט זיך די דונקעלע ליניע פון וואלד אזוי ווי אויפגעהויבען פון'ם בלויען הימעל. א רוהיגע, מילדע שטימונג איז געלעגען אויף דער גאנצער לאנדשאפט, אויף די פעלדער: מען מען האָט געקענט שפּירען, אז דאָרט וועהט א ריינע, דורכזיכטיגע, גוט שמעקענדע לופט... און דאָ איז געווען אזוי שטיקענד פון'ם „ריח־גיחוח“, וואָס די מיסטהויפענס האָבען פון זיך ארויסגעגעבען. דער דאָזיגער גערוך האָט זיך געלייגט אזוי ווי א שטיין אויפ'ן הארצען און האָט געביסען אין דער נאָז, און אזוי ווי ביים אלטען האָבען אויך איליא'ן גענומען פליסען די טרעהרען איבער די באַקען.

„זעה, איליא“, האָט זיך יערעמעי אנגערופען. „זעה, ווי גרויס און ברייט די ערד איז! און איבעראַל לעבען מענשען אויף איהר — לעבען און מוטשען זיך... און פון הימעל קוקט גאָט דער האר אראָב אויף זיי, און ער זעהט אלץ און ווייסט אלץ. מעג זיך דער מענש דיינקען וואָס ער וויל, פאר איהם בלייבט קיין שום סוד ניט; דערפאר רופט מען איהם מיט'ן הייליגען נאָמען: דער אלוויסענדער גאָט

www.libtool.com.cn



צבאות יעזוס קריסטוס. ער ווייסט אַלעס, צעהלט אַלעס, דענקט וועגען אַלצדינג. פאַר'ן מענשען קענסטו די עבירות דיינע, די פלעקען פון דיין נשמה פערהוילען, אבער פאַר איהם איז קיין בעהעלטעניש ניטאָ: ער זעהט אַלצדינג. ער טראַכט זיך ביי זיך: „אַך דו רשע, אונגליקליכער זינדער וואָס דו ביזט! וואַרט אַקאַרשט, איך וועל דיר שוין שיקען דיין שטראָף—" און קומט נור די שעה, דאַן שטראַפט ער דיך, שווער—ער שטראַפט ער דיך!... ער האָט אַנגעזאָגט די מענשען: „ליעבט איינער דעם צווייטען—" און ער האָט עס אַזוי איינגעשטעלט, אַז די, וועלכע ליעבען ניט די מענשען, ווערען אויך פון קיינעם ניט געליעבט. אַן איינזאַם, עלענד לעבען פיהרען אַזעלכע מענשען, און שווער איז זיי אויף דער וועלט, און קיין שום פרייד, קיין נחת האָבען זיי ניט..."

איליא איז געלעגען אויפ'ן רוקען, האָט אַרויפגעקוקט צום בלויען הימעל און געזוכט אַ סוף, אַ גרענעץ צו זיין ווייטקייט. עס איז איהם שווער געוואָרען אויפ'ן הארצען און אַ שלעפעריגקייט איז אויף איהם אַנגעפאַלען. אונדייטליכע, טומאַנע בילדער האָבען גענומען שוועבען פאַר זיינע אויגען. עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַזוי ווי דאָרט אויבען אין הימעל שוועבט אַרום אַ מערקווירדיגע בריאה, עפּעס אַ געוואַלדיגעס, דורכזיכטיגעס און וואַרעמעס וועזען, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אי גוט, אי שטרייננ: און אַז ער, דאָס קליין אינגעל, צוזאַמען מיט'ן אַלטען זיידען יערעמעי און מיט דער גאַנצער ערד, הויבען זיך אויף און פליהען אהין, אין יענער ווייטקייט אָהן אַ סוף, אין יענער ווייטקייט מיט איהר ים פון ליכט און מיט איהר העלער, ליכטיגער ריינקייט... און דאָס הערצעל זיינס איז פול געוואָרען מיט אַ געפיהל פון אַ שטילער, רוהיגער פרייד.

אין אָבענד, ווען זיי זיינען געקומען אַ היים, פלעגט איליא אַריינגעהן אין הויף מיט אַן ערענסטען פנים פון אַ מענשען, וואָס האָט עהרליך אָבגעטהאַן זיין אַרבייט. נאָך דער האַרעוואַניע פון אַ גאַנצען טאָג האָט ער, פערשטעהט זיך, געמוזט האָבען זיין רוה, און ער האָט קיין שום לוסט ניט געהאַט צו אַזעלכע נאַרישקייטען ווי די אַנדערע קליינע אינגלאַך און מיידלאַך אין זיינע יאָהרען. די קינדער פון הויף האָבען פאַר איהם דרך ארץ געהאַט, זעהענדיג זיין ערענסטע

www.libtool.com.cn



האלטונג און דעם זעקעל מיט פערשיעדענע אנטיקען, וואס איז געלע־גען אויף זיין רוקען.

דער זיידע אבער פלעגט אויפנעהמען די קינדער מיט א פריינד־ליכען שמייכעל און פלעגט מאכען מיט שפאס:

„קוקט, קינדער, אט זיינען זיי שוין אהיים געקומען, די בעטלער! די גאנצע שטאדט האבען זיי אויסגענישטערט. איבעראל די נאז אריינגעשטעקט!... געה, איליא, וואש זיך אב דעם פנים און קום דער־נאך אריין אין שיינק טרינקען טהעע..."

מיט לאנגזאמע, געמאסטענע טריט לאזט זיך איליא געהן אין קעלער, און די גאנצע מחנה פון קינדער נאך איהם. אויפ'ן וועג טאפען זיי פארזיכטיג דאס זעקעל, כדי צו טרעפען וואס דארט געפינט זיך. נאר פאשקא פערשטעלט איהם דעם וועג און זאגט מיט חוצפה:

„נו, שמאטעס־קלייבער! ווייז נור אקארשט, וואס האסט דו דארט מיטגעבראכט..."

„קענסט ווארטען", ענטפערט איליא שטרייננג. „א פריהער טרינק איך טהעע, דערנאך וועל איך עס אייך צייגען".

אין שיינק קומט איהם פעטער טערענטי אנטקעגען מיט א פריינדליכען שמייכעל:

„נא, קליינער ארבייטס־מאן, ביסט שוין דא? האסט זיך אודאי געמוטשעט גוט אנלויפען, מיין ליעב קינד".

איליא'ן איז גאנץ שטארק געפעלען געווארען צו הער־רען, ווי מען רופט איהם ארבייטס־מאן; און דעם דאזיגען נאמען האט ער ניט נור פון'ם פעטער אליין געקריגען. איינמאל האט פאשקא אב־געטהאן עפעס א מיאוס'ע שטוקע. זיין פאטער סאוועל האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער אריינגענומען פאשקאס קאפ צווישען די קניע און איהם אריינגעצעהלט היבשע עטליכע שמיץ.

„כ'וועל דיר שוין געבען דיין חלק, די יונגאטש איינער! זאלסט זיך נור דערוועגען נאך אמאל אנטקעגען צו ריידען. אט, נא דיר! אזוי... און נאך איינס! אנדערע קינדער אין דיינע יאהרען פערדיע־נען זיך שוין אליין זייער ברויט, און דו ווייסט נור פרעסען און די קליידער צורייסען!..."

פאשקא האט געמאכט אזעלכע קולות, אז עס האט זיך געהערט

www.libtool.com.cn



איבער'ן גאנצען הויז. דערצו האט ער מורא'דיג געבריקעט מיט די פיס, בשעת דער שטריק האט זיך יעדעס מאל אויפגעהויבען און אראבגעלאזען אויף זיין רוקען. מיט א געפיהל פון צופרידענהייט האט איליא געהערט די שמערצענס-געשרייען פון זיין פיינד, און אין דערזעלבער צייט האבען דעם שמיעד'ס ווערטער, מיט וועלכע ער האט דאך אודאי איהם געמיינט, געמאכט אויף איהם א שטארקען רושם. ער איז אלזא לייטישער, מיט מעהר שטאטיק ווי פאשקא. דאס האט ערוועקט אין איהם א רחמנות מיט דעם געשמיסענעם.

„פעטער סאוועל, גענוג שוין שמייסען!" האט ער פלוצלונג אויס־גערופען. „פעטער סאוועל!"

דער שמיעד האט דערלאנגט זיין זוהן נאך א שמיץ. דערנאך האט ער זיך אומגעקוקט צו איליא'ן און מיט כעס האט ער געזאגט:

„האלט פיסק, דו! נא דיר גאר. מליץ יושר דא... היט די ביי־נער דיינע!..."

דאן האט ער א שליידער געטהאן זיין זוהן און איז אריין אין דער שמיעדעריי. פאשקא האט זיך אויפגעהויבען, און מיט שטרויכ־לענדע טריט איז ער אוועק אין א פינסטערען ווינקעל פון הויף. איליא איז איהם נאכגעגאנגען, האבענדיג מיטלייד מיט איהם. אין ווינקעל האט זיך פאשקא אראבגעלאזען אויף די קניע, האט אנגעשפארט זיין שטערן צום וואנד און געגומען שרייען נאך העכער ווי בריהער. ריי־בענדיג דעם רוקען מיט ביידע הענד. איליא'ן האט זיך אזוי געוואלט טרייסטען דעם געשלאגענעם שונא זיינעם, איהם זאגען עפעס א פריינדליך ווארט. דאך האט ער קוים ארויסגעבראכט די ווערטער:

„ס'טהוט דיר וועה?"

„טראג דיך אב פון דאנען!" האט פאשקא געליארעמט.

דער בייזער טאן פון דיזע ווערטער האט איליא'ן געקריינקט, און מיט א מינע פון א שוהל־מייסטער האט ער געזאגט.

„אזוי שלאגסטו כסדר די אנדערע, און דאס מאל..."

איידער ער האט נאך אוספייעט צו ענדיגען, האט זיך פאשקא מיט אימפעט אויפגעכאפט פון זיין פלאץ. שנעל ווי א בליץ איז ער ארויפגעפאלען אויף איליא'ן און האט איהם אנידערגעווארפען אויף דער ערד. איליא איז אויך געווארען מלא רציחה און האט ארומגענו־

www.libtool.com.cn



מען פעסט זיין שונא, און זיי האבען זיך ביידע גענומען קאטשען אויף דער ערד, ווי א קנויל. פאשקא האט געביסען און געקראצט מיט די נעגעל. איליא ווידער האט אנגעכאפט זיין פיינד פאר די האר און האט אזוי לאנג געקלאפט מיט זיין קאפ אן דער ערד, ביז וואנען פאשקא האט גענומען שרייען:

„לאז אב!"

„זעהסט?" האט איליא געזאגט מיט שטאלץ וואס ער האט גע־זיעגט, זיך אויפהויבענדיג בעת מעשה פון דער ערד. „האסט געזעהן? איך בין שטארקער פון דיר! הויב זשע זיך ווייטער ניט אן מיט מיר, אניט וועסטו גע'הרג'עט ווערען!"

און ער איז אוועק אן א זייט, זיך אבווישענדיג מיט'ן ארבעל דאס בלוט פון'ם צוקראצטען פנים. אין מיטען הויף איז געשטאנען דער שמיעד און געקוקט מיט בייזע אויגען. אז איליא האט איהם דערזעהן, איז ער געבליבען פערציטערט פון שרעק. ער איז געווען זי־כער, אז דער שמיעד וועט זיך אננעהמען פאשקא'ס קריוודע און וועט זיך אברעכענען מיט איהם פאר די קלעפ, וואס ער האט זיין פיינד געגעבען. אבער דער שמיעד האט נור געצויגען מיט די אקסלען און געזאגט:

„נו, וואס קוקסטו מיך אן מיט דיינע אויסגעגלאצטע אויגען? האסט מיך נאך קיינמאל ניט געזעהן? געה זיך דיר דיין וועג!"

אבער ביינאכט, ווען איליא איז פערבייגעגאנגען דעם טהויער פון הויז און סאוועל האט איהם ווידער בעגעגענט, האט דער שמיעד ארויפגעלעגט א פינגער אויף איליא'ס האר און מיט א שמייכעל האט ער געפרעגט:

„נו, קליינער מיסט־גרעבער, ווי געהען די געשעפטען, הא?"

איליא האט געלאכט פון גאנצען הארצען — אויפ'ן זיבעטען הימעל איז ער געווען. א קליינינקייט, דער בייזער שמיעד, דער שטארקסטער מאן אין הויף, פאר וועמען אלע האבען מורא געהאט, האט מיט איהם געמאכט א שפאס! מיט זיינע פעסטע ארעמס האט דער שמיעד אנגענומען דעם אינגעל ביי די פלייצעס, און איליא'ס שמחה איז נאך גרעסער געווארען. ווען סאוועל האט געזאגט:

„אהא, דו ביסט דאך עפעס גאר א געזונטער בחור... מען קען

www.libtool.com.cn



דיר שוין גאָר ניט אזוי לייכט בייקומען, הערסט דו?... אז דו וועסט נאָר אביסעל גרעסער ווערן, וועל איך דיך צונעהמען צו מיר אין דער שמיעדעריי".

איליא האָט ארומגענומען דעם שמיעד'ס געזונדען פוס און האָט צוגעטוליעט זיין קליינע ברוסט צו איהם. סאַוועל, דער ריעז, האָט געמוזט דערשפּירען דאָס שלאָגען, דעם טיק־טאַק פון'ם קליינעם הער־צעל, און ער איז מיט אמאָל געוואָרען צערטליך. ער האָט ארויפ־געלייגט זיין שווערע האנד אויף איליא'ס קאָפּ. א ווײַלע איז ער גע־בליבען שטיל, דערנאָך האָט ער מיט זיין טיעפער שטימע געזאָגט:

„אַך, דו אָרעמער יתום!... נו, שוין גוט, שוין גוט!..."

אויסער זיך פאר פערגניגען, האָט זיך איליא אין יענעם אבענד גענומען צו זיין געוועהנליכער ארבייט — צו־צוטהיילען צווישען די קינדער די אנטיקען, וואָס ער האָט אין פערלויף פון'ם טאָג אָנגעקלי־בען. די קינדער האָבען שוין געוואַרט אויף איהם א לאַנגע צייט. אויף דער ערד האָבען זיי זיך אויסגעזעצט ארום איליא'ן און האָבען געקוקט מיט זשעדנע, נייגיעריגע אויגען אויף זיין שמוציגען זאַק. אי־ליא האָט ארויסגענומען פון זאַק א פּאָר שטיקער גראָבע באַנוועל, אן אָבגעבליאַקעוועטע, אָבגעפּאַהרענעם הילצערנעם סאָלדאַטשיק, א פּושקע פון שוה־וואַקס, א פלעשעלע פון פּאָמאַדע און א טהע־שאָל, אָהן א הענטעל, מיט א צובראָכענעם ראַנד ארום און ארום.

„דאָס איז פאר מיר, פאר מיר, פאר מיר!" האָט מען געהערט די געשרייען פון די קינדער, און די קליינע שמוציגע הענטלעך האָבען זיך פון אלע זייטען געהויבען און אויסגעשטרעקט, כדי וואָס פריהער צוצוקומען צו די דאָזיגע זעלטענע זאַכען.

„וואַרט אקאָרשט! ניט גערירט מיט די הענד!" האָט איליא געקאָמאַנדעוועט. „דאָס הייסט ביי אייך שפּיעלען, ווען איהר שלעפּט אוועק אלץ מיט אמאָל? — נאַ—אַט עפּען איך אויף א קראָם! צו־ערשט פערקויף איך דאָס דאָזיגע שטיק באַנוויל... אויסגעצייכענטער באַנוויל, פון בעסטען סאָרט! קאָסט א האַלבען רובעל!.. מאַשקאַ, קויף זשע!"

„זי האָט עס געקויפט!" האָט יאַקאָוו אויסגעשריען פאר דעם שוסטער'ס טאָכטער, און דאָס זאָגענדיג האָט ער ארויסגענומען פון

www.libtool.com.cn


קעשענע א שערבעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אָנגעגרייט צו דעם צוועק, און האָט עס ארייגעשפּארט דעם „קרעמער“ אין האנד. אבער איליא האָט עס ניט געוואָלט נעהמען.

„וואָס איז דאָס פאר א שפּיעל, הא?“ האָט ער געליארעמט, „קענסט ניט אבדינגען עפּעס, צו'ן אַלדע שווארץ יאהר? קיינמאָל דינגסט דו זיך ניט!... אויפ'ן מארק דינגט מען זיך דאַך אויך“.

„כ'האָב עס פערגעסען“, האָט זיך יאקאָוו געזוכט צו פערענט־פערן. און עס האָט זיך אַלזאָ אָנגעהויבען א טומעלדיגע דינגעריי, אזוי ווי אויף א יאריד. דער פערקויפער און די קונים האָבען זיך גע־קאָכט, גערעדט מיט היץ. און בעת זיי האָבען זיך אזוי געדונגען איינע מיט די אנדערע, האָט זיך פּאשקא שטילערהייט אונטערגערוקט, און אויף א קונציגען אופן האָט ער ארויסגעכאפּט פון'ם הויפען סחורה דאָס וואָס איהם איז געפעלען. מיט דער גנבה אין דער האנד האָט ער גענומען לויפען, און אונטערשפּרינגענדיג האָט ער מיט שפּאָט גע־שריגען:

„כא־כא־כא, כ'האָב געלאָטבענט! פון אונטער די פינגער האָב איך עס ארויסגעקראַצט! אזעלכע גולם'ס! אידיאָטען! טייוואָלים!“

אין אָנהויב האָט פּאשקא'ס רויב ארויסגעבראַכט די קינדער פון די כלים. די קליינע האָבען געשריען און געוויינט; יאקאָוו און איליא, ווידער, האָבען זיך א לאָז געטהאָן איבער'ן הויף נאָכ'ן גנב, וועלכען זיי האָבען בשום אופן ניט געקענט כאפּען. נאָר ביסלעכווייז האָבען זיי זיך צוגעוואוינט צו זיין פרעכהייט. זיי האָבען פון איהם שוין קיין בעסערס ניט ערווארטעט און האָבען איהם בעשטראָפט דערמיט, וואָס זיי זיינען מיט איהם געווען ברוגז און האָבען זיך מיט איהם מעהר ניט געשפּיעלט. פּאשקא האָט געלעבט אָבגעזונדערט, פאר זיך, און האָט נור געטראַכט דערפון, ווי אזוי דעם אנדערן עפּעס אָבצוטהאָן א שפּי־צעל און איהם אריינברייגגען אין כעס. יאקאָוו ווידער איז שטענדיג ארומגעקראָכען, ווי א קליין מיידעלע ארום דעם שוסטער'ס טאָכטער מיט די געגרייזעלטע האָר. ביי איהר איז יאקאָוו'ס פריינדשאפט און די השגחה, וואָס ער האָט אויף איהר געגעבען, געווען א גאנץ געוועהנ־ליכע זאַך, וואָס דארף אזוי צו זיין; און כאָטש זי האָט איהם אפילו שטענדיג גערופען מיט'ן צערטליכען נאָמען „יאשעטשקא“, האָט זי

www.libtool.com.cn



איהם פונדערסטוועגען ניט זעלטען געשלאָגען און צודראפּעט די צורה. נאָר די פּריינדשאַפט צווישען יאקאָוו'ן און איליא'ן איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג, און יאקאָוו פלעגט דערצעהלען זיין חבר אלערליי מאָדנע זאכען, וואָס ער האָט געזעהן אין חלום:

„אָט האָט זיך מיר היינט ביינאכט גע'חלום'ט, אז איך האָב א מאסע מיט געלד, סאמע רובעלס, א פולען זאק מיט אז אוינ, און איך טראָג דעם זאק אויף די פּלייצעס אין וואלד, מיט אמאָל — קומען אָן גזלנים, גלייך אויף מיר! מיט מעסערס, א שרעק צו זעהן. איך—מאַך, פערשטעהט זיך, פּליטה. און פּלוצלונג דערפיהל איך עפּעס, אזוי ווי דער זאק וואָלט מיט אמאָל לעבעדיג געוואָרען... איך דערלאנג איהם א וואָרף אויף דער ערד, און—האָסט געזעהן אזוינס? — עס פליהען ארוים אלעריי פייגעל — פּפררדר!... אלע סאָרטען, גרויסע און קליי־נע — א שרעקליכע מחנה! זיי הויבען מיך אויף און טראָגען מיך אין דער לופטען — אזוי הויך האָבען זיי מיך געטראָגען!"

ער האָט זיך אָבגעשטעלט א ווײַלע און האָט אָנגעקוקט אי־ליא'ן מיט זיינע אָפענע, אויסגעגלאָצטע אויגען, אין דער צייט וואָס זיין געזיכט האָט געמאכט דעם איינדרוק פון אן איינפאכען גולם...

„נו—און וואָס ווייטער?" האָט איליא אונטערגעטריבען ווייטער צו דערצעהלען, מחמת ער האָט געברענט פאר חשק צו הערען דעם סוף פון חלום.

„נו—כ'בין אלזאָ אוועקגעפלויגען ווייט, ווייט", האָט יאקאָוו געענדיגט זיין בעריכט און האָט זיך פערטראכט.

„וואוהין?"

„וואוהין? אָט... אזוי איינפאך... גאנץ ווייט אוועק בין איך געפלויגען!"

„אה דו!" האָט דער ענטטוישטער איליא זיך אָבגערופען מיט א טאָן פון פערראכטונג. „דו קענסט גאָר ניט געדיינקען".

פון שיינק איז דערוויילע ארויסגעקומען זיידע יערעמעי און האָל־טענדיג די האנד איבער די אויגען, האָט ער גערופען:

„איליושקא! וואו ביסט דו ערגעץ? קום שלאָפען, ס'איז שוין צייט!"

איליא האָט זיך גלייך אויפגעהויבען און איז נאכגעגאנגען דעם

www.libtool.com.cn


אלטען צו זיין געלעגער, וואס איז בעשטאנען פון א זאק אנגעפילט מיט היי. עס איז געווען א מחיה צו שלאפען אויף דעם זאק; עס האט זיך אזוי גוט געלעבט ביי דעם אלטען שמאטעס־קלייבער! אבער גאר ניט לאנג האט עס אנגעהאלטען. דאס דאזיגע אנגענעהמע און לייכטע לעבען.

4.

דער זיידע יערעמעי' האט געהאלטען ווארט: ער האט געקויפט פאר איליא'ן א פאר שטיוועל, א גרויסען, שווערען פאלטא און א הי־טעל — און אזוי אויסגעפוצט האט מען דעם אינגעל געשיקט אין שולע. מיט נייגיריגקייט און אין דערזעלבער צייט אויך מיט מורא איז ער געגאנגען אהין — און מיט א פער'חשך'טען פנים, מיט א גע־קריינקט הארץ און מיט טרעהרען אין די אויגען איז ער געקומען צו־ריק אהיים. די אינגלעך האבען גלייך דערקענט אין איהם יערעמעי'ס משרת'ל און אין איינעם, אין כאר, האבען זיי גענומען מאכען פון איהם שפאס:

„שמאטעס־קלייבער! פער'עפוש'טע בריאה! שמאטעס־קלייבער!“

א טהייל פון זיי האבען איהם געקניפען, אנדערע האבען איהם ארויסגעשטעקט א צונג, און איינער, גאר א חצוף, איז צוגעגאנגען צו איהם, האט פערצויגען דעם אטהעם אין זיך, פערשטעלט מיט די פינגער די נאז־לעכער, און מאכענדיג א מיאוס'ע עויה איז ער אב־געשפרונגען פון איהם מיט א געשריי:

„אך, וואס פאר א פאסקודנער ריח עס געהט פון איהם!“

„וואס האבען זיי דען צו מיר, וואס זיי מאכען אזוי חוזק פון מיר?“ האט איליא געפרעגט דעם פעטער מיט א פערביטערט הער־צעל. „וואס זשע? ס'איז דען א שאנדע צו קלייבען שמאטעס?“

„חלילה“, האט געענטפערט טערענטי, גלעטענדיג זיין פלימעני־קעל איבער'ן קאפ, און בעת מעשה האט ער געזוכט מיט אלע כוחות צו בעהאלטען זיין געזיכט פון דעם אינגעל'ס פארשענדע אויגען. „זיי טהוען עס נור... איינפאך אזוי... מחמת זיי זיינען ניט אויפגעצויגען ווי ס'דארף צו זיין.. זאל עס דיך גאר ניט ארען! מוזט עס ווי עס

www.libtool.com.cn



איז אויסשטעהן !... זיי וועלען שוין געוואוינט ווערן דערצו... אויך דו וועסט דערצו געוואוינט ווערן..."

„אויף פון מיינע שטיוועל לאכען זיי, און פון פאלטא !... ס'זיינען פרעמדע שמאטעס, זאגען זיי, פון א מיסט־קאסטען האב איך זיי מסתמא ארויסגעשלעפט !"

אויף יעדע יערעמעי׳ס ווערטער האט איהם געטרייסט, און פינטלענדיג מיט די אויגען האט ער געזאגט :

„טראג עס איבער, מיין ליעבינקער ! ע ר וועט זיך שוין מיט זיי אברעכענען דערפאר !... ער ! חוץ איהם — איז ניטא קיינער !"

דער אלטער האט גערעדט וועגען גאט מיט אזא מין שמחה, מיט אזא מין בטחון אין זיין גערעכטיגקייט, פונקט ווי ער וואלט געוואוסט אלע געדאנקען פון גאט, אלע זיינע פלענער, און יערעמעי׳ס ווערטער האבען אביסעל לייכטער געמאכט דעם אינגעל׳ס שווער הערצעל און פערקלענערט אויף וויפיעל עס איז זיין עגמת נפש. אבער אויף מארגען האט זיך דאס דאזיגע געפיהל, דאס געפיהל פון קריינקונג, פון דאס ניי ערוועקט אין איהם נאך שטארקער ווי פריהער. איליא איז שוין געוואוינט געווען זיך צו בעטראכטען פאר א גאנצען מענשען, א ריכטיגען ארבייטער. דער שמיעד סאוועל אפילו האט צו איהם גערעדט אויף א פריינדליכען אופן, און די אינגלאך פון דער שולע לאכען איהם גאר אויס און מאכען פון איהם חוזק. ניין, ער האט אויף קיין פאל ניט געקענט געוואוינט ווערען דערצו. פון טאג צו טאג האבען זיך די בעליידיגטע און ביטערע איינדריקע פון דער שולע אלץ מעהר פערשטארקט; טיעף אין זיין נשמה זיינען זיי געקראכען און פערביטערט און פערראומערט האבען זיי זיין הארץ. דאס געהן אין שולע איז פאר איהם געווארען א שווערע לאסט, אן אוגאנגענעהמע פפליכט.

אין דער שולע האט ער זיך געהאלטען פאר זיך; ער האט אויסגעמידען די חברים זיינע און האט מיט זיי וואס ווייניגער געהאט צו טהאן. א גוט קעפעל האט ער געהאט, האט לייכט און פלינק אויפגעכאפט אלץ וואס מען האט מיט איהם געלערענט; דורך דעם האט ער גלייך צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם לעהרער.

www.libtool.com.cn



א מוסטער איז ער געוואָרען פאר די אנדערע: דער לעהרער האָט געטייט אויף איהם מיט די פינגער און האָט די איבעריגע קינדער געציינגט וואָס לערנען מיט קאָפּ און מיט חשק הייסט; און דאָס האָט נאָך פערשטארקט דאָס בייזע געפיהל פון די שול־חברים צו איליא'ן. ער איז געזעסען אויף דער ערשטע׳ באנק און האָט כסדר געפיהלט די פיינדליכע בליקען פון זיינע שונאים הינטער זיין רוקען. זיי אבער האָבען איהם שטענדיג געהאט פאר די אויגען. די קלענסטע קלייניג־קייט אויף איהם, די מינדעסטע זאַך, וואָס ער האָט געטהאָן און וואָס האָט געקענט ארויסרופען זייער געלעכטער, איז זיי ניט אנטרונען פון די אויגען. זיי האָבען אלץ געזעהן, און זיי האָבען טאקע ניט אויפגע־הערט פון איהם חוזק צו מאכען.

יאקאָוו איז געגאנגען אין דערזעלבער שולע, און אויך מיט איהם האָבען זיך די קינדער כסדר געטשעפּעט. פאר איהם האָבען זיי געהאט א ספּעציעלען נאָמען: „דער אַקסענקאָפּ". ער איז שטענדיג געוועזן פערטראָגען, דאָס לערנען איז איהם ניט געקראָכען אין קאָפּ און דער לעהרער האָט איהם כמעט יעדען טאָג בעשטראָפט. אבער ער האָט זיך גאָר ניט געמאכט פון די שטראָפען: אזוי ווי ניט איהם מיינט מען דאָס. עס האָט איבערהויפּט אויסגעזעהן, אזוי ווי אלצדינג וואָס טהוט זיך ארום איהם געהט איהם ווייניג וואָס אָן, ער בעמערקט עס גאָר ניט: און אין שולע, אזוי ווי אין דערהיים, האָט ער עפּעס אזוי ווי געלעבט פאר זיך, אין זיין אייגען וועלטעל. ער האָט זיך געהאט זיינע אייגענע געדאנקען, און כמעט יעדען טאָג האָט ער איליא'ן איינ־פאָך משוגע געמאכט מיט זיינע מאָדנע פראגען. אזוי האָט ער איינ־מאָל, זיצענדיג פערטראכט און קוקענדיג ערגעץ, גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, געפרעגט:

„זאָג מיר נור, איליא — ווי קומט עס, וואָס די מענשען האָבען אזעלכע קליינע אויגען און דאָך זעהען זיי דערמיט אלצדינג?... די גאנ־צע גאס זעהט מען, די גאנצע שטאָדט — ווי קומט עס וואָס זי, די שטאָדט, וועלכע איז אזוי גרויס, פּאַמעסטשיעט זיך פונדעסטוועגען ביי אונז, אין אונזערע קליינע אויגען?".

אָדער ער קוקט ארויף צום הימעל און רופט זיך אָן פּלוצלונג:

„אָה, די זון!..."

www.libtool.com.cn



„וואס די זון?“ פרעגט איליא.
„ווי זי ברענט דאס!...“
„נו—איז וואס?“
„גאר ניט!... ווייסט, וואס איך קלעהר? אפנים, די זון און די לבנה זיינען די עלטערע, און די שטערן זיינען זייערע קינדער...“
אין אנהויב האט איליא צוגעלייגט דעם קאפ צו יאקאוו'ס מאדנע רייד און האט גאנץ שטארק נאכגעדיינקט וועגען דעם, אבער ביס־לעכווייז האבען אט די אלע איינפעלע איהם גענומען שטערען, מחמת זיי פלעגען איהם איינפאך פערטומלען דעם מוח און ער האט זיך ניט געקענט אבגעבען מיט יענע זאכען, וואס זיינען איהם געווען נעהנטער צום הארצען. און אזעלכע זאכען האבען ניט געפעהלט, און איליא האט זיך שוין אויסגעלערענט זיי אויפצוכאפען און זיי צו בעטראכטען מיט א גאנץ שארפען בליק.
איינמאל קומט ער פון דער שולע אהיים, און מיט א שפּאָטישען אויסדרוק אויף די ליפּען רופט ער זיך אב צום אלטען יערעמעי:
„אונזער לעהרער? ! הא־הא! א שעהנער מענש, ניטא וואס צו ריידען... נעכטען האט דעם קופּיעץ מאלאפעיעוו'ס זוהן צובראכען א שויב פון א פענסטער, און ער האט איהם דערפאר גאר ניט געטהאן, נור אזוי לייכט אנגעזידעלט. און היינט האט ער געלאזט ארייננזעצען א נייע שויב און בעצאהלט דערפאר פון זיין קעשענע...“
„זעהסט, וואס פאר א גוטער מענש דאס איז?!“ האט יערעמעי אויסגערופען מיט הארץ.
„א גוטער מענש, אודאי! און אז וואניקא קולטשארעוו האט דא ניט לאנג אויסגעבראכען א שויב, האט ער איהם געלאזט זיצען אהן וואַרעמעס, און דערנאך האט ער געשיקט רופען וואניקא'ס פאטער און האט איהם געזאגט: „דו, בעצאהל, זיי זשע מוחל, פערציג קאפּיקעס פאר דער שויב!“... און וואניקא האט דערנאך געקראגען געשמיסען פון זיין פאטער!... אזא גוטער מענש איז אונזער לעהרער... זעהסט דו!“
„דארפסט זיך גאר ניט אומקוקען אויף אזעלכע זאכען, איליושא“. האט זיך דער אלטער אבגערופען צו איהם און האט בשעת מעשה אונרוהיג געפינטעלט מיט די אויגען. „קוק דערויף, אזוי ווי עס וואלט דיר גארניט אנגעגאנגען. צו בעשטימען וואס איז אונרעכט — דאס

www.libtool.com.cn



איז גאָט'ס ארבייט און ניט אונזערע. מיר פערשטעהען עס ניט. מיר קענען נור שטענדיג געפינען דאָס שלעכטס, די עולות, אבער דאָס גוטע, דאָס גערעכטע צו דערקענען, — דאָס האָבען מיר ניט בכח. ער אָבער פערשטעהט, ווי אזוי אלצדינג אבצואוועגען!... ער האָט אין זיינע הענד די מאָס און דאָס געוויכט פון אלע זאכען. איך, למשל— איך האָב געלעבט, געלעבט, געקוקט און געקוקט — און וויפיעל אונ־רעכט איך האָב זיך אָנגעזעהן, קען גאָר קיינער ניט איבערצעהלען. דעם אמת אָבער האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן!... נו, בין איך שוין אריבער די אכציגער... עס קען דאָך ניט זיין, אז אין דער דאָזיגער לאנגער צייט האָט זיך די ווארהייט קיין איין איינציגעס מאָל ניט געפונען נאָהענט לעבען מיר!.. נאָר איך האָב זי ניט געזעהן... כ'קען זי ניט..."

„נאָ," האָט איליא געזאָגט מיט צווייפעל, „וואָס איז דאָ פאראַן אזוינס צו וויסען? אז דער איינער מוז בעצאָהלען פערציג קאָפּיקעס, מוז עס דער אנדערער אויך: אָט דאָס איז די וואהרהייט!"

דער אלטער האָט איהם בשום אופן ניט געוואָלט צוגעבען. ער האָט נאָך גערעדט און אָנגערעדט א גאנצען בארג ווענען זיך אליין, ווענען דער בלינדקייט פון די מענשען און מכח דעם, אז זיי זיינען ניט אימשטאנד איינער דעם צווייטען צו אורטהיילען, נור אז גאָט'ס משפּט אליין איז גערעכט. איליא האָט זיך מיט אויפמערקזאמקייט צוגעהערט צו דעם אלטען'ס רייד, נור זיין געזיכט איז דערביי געוואָ־רען וואָס ווייטער אלץ ערענסטער און טרויעריגער, און אלץ דונקע־לער און דונקעלער זיינען געוואָרען זיינע אויגען.

„ווען וועט שוין גאָט אמאָל קומען ארויסצוגעבען זיין משפּט?" האָט איליא פּלוצלונג א פרעג געטהאָן דעם אלטען.

„דאָס ווייס מען ניט!... אזוי גיך ווי די שטונדע וועט שלאָגען, וועט ער זיך אראבלאָזען פון די וואָלקענס, צו משפּט'ן די לעבעדיגע און די טויטע; אבער ווען דאָס וועט זיין, דאָס ווייס מען ניט... לאָ־מיר אמאָל אין א שבת־צו־נאכט ביידע געהן צום גאָטעס־דיענסט אין קירכע..."

„גוט, לאָמיר געהן!"

„אבגעמאכט!..."

www.libtool.com.cn



שבת אָבענד איז איליא מיט דעם אַלטען יערעמעי געשטאַנען, צוזאמען מיט די אנדערע בעטלער, אויף די טרעפּ פון דער קירכע, צווישעןביידע טהירען, אזוי גיך ווי די דרויסענדיגע טהיר האָט זיך גור געעפענט, האָט איליא דערשפּירט די קאַלטע לופט, וואס איז אריינגעקומען פון גאס. די פּיסלאַך האָבען ביי איהם אָנגעהויבען פריי־רען, און ער האָט געגומען שטילערהייט ארומגעהן אויף די שפּיץ פינ־גער, אהין און אהער. אבער דורך די גלעזערנע שויבען פון דער קיר־כען־טהיר האָט ער געזעהן, ווי די פלאַמען פון די ליכט גיסען זיך צו־נויף, אזוי ווי שעהנע, גילדערנע פינטעלאך און באלייכטען דאָס גלאַנ־ציגע מעטאל פון די מעשענע היינג־לייכטער, די דונקעלע קעפּ פון דער פרומער מאסע, די געזיכטער פון די הייליגע בילדער און די גרויס־ארטיגע שניצעריי פון דעם „ארון קדש“, אויבען אָן.

עפּעס האָבען די מענשען אין דער קירכע אויסגעוויזען א סך בעסער און פריערליכער ווי אויף דער גאס. אין דעם גילדענעם און ליכטיגען גלאַנץ, וועלכער האָט באלייכטעט זייערע דונקעלע, עהרפורכ־טיגע געשטאַלטען, האָבען זיי אויך אויסגעזעהן שעהנער ווי געוועהנ־ליך. אז די אינעווייניגסטע טהיר פון דער קירכע האָט זיך גע־עפענט, האָט א שפּאר געטהאָן פון דאָרט דער געשמאקער ריח פון ווייי־רויך און דאָס ווארעמע, פייערינ־קלינגענדע געזאנג פון׳ם כאָר. מיט צערטליכקייט האָט די דאָזיגע לופט ארומגענומען דעם אינגעל, און אויסער זיך פאר פרייד האָט ער זי איינגעאָטהעמט, אריינגעצויגען אין זיך מיט אלע כחות. עס איז איהם געווען אזוי ליעב, אזוי גוט, צו שטעהן דאָ, לעבען דעם ויידען יערעמעי, וועלכער האָט שטילער־הייט געשעפּשעט זיינע תפלות. ער האָט זיך צוגעהערט צום שעהנעם געזאנג און מיט אונגעדולד האָט ער געוואַרט אויף א נייער געלעגענ־הייט, ווען די טהיר וועט זיך פון דאָס ניי עפענען, און דאָס געזאנג וועט ווידער א שטראָם טהאָן אין זיינע אויערן, און די ווארעמע, אנגענעהמע לופט וועט איבער א נייעם דורכנעהמען זיינע גליעדער. ער האָט געוואוסט, אז אויבען, אין כאָר, זינגט גרישקא בובנאָוו, איי־נער פון די ערגסטע לציים אין שולע, און אויך פּעדקא דאַלגאנאָוו, א געזונדער, ווילדער בחור, וועלכער האָט איהם שוין מעהר ווי איינ־מאָל צובראָכען די ביינער. איצט אָבער האָט ער צו זיי גאָר ניט

www.libtool.com.cn



געהאט; ער האָט צו זיי ניט געפיהלט קיין שום שנאה, נאָר מקנא געווען האָט ער זיי אביסעל. ער אליין וואָלט געוואָלט זינגען, שטעהן אויבען, אין כאָר, און זינגען און קוקען פון דאָרט אלעמען אין געזיכט אריין. ווי שעהן מוז עס זיין צו שטעהן דאָרט אויבען, ביי דער מיטעלסטער טהיר פון דער אלטאר־וואנד, און זינגען און בעטראכטען די רוהיגע, פריעדליכע פּנים׳ער פון די גאָט־בעטער!

אז ער איז ארויס פון קירכע, האָט ער געפיהלט, עפּעס אזוי ווי ער איז אליין געוואָרען בעסער, און ער איז געווען גרייט זיך איבערצובעטען מיט בובנאָוו׳ן און דאָלגאנאָוו׳ן און איבערהויפּט מיט אלע קינדער פון דער שולע. אבער מאָנטאַג איז ער פונדעסטוועגען געקומען אהיים פון שולע, פּונקט אזוי אומעטיג און בעליידיגט ווי פריהער....

אומעטום, וואו מענשען זיינען צוזאמען אין א גרעסערע צאָהל, געפינט זיך שוין איינער, וואָס פיהלט זיך ניט גוט אין דער קאָמפּאַניע; און עס איז ניט נויטיג דוקא, אז דער דאָזיגער איינער זאָל גראָד זיין בעסער אָדער ערגער ווי די אנדערע. עס איז גענוג, אימיצער זאָל האָבען אביסעל וויניגער שכל אָדער א מאָדנע קאָמישע נאָז און מען האָט שוין מיט איהם צו טהאָן. די מענשען קלייבען זיך איינפאַך אוים איינעם, זיך מיט איהם לוסטיג צו מאכען; טהאָן טהוען זיי עס גור, כדי צו פערטרייבען מיט איהם די צייט. דאָ איז דער גורל געפאלען אויף איליא לונעוו. ער וואָלט זיך אָהן א שום ספק מיט דער צייט צוגעוואוינט צו דער ראָלע, וואָס זיינע חברים האָבען איהם געגעבען. אבער עס זיינען פאָרגעקומען אזעלכע פּאסירונגען אין איליא׳ם לעבען, וועלכע האָבען אויף איהם געמאכט א ביטערען רושם; זיי האָבען איהם אזוי דערשלאָגען און אזוי ווייט אוועקגערויבט ביי איהם די אינטערעסע פון דער שולע, אז ער האָט זיך בּיסלאכוויין אויפגעהערט צו נעהמען צום הארצען וועגען די קליינע אונאַנגענעהמליכקייטען, וואָס ער פלעגט דאָרט האָבען.

אַנגעהויבען האָט זיך עס דערמיט, וואָס איינמאָל, בשעת איליא און יאקאָוו זיינען צוריקגעקומען פון א שפּאַציר, וואָס זיי האָבען צוזאמען געמאכט, האָבען זיי ביים טויער פון הויז בעמערקט אן עולם פון מענשען.

www.libtool.com.cn



„זעה נור, זעה“, האָט זיך יאַקאָוו אָנגערופען צו זיין פריינד. „אַפּנים, זיי שלאָגען זיך שוין ווייטער! קום, לאָמיר שנעל צולויפען אהין!“

ווי די טייוואָלים האָבען זיי זיך געיאָגט אהיים, און אז זיי זיינען צוגעקומען צום הויף, האָבען זיי דערזעהן, אז זאַגאַר פּרעמדע מענשען, ניט פון הויז, האָבען זיך דאָרט פּערזאַמעלט, און עס האָט זיך געהערט א געשריי:

„רופט די פּאָליציי! די פּאָליציי רופט! פאַר וואָס בינדט מען איהם ניט?“

לעבען דער שמיעדעריי איז געשטאַנען א מאַסע פון מענשען, געדיכט איינע אין די אנדערע. שטיל זיינען זיי געשטאַנען, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, מיט קיין אבר ניט גערירט, און אן אויסדרוק פון שרעק האָט זיך אויסגעגאָסען אויף אַלע פּנים'ער. קינדער האָבען זיך דורכגעשפּאַרט דורכ'ן עולם, פאָראויס, אָבער זיי האָבען זיך גלייך צוריק ארויסגעריסען, האַלב טויט פון שרעק. אויפ'ן שנעע, לעבען די פיס פון דער אָנגעזאַמעלטער מאַסע איז געלעגען א פרוי, מיט'ן פּנים צו דער ערד. איהר האַלז־און־נאַקען איז געווען פערגאָסען מיט בלוט און בעדעקט מיט א ווייכע שטיק מאַטעריע, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי טייג; אויך דער שנעע ארום איהר קאָפּ איז געווען רויט פון בלוט. לעבען איהר איז געלעגען א צוקנייטשטע ווייס קאָפּ־טיכעל און א גרויסע צוואַנג פון א שמיעד. ביי דער טהיר פון דער שמיעדעריי איז געשטאַנען סאַוועל און שטום, מיט א פינסטערן בליק האָט ער געקוקט אויף דער פרוי'ס אָרעמס. זיי זיינען געווען אויסגעשטרעקט. די פינגער טיעף איינגעגראָבען אין שנעע; און דער קאָפּ איז אזוי געלעגען צווישען זיי, פּונקט ווי די פרוי וואָלט געוואָלט אנטלויפען אין דער ערד און זיך דאָרט בעהאַלטען פאַר איהם. דעם שמיעד'ס ברעמען זיינען געווען צוזאַמענגעצויגען, דאָס געזיכט זיינס איינגעפאַלען. מען האָט געקענט זעהן, ווי ער דריקט פעסט צוזאַמען זיינע צייהן, און זיינע באַקען־ביינער האָבען ארויסגעשטעקט, אזוי ווי צוויי גרויסע צאַפּענס. מיט דער רעכטער האַנד האָט ער זיך אָנגעהאַלטען אַן דער טהיר. זיינע שוואַרצע פינגער האָבען זיך בעוועגט, געציטערט, אזוי ווי די גראָבעלדיגע פיסלאַך פון א קאַץ, אָבער א חוץ די פינגער

www.libtool.com.cn



האָט ער מיט קיין אבר ניט א ריהר געטהאָן. איליא'ן האָט זיך פונ־דעסטוועגען אויסגעדוכט, אז זיינע פעסט צוזאמענגעפּרעסטע ליפּען וועלען זיך באלד עפענען און ער וועט ארויסלאָזען א ווילדען געשריי מיט דער גאנצער קראַפט פון זיין ברייטער ברוסט. שטיל האָט דער עולם געקוקט אויף איהם. די פּנים'ער זייערע זיינען געווען שטרענג און ערנסט, און כאָטש אין הויף האָט געהערשט א גרויסער טומעל, אָבער דאָ ארום דער שמיעדעריי, איז געווען שטיל און רוהיג, אזוי ווי אויף א בית עולם....

מיט אמאָל שפּארט זיך דער אַלטער יערעמעי דורך דער גע־דיכטער מאסע; קוים וואָס ער שלעפּט זיך, דאָס געזיכט בעדעקט מיט שוויים, מיט א ציטערענדער האנד דערלאַנגט ער דעם שמיעד אַן עמער וואסער און זאָגט:

„נא, נעהם... טרינק!..."

„וואסער גיט ער איהם גאָר, דעם רוצח! א שטריק וואָלט איך איהם ארומגעדרעהט ארום האלז", האָט אימיצער פון עולם געזאָגט מיט א האלבען קול.

סאוועל האָט גענומען דעם עמער מיט דער לינקער האנד און האָט געטרונקען און געטרונקען, און אז ער האָט אויסגעטרונקען דאָס גאַנצע וואסער, האָט ער אריינגעקוקט אין דער ליידיגער כלי און מיט א האלב פערשטיקטער שטימע האָט ער געזאָגט:

„איך האָב איהר געוואָרענט... לאָז אָב, דו בהמה דו, זאָג איך צו איהר, לאָז אָב, אניט דער'הרג'ע איך דיך אויף טויט! כ'האָב איהר מוחל געווען!... וויפיעל מאָל האָב איך איהר מוחל געווען!... אבער זי האָט ניט געוואָלט אויפהערן... נו... איז עס געקומען!... מיין פּאש־קאָ... איז איצט א יתום... גיב אכטונג אויף איהם, זיידעניו... דיך האָט גאָט ליעב... גיב אכטונג אויפ'ן אינגעל!"...

„א—א—אָך דו—ו" האָט דער אַלטער געקלאָגט פון טיעפען הארצען און מיט זיין ציטערענדער האנד האָט ער אַנגענומען דעם שמיעד פאר'ן אקסעל. אין יענעם אויגענבליק האָט זיך אימיצער פון עולם אָבגערופען:

„וואָס זאָגט איהר צו אזא רשע!... ער רעדט נאָך פון גאָט!"

דאָ האָט דער שמיעד אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געוואָרפען א

www.libtool.com.cn



מורא׳דיגען בליק אויף אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען ארום, און ווי א ווילדע חיה האָט ער פּלוצלונג א ברום געטהאָן.

„וואָס ווילט איהר? טראָגט זיך שוין אָב פון דאַנען!"

זיין געשריי האָט אויפ׳ן עולם געווירקט, אזוי ווי א שמיץ פון א נאַגייקע. די פערזאַמעלטע האָבען געמורמעלט אין זיך פּאָר כעס, אָבער זיי האָבען פונדעסטוועגען זיך אָבגעטראָגען אָן א זייט. דער שמיעד האָט געמאַכט א פּאָר טריט צו דעם טויטען קערפּער פון זיין ווייב, אָבער ער האָט זיך גלייך אומגעקעהרט, און גלייך, אזוי ווי א וועקסענע ליכט, מיט׳ן קאָפּ אין דער הויך, האָט ער זיך געלאָזט אריינגעהן אין דער שמיעדריי. אַלע האָבען געזעהן, ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט דאָרט אויף דער קאָוואַדלע; ווי ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענד פאַר׳ן קאָפּ, אזוי ווי ער וואָלט פּלוצלונג דערפיהלט א מורא׳דיגען, אונערטרעגליכען וועהטאָג. דער אויבערשטער טהייל פון זיין קערפּער האָט זיך לאַנגזאם בעוועגט, ארויף און אראָב. איליא האָט רחמנות געהאַט אויפ׳ן שמיעד. פערטראַכט, אזוי ווי אין א חלום, איז ער אוועק פון דער שמיעדעריי און האָט ארומגעוואַנדערט איבער׳ן הויף, פון איין רעדעל מענשען צום צווייטען, ניט פערשטעהענדיג קיין וואָרט פון די געשפּרעכען, וואָס ער האָט געהערט. פּאָר זיינע אויגען האָט עפּעס אזוי ווי ארומגעשוואוימען א גרויסער, רויטער פלעק, און דאָס הערצעל זיינס האָט אזוי וועה, אזוי וועה געטהאָן.

די זשאַנדאַרען זיינען ענדליך אָנגעקומען און האָבען צוטריבען דעם עולם פון הויף. דערנאָך האָבען זיי ארעסטירט דעם שמיעד און איהם גענומען אַבפיהרען אין דער פּאָליציי.

„זייט געזונד... זייט געזונד זיידעניו!" האָט סאַוועל געשריגען, בשעת ער איז ארוים פון טויער.

„זייט געזונד, סאַוועל איוואַניטש, זייט געזונד, מיין ליעבער!" האָט דער אַלטער אויסגערופען מיט זיין דין קול׳כעל — האַסטיג, פונקט ווי ער וואָלט איהם וועלען אָניאָגען.

א חוץ דעם אַלטען האָט זיך קיינער ניט געזעגענט מיט׳ן שמיעד...

אויפ׳ן הויף איז נאָך דער עולם אַלץ געשטאַנען אין קליינע רעדלאָך און גערעדט וועגען דעם, וואָס האָט פּאַסירט. אַלע אויגען האָבען

www.libtool.com.cn



געקוקט אין יענער זייט, וואו דער קערפּער פון דער דערשלאָגענער איז געלעגען אונטער אַ דעקע. ביי דער טהיר פון דער שמידעריי, דאָרט וואו סאוועל איז נור וואָס געזעסען האָט זיך איצט בהרחבה צו־שפּרייט אַ פּאָליציייסקער שומר מיט אַ ליולקע אין מויל. ער האָט גע־רויכערט און אַלע ווײַלע אויסגעשפּיגען אַן אַ זייט. מיט ביסטרע אוי־גען האָט ער אָנגעקוקט דעם אַלטען יערעמעי און האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס ער רעדט.

„ס'איז דען געווען ער, וואָס האָט איהר גע'הרג'עט?" האָט דער אַלטער גערעדט אין דער שטיל, אזוי ווי ער וואָלט אימיצען פער־טרויט אַ סוד. „די שווארצע קליפּה האָט עס געטהאָן, זי אַליין! דער מענש קען דעם מענשען ניט טויטען... דער מענש אַליין איז גוט, ער האָט גאָט אין הארצען... ניט ער מאָרדעט דאָס... ניט גלויבט אין אַזעלכע זאכען, מיינע גוטע לייט!"

יערעמעי האָט אוועקגעלייגט די הענד אויף דער ברוסט און האָט בשעת מעשה עפּעס אַ מאַך געטהאָן מיט זיי, פּונקט ווי ער וואָלט וועלען עפּעס אָבטרייבען פון זיך. דערנאָך האָט ער גענומען ווייטער ערקלעהרען דעם עולם די בעדייטונג פון דער פּאַסירונג.

„שוין לאַנג האָט דער שטן, דער שווארצער, איהם געבוירערט דאָס הארץ, איהם אונטערגעזאָגט: „דערשלאָג זי אויף טויט!" האָט ער געזאָגט, זיך ווענדענדיג צום פּאָליציי־מאַן.

„שוין לאַנג — זאָגסט דו?" האָט זיך יענער נאָכגעפרעגט מיט אַ וויכטיגער מינע.

„שוין פון לאַ—אַנג אַן! זי איז דאָך דיין אייגענס, האָט ער גע־זאָגט... און דאָס איז ניט אמת געווען!... אַ פערד — דאָס איז מיינס... אַ הונד—געהערט צו מיר... אָבער אַ ווייב — דאָס איז גאָט'ס.. זי איז—אַ מענש!... זי האָט איבערגענומען אַלע צרות, אַלע דאַגות, אַלע שווערע לאַסטען פון גאָט'ס הענד אין גן־עדן און זי טראָגט זיי צוזאַמען מיט אונז, מענער... דער שווארצער אָבער בויערט און עגבערט כסדר, אָהן אָן אויפהער: דערשלאָג זי אויף טויט, זי איז דיינע! ער איז נור אויסען, אַז דער מענש זאָל זיין געגען גאָט... ער אַליין האַלט מלחמה מיט גאָט און ער זוכט דעם מענשען צו מאַכען פאַר זיין חבר..."

www.libtool.com.cn



„אָבער מיט דער צוואַנג אין קאָפּ האָט דאָך ניט דער טייפעל איהר דערלאַנגט, נאָר דער שמיעד", האָט זיך דער פּאָליציסט אבגע־רופען און האָט אויסגעשפּיגען דערביי.

„ווער האָט עס איהם אבער אריינגעדרודעלט אין קאָפּ?" האָט דער אַלטער געשריגען. „דאָס בערעכען אקאָרשט! ווער האָט עס איהם איינגערעדט צו טהאָן?"

„זאָג נור", רופט זיך אָן דער פּאָליציי־מאַן, „וואָס געהערט ער זיך מיט דיר אָן, דער שמיעד? איז ער ניט אקאָרשט דיין זוהן?"

„ניין, בעהיט גאָט!..."

„אָבער א קרוב זיינער ביסט דו דאָך געוויס, וואָס?"

„ניין. כ'האָב קיין קרובים ניט..."

„זאָג זשע מיר, איך בעט דיך — וואָס זשע קאָכסט דו זיך אזוי?"

„איך? אך גאָט..."

„ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען?" האָט דער פּאָליציסט גע־נומען א שטרענגען טאָן. „פון אַלטקייט פלוידערסט דו אזוי... טראָג זיך בעסער אָב!"

דער פּאָליציייסקער שומר האָט ארויסגעלאָזט א געדיכטען וואָל־קען מיט רויך פון מויל און האָט זיך אומגעדרעהט מיט'ן רוקען צום אַלטען. יערעמעי איז אבער דערפון ניט אראָבגעפאַלען ביי זיך און האָט נאָך ווייטער גערעדט און גערעדט; שנעל, האסטיג און מיט א וויינענדיגען קול האָט ער גערעדט און בשעת מעשה געפאָכעט און געוואָרפען מיט די הענד.

בלייך ווי קאַלך, מיט גרויסע, אָפענע אויגען האָט זיך איליא ארומגעדרעהט איבער'ן הויף און איז געבליבען שטעהן לעבען א רעדעל פון מענשען, וואו די הויפט מאַכערס זיינען געווען מאקאר דער קוטשער, פּערפישקא דער שוסטער און מאַטיצא מיט נאָך א פּאָר ווייבער פון די בוידימס.

„וואָס רעדט איהר, מיינע ליעבינקע?" האָט זיך אָבגערופען איי־נע פון די ווייבער. „זי האָט דאָך נאָך פאַר דער חתונה געהאַט צו טהאָן מיט אנדערע מענער! איך ווייס עס גאַנץ בעשטימט! וואהר־שיינליך אין פּאַשקאַ אויך ניט סאַוועל'ס זוהן, נאָר דאָס קינד פון א

www.libtool.com.cn



לעהרער פון גימנאזיע, וועלכער האט געוואוינט ביים קופּיעץ מאלאַ־פּיעיעוו... ער פלעגט כסדר פאלען פון די פיס פאר שכרות..."

„דער וואס האט זיך דערשאָסען, מיינסט דו?" האט פּערפּישקא געפרעגט.

„גאנץ ריכטיג.. מיט איהם האט זי זיך אריינגעלאָזען..."

„אבער דערפאר האט ער דאך איהר ניט געדאַרפט גלייך דער־שלאָגען אויף טויט", האט מאקאר דער קוטשער בעמערקט מיט דעם טאָן פון א גאנצען פילאָזאָף. „דאס איז שוין ווירקליך אביסעל צו שטארק. אז ער דער'הרג'עט זיין ווייב, און איך מיינע, און יעדער וואלט אזוי אנגעגאנגען..."

„דאן וואלט די פּאָליציי געהאט א שעהן ביסעל ארבייט", האט געזאגט דער לוסטיגער שוסטער פּערפּישקא. „מיין אלטיטשקע טויג שוין לאנג אויף א כפּרה, און איך טראָג עס פונדעסטוועגען אריבער..."

„ס'מזל אויף דיר, ווי דו טראָגסט עס אריבער!.. טייפעל דו!..." האט מאַטיצאַ מיט א ביטערען שמייכעל געזאָגט.

אויף פּערפּישקא'ס געלעהמטע פרוי איז ארויסגעקראָכען פון קעל־לער, און פון קאָפּ ביז די פיס איינגעוויקעלט אין שמאטעס איז זי געזעסען אויף איהר געוועהנליכען פּלאַץ, ביים ארייגאנג פון קעלער. איהרע אָרעמס זיינען געלעגען אויף די קניע, זיך ניט ריהרענדיג פון אָרט; זי האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און מיט איהרע שווארצע אויגען האט זי ארויפגעקוקט צום הימעל. איהרע ליפּען זיינען געווען צוזאמענגעפּרעסט און די ווינקלען פון מויל פערצויגען אראָב. איליא האט געקוקט דאָ אין די דונקעלע אויגען פון'ם שוסטער'ס פרוי און דאַ צום הימעל צו, פונקט ווי זי, און ער האט זיך געטראַכט ביי זיך, אפשר זעהט פּערפּישקא'ס ווייב דעם רבונו של עולם דאָרט אוי־בען, און זי איז מתפּלל צו איהם, זי בעט עפּעס ביי איהם, שטומער־הייט.

באלד האבען זיך אויך אלע קינדער פון הויז צוזאמענגעקליבען ביים ארייגאנג פון קעלער. זיי האבען זיך שטארק איינגעוויקעלט אין זייערע קליידער און געדיכט, איינע לעבען די אנדערע, זייגען זיי געזעסען אויף די קעלער־טרעפּ און מיט א מורא'דיגער נייגיריגקייט האבען זיי זיך צוגעהערט צו דעם וואס סאַוועל'ס זוהן האט דערצעהלט

www.libtool.com.cn



וועגען דעם מאָרד. פּאשקאַ'ס געזיכט איז געווען פערראומערט, און זיינע אויגען, וועלכע זיינען שטענדיג געווען פרעך, עזות'דיג, האָבען איצט געקוקט אונזיכער, האַלב צומישט אויף יעדען איינעם. פונדעסטוועגען איז ער ביי זיך געווען שטאָלץ. ער איז דאָך פּאַרט עפּעס דער העלד פון טאָג! נאָך קיינמאָל האָט מען איהם ניט געשענקט אַזוי פיעל אויפמערקזאמקייט ווי היינט. שוין צום צעהנטען מאָל אפשר, אז ער דערצעהלט איבער אַלץ דיזעלבע זאַך, און זיין געשיכטע קלינגט שוין עפּעס אַזוי גלייכגילטיג, אַזוי אַלט.

„אַזוי ווי זי איז אייערנעכטען אוועק", האָט ער דערצעהלט, „האָט דער טאַטע שוין געקריצט מיט די צייהן, און פון צייט צו צייט איז ער געווען מלא רציחה און האָט כסדר געברומט ווי א לייב. מיך האָט ער אַלע ווייַלע געריסען פאַר די האָר... איך האָב שוין געזעהן, אַז עפּעס וועט דאָ ארויס — אודאי האָב איך עס געזעהן פאַראויס! און ענדליך איז זי געקומען. די שטוב איז געווען פערשלאָסען — מיר זיינען געווען אין שמידעריי, איך בין געשטאַנען ביים בלאָז־זאַק. מיט אמאָל זעה איך, ווי זי קומט אַן און בלייבט שטעהן ביי דער טהיר. גיב אהער דעם שליסעל, זאָגט זי. דער טאַטע אבער האָט גענומען א צוואַנג און האָט זיך געלאָזט צו איהר... שטילערהייט איז ער געגאַנגען, אַזוי ווי א גנב... כ'האָב שוין געוואָלט אויסשרייען: אנטלויף, מאַמע! נאָר איך האָב ניט געשריגען... אז איך האָב אויפגעמאַכט די אויגען, דערזעה איך, אז ער געהט איהר נאָך אַלץ אנטקעגען, און זיינע אויגען האָבען אַזוי געברענט! וויל זי אָבטרעטען צוריק.... זי קעהרט זיך אום מיט'ן רוקען צו איהם, זי האָט יעדענפאַלס געוואָלט אנטלויפען..."

פּאשקאַ'ס געזיכט האָט א ציטער געטהאָן, און זיין מאָגערער, דאַרער קערפּער האָט אָנגעהויבען צו צוקען. מיט א טיעפען זיפץ האָט ער אריינגעזויגען אין זיך א פולע ברוסט מיט לופט, דערנאָך האָט ער לאַנגזאם אָבגעאָטהעמט און האָט געזאָגט:

„דאן האָט ער איהר דערלאַנגט מיט דער צוואַנג אין מוח!..."

די קינדער, וואָס זיינען ביז אהער געזעסען רוהיג און האָבען ניט א ריהר געטהאָן מיט קיין גליעד, האָבען איצט אָנגעהויבען ציטערן.

www.libtool.com.cn



„זי האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס און האָט געגעבען א פאַל אויף דער ערד... גלייך ווי זי וואָלט אריינגעפאַלען אין וואסער...“

ער איז אנשוויגען געוואָרען, האָט אויפגעהויבען א שפּענדעל פון דער ערד, האָט עס ארומגעקוקט און עס דערנאָך א וואָרף געטהאָן די קינדער איבער די קעפּ. אויך זיי זיינען געזעסען אַלע שטיל, אזוי ווי די שטומע. זיי האָבען אפּנים געוואַרט, ער זאָל נאָך עפּעס זאָגען, נאָך עפּעס דערצעהלען. נאָר ער האָט געשוויגען, אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ טיעף איבער דער ברוסט.

„ער האָט זי אין גאנצען דער׳הרג׳עט, הא?“ האָט מאשא גע־פרעגט מיט איהר פיינינקע, ציטערענדע שטימעלע.

„ביסט א בהמה!“ האָט פּאשקא געענטפערט, ניט אויפהויבענ־דיג דעם קאָפּ.

יאקאָוו האָט ארומגענומען די קליינינקע און זי הארציג צוגעטו־ליעט צו זיך, און איליא האָט זיך צוגערוקט נעהנטער אביסעל צו פּאשקא׳ן און האָט איהם שטילערהייט געפרעגט:

„ס׳פערדריסט דיך פאר איהר?“

„וואָס געהט דאָס דיך אָן?“ האָט פּאשקא געענטפערט בייז.

אַלע קינדער מיט אמאָל האָבען דערלאַנגט א קוק אויף איהם, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט.

„זי האָט זיך כסדר ארומגעטריבען...“ האָט זיך מאשא געלאָזט הערען, נאָר יאקאָוו איז איהר אריינגעפאַלען אין די רייד:

„ארומגעטריבען!... אויך מיר א מענש געווען, דער שמיעד!... שטענדיג אזוי שוואַרץ און בייז — דאָס ניין יאָהריגע קדחת האָט מען פאר איהם געמוזט האָבען!... און זי איז געווען א לוסטיגס, א פריילאכס, אזוי ווי פערפישקא... ס׳איז איהר איינפאך געווען לאַנגווייליג... ביים שמיעד...“

פּאשקא האָט דערלאַנגט א קוק אויף איהם, און ערנסט און טרויעריג, ווי א גרויסער, האָט ער געזאָגט:

„כ׳האָב איהר כסדר געזאָגט: מאמע, זאָג איך, גיב אכטונג! ער וועט דיך ממית׳ן... אבער זי האָט ניט געהערט. זי האָט מיך נור שטענדיג געבעטען, איך זאָל איהם גאָרניט דערצעהלען. דערפאר האָט זי מיר געקויפט גאַשערייען. און דער פעלדפעבעל האָט מיר יעדעס

www.libtool.com.cn



מאָל געשײנקט א פּינפּער. האָב איך איהם נור געבראַכט א בריעף פון איהר, האָב איך גלײך געקראָגען מײן פּינפּער... ער איז א גוטער יונג! און אזוי שטארק... און ס'אַרא געזונדע פּאָר וואַנציעס ער האָט דאָס!"....

„א שווערד האָט ער אויך?" האָט מאשא געפרעגט.

„און נאָך וואָס פאר א שווערד!" האָט פּאשקא געזאָגט, און מיט שטאָלץ האָט ער צוגעלײגט:

„כ'האָב איהם אמאָל ארויסגעצויגען פון שײד, דעם שווערד, איז גאנצען אויסגעקריצט איז די קלינג!"

„איצט ביסט דו שוין, הײסט עס, אויך א יתום, אזוי ווי איל־יושקא..." האָט זיך יאקאוו אבגערופען, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויף א װײלע פערטראַכט.

„נו איז וואָס? בין איך א יתום!" האָט פּאשקא געענטפערט האַלב נעלאַסען. „מײנסט אפשר, אז איך װעל אויך געהן שמאַטעס קלײבען? ! כ'שפּײ דערויף!"

„כ'מײן דאָס גאָר ניט!..."

„איך װעל זיך איצט לעבען, אזוי ווי ס'פּאַסט פאר מיר". האָט פּאשקא װײטער געזאָגט מיט שטאָלץ, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און די אויגען זײנע האָבען געגומען פונקלען, אזוי ווי פון צאָרן. „כ'בין גאָר קײן יתום ניט... אָט, איך געפין זיך אזוי... אלײן אויף דער וועלט... און איך װעל אויך בלײבען אלײן גאַנץ פאר זיך. דער טאַטע האָט מיך ניט געוואָלט שיקען אין שולע — און אצינד װעלען זײ איהם ארײנזעצען אין טורמע... און איך װעל מיר פּשוט געהן אין שולע און לערנען.. נאָך מעהר פון אײך װעל איך לערנען!"

„וואו װעסט דו אבער נעהמען די קלײדער?" האָט איליא גע־פרעגט, אָנקוקענדיג פּאשקא'ן מיט א בליק פון טריאומפף אין די אויגען. „אין צוריסענע בגדים קענסט דו דאָך, פערשטעהט זיך, אהין ניט ארײנקומען!"

„קלײדער? איך װעל... פערקויפען די שמיעדערײ".

אלע האָבען געקוקט מיט דרך ארץ אויף פּאשקא'ן, און איליא האָט זיך געפיהלט בעזיעגט. פּאשקא האָט בעמערקט דעם רושם, וואָס

www.libtool.com.cn



זיינע ווערטער האָבען געמאַכט און האָט גענומען קריכען אויף די גלייכע ווענד:

„אויף אַ פערד וועל איך זיך קויפען, אַ לעבעדיג, אַ ריכטיג פערד!... און רייטען וועל איך אין שולע אריין...“

דער דאָזיגער געדאַנק איז איהם אזוי שטאַרק געפעלען, אז ער האָט זאָגאַר צוגעשמייכעלט דערביי, כאָטש דער שמייכעל איז געוועזען אַ גאַנץ לייכטער, וואָס האָט נור אַ שוועב געטהאָן אויף זיינע ליפּען און איז גלייך פערשוואונדען.

„סיי ווי סיי, שלאָגען וועט דיך אצינד קיינער ניט“, האָט מאַשאַ פּלוצלונג אַ זאָג געטהאָן צו פּאשקאַ'ן, קוקענדיג אויף איהם מיט אויגען פול מיט קנאה.

„ניש'קשה, ס'וועלען זיך שוין געפינען בעלנים דערויף“, האָט זיך איליא אָנגערופען מיט אַן איבערצייגטען טאָן.

פּאשקאַ האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהם, האָט דערלאַנגט אַ שפּיי אָן אַ זייט און געפרעגט:

„וואָס מיינסטו דו דערמיט צו זאָגען? דו הויב זיך נור אַקאָרשט אָן מיט מיר?“

פון דאָס ביי האָט זיך יאַקאָוו אריינגעמישט אין געשפּרעך:

„ווי מערקווירדיג דאָס איז פונדעסטוועגען, קינדער! אָט האָט געלעבט אַ מענש, איז ארומגעגאַנגען און גערעדט און אזוי ווייטער... געוועזען פול מיט לעבען, פּונקט ווי אַלע אַנדערע. און מיט אַמאָל קריגט ער מיט דער צוואַנג אין קאָפּ — און איז שוין מעהר ניטאָ אויף דער וועלט!“

פול מיט שפּאַנענדער אינטערעסע האָבען אַלע קינדער געקוקט אויף יאַקאָוו'ן, וועמעס אויגען זיינען מיט אַ קאָמישען אויסדרוק ארויסגעקראָכען אונטער'ן שטערן.

„יאָ, כ'האָב שוין אויך געטראַכט וועגען דעם“, האָט זיך איליא אָבגערופען.

„מען זאָגט רק: ער איז געשטאָרבען“, האָט יאַקאָוו געזאָגט שטיל, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט עס דערצעהלט אַ סוד. „אָבער וואָס איז דאָס פּאָרט אזוינס — — „געשטאָרבען?“

www.libtool.com.cn



„די נשמה איז אוועקגעפלויגען“, האָט פּאַשקאַ ערקלעהרט מיט אַ טרויריגען טאָן.

דאָרט, אויפ'ן הימעל, האָבען שוין געבלישטשעט די שטערען. איינער פון זיי — אַ גרויסער, העלער שטערן, וועלכער האָט גאָר ניט געפונקעלט, איז געווען נעהנטער צו דער ערד ווי די אַנדערע און ווי אַ קאַלט, פערגליווערט אויג האָט ער אַראָבגעקוקט אויף זיי. נאָך מאַשאַ'ן האָבען אויך די דריי אינגלאַך אויפגעהויבען די קעפּ. פּאַשקאַ האָט אַ קוק געגעבען און איז גלייך אוועקגעלאָפען ערגעץ וואו. איליא האָט געקוקט אַ היבשע צייט מיט אַ שאַרפען בליק און מיט אַ מורא'דיגען אויסדרוק, אַלץ אין איין ריכטונג. יאַקאָוו'ס גרויסע אויגען, ווידער, האָבען אַרומגעוואַנדערט אויפ'ן הימעל אהין און אַהער, אַזוי ווי זיי וואָלטען דאָרט עפּעס געזוכט.

„יאַקאָוו“, האָט זיך איליא פּלוצלונג אָבגערופען, אַראָבלאָזענ־ריג דעם קאָפּ.

„וואָס איז?“

„איך טראַכט אַלץ מכח...“ איליא האָט זיך צוריקגעהאַלטען, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געוואָנט צו ענדיגען דאָס, וואָס ער האָט אָנגע־הויבען.

„וועגען וואָס טראַכסט דו?“ האָט יאַקאָוו געפרעגט אַזוי שטיל ווי יענער.

„וועגען די מענשען דאָ...“

„וואָס זשע?“

„ווי אַזוי זיי... כ'קען דאָס גאָר ניט פערשטעהן!... אַ מענש איז דער'הרג'עט, דערשלאָגען געוואָרען אויף טויט... און אַלע לויפען אַרום אהין און אַהער און קאָכען זיך אַזוי שטאַרק... און ריידען אַזוי פיעל... אָבער וויינען האָט קיינער ניט געוויינט... ניט איין איינציגער פון זיי!...“

„נו.. איינער יאָ... יערעמעי האָט געוויינט“.

„אַך, דער האָט שטענדיג טרעהרען אין די אויגען... אָבער פּאַש־קאַ... ווי ער פיהרט זיך דאָס אָביסעל אויף! פּונקט ווי ער וואָלט דערצעהלט עפּעס אַ מעשה'לע...“

„עט, דאָס מאַכט ער נור אַזאַ אָנשטעל.... נישקשה, עס פערדריסט

www.libtool.com.cn



איהם שוין גאַר וואָס די מאַמע זיינע איז דער׳הרג׳עט געוואָרען, נאָר ווײנען שעמט ער זיך פאַר אונז... און איצט איז ער אוועקגעלאָפען ערגעץ וואו און וואויעט די וועלט שטעהט...״

שטאַרק צוגעטוליעט איינער צום צווייטען, זיינען זיי נאָך געזעסען דאָרט א פאַר מינוט. מאַשא איז דערוויילע איינגעשלאָפען אויף יאַקאָוו׳ס קניע, מיט׳ן געזיכט צום הימעל, וואו זי האָט ארויפגעקוקט א ווײלע פריהער.

„האָסט מורא?״ האָט יאַקאָוו געפרעגט גאַנץ שטיל.

„אביסעל מורא האָב איך טאַקי״, האָט איליא געענטפערט פונקט אזוי שטיל. „איצט וועט איהר נשמה ארומגעהן דאָ אין הויף...״

„יאַ—אַ... און מאַשקא איז אנשלאָפען געוואָרען.. מיר מוזען זי אוועקטראָגען אהיים.. איך האָב אפילו מורא זיך צו ריהרען פון דאנען.... לאָמיר געהן צוזאַמען!״

יאַקאָוו האָט אַנגעשפּאַרט מאַשא׳ס קעפּיל אויף זיינע אַקסלען, האָט ארומגענומען איהר קערפּערל מיט זיינע אָרעמס און מיט אלע כוחות האָט ער זיך אויפגעהויבען, זיך ווענדענדיג צו איליא׳ן, וועלכער איז איהם געשטאַנען אין וועג, מיט די ווערטער:

„וואַרט אקאַרשט, לאָז מיך געהן פאַראויס!...״

מיט דער שווערער משא, זיך קוים האַלטענדיג אויף די פיס, איז ער אראָב די טרעפּ אין קעלער אריין. איליא איז איהם נאָכגעגאַנגען און זיין נאַז האָט זיך כמעט אָנגעשטויסען אויף יאַקאָוו׳ס רוקען. איליא׳ן האָט זיך אויסגעדוכט, עפּעס ווי אזוי ווי אן אונזיכטבאַרע געשטאַלט וואָלט זיך נאָכגעיאָגט הינטער איהם, אזוי ווי ער וואָלט געפיהלט איהר קאַלטען אָטהעם אויף זיין האַלז; אזוי נאָהנט איז זי לעבען איהם, אָט, אָט פאַקט זי איהם.. ער האָט דעריבער אונטערגעשטופּט זיין חבר און שטילערהייט, קוים וואָס מען האָט געהערט, האָט ער איהם געזאָגט:

„גיכער, גיכער געה!״

5.

באַלד נאָך דיזער פּאַסירונג האָט דער אלטער יערעמעי אָנגעהויבען קרענקען. וואָס ווייטער איז ער אַלץ זעלטענער ארוים קלייבען

www.libtool.com.cn



זיינע שמאטעס; ער האָט זיך דאָס רוב אויפגעהאַלטען אין דער היים, זיך ארומגעדרעהט אין הויף, אָדער ער פלעגט אַבליגען שטונדען לאַנג אין בעט אין זיין פינסטער חדר'ל.

דער פריהלינג איז געקומען, און אז די זון האָט אראָבגעשיקט איהרע ווארעמע שטראהלען אויף דער ערד, פלעגט דער אלטער זיצען ערגעץ וואו אויף א זוניגען אָרט. פער'דאגה'ט פלעגט ער דאָרט זיצען און עפּעס צעהלען אויף די פינגער, אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט בערעכנען עטוואָס: דערביי האָבען זיך זיינע ליפּען כסדר בעוועגט. אָבער קיין וואָרט, קיין קלאַנג איז פון זיי ניט ארויס. אויך זיינע מעשה'לאך פלעגט ער שוין ניט אזוי אָפט דערצעהלען די קינדער פון הויף, און וואָס ווייטער איז איהם דערביי די צונג געוואָרען שווע־רער און שווערער. אזוי גיך ווי ער האָט נור געעפענט דאָס מויל עפּעס צו ריידען, האָט ער אויך געמוזט הוסטען. פון זיין ברוסט האָט זיך כסדר געהערט א מאָדנעס שלוכצען, עפּעס א מין הייזעריגער קרעכץ. וואָס וויל זיך ארויסרייסען פון געפענגנים און ווערען פריי....

„נו, דערצעהל זשע שוין ווייטער", פלעגט זיך מאשא בעטען ביי איהם; זי האָט געהאט א בעזונדערע ליעבע צו זיינע געשיכטען.

„וואַ—אָרט," האָט דער אלטער געענטפערט, קוים אַבכאַפּענדיג דעם אָטהעם. „וואַרט א ווייל׳ע, אָט באַלד... וועט עס אויפהערען..."

אָבער דער הוסט האָט ניט אויפגעהערט, נאָר ער פלעגט נאָך ווערען שטארקער און פלעגט צוטרייסלען יערעמעי'ס אויסגעדאַרטען קערפּער. דערווייל פלעגען זיך די קינדער פאַנאַנדערגעהן, ניט קענענ־דיג זיך דערוואַרטען אויפ'ן סוף פון דער מעשה'לע. יעדעס מאָל וואָס זיי האָבען זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן, פלעגט זיי דער אלטער נאָכקוקען מיט אזעלכע טרויעריגע בליקען, מיט א מאָדנעם ווייטאָג אין הארצען.

איליא האָט בעמערקט, אז דער בופעטשיק פּעטרוכא און פּעטער טערענטי זיינען עפּעס שטארק צוטראָגען מכח דער קראַנקהייט פון דעם שמאטעס־קלייבער. עטליכע מאָל אין טאָג פלעגט פּעטרוכא ארויס־קומען פון שיינק אויפ'ן הויף און מיט זיינע דורכגעטריבענע גרויע אויגען פלעגט ער זיך אומקוקען אין אלע זייטען, זוכענדיג דעם אל־טיטשקען; און אז ער האָט איהם געפונען, פלעגט ער פרעגען:

www.libtool.com.cn



„נו, ווי געהען די געשעפטען, זיידע? ס'ווערט דיר בעסער, ביין?“

הויף און שטאלץ, אין א ראזעווע באנוועלגע העמד, מיט די הענד אין די קעשענעס פון זיינע ברייטע טוך־הויזען, פערשטעקט אין א פאר גלאנציג־אבגעפוצטע שטיוועל — אזוי פלעגט ער תמיד ארויסקומען. אין זיינע קעשענעס האט זיך שטענדיג געהערט דער קלאנג פון געלד. זיין קייל־עכדיגער קאפ האט איבער'ן שטערן אנגעהויבען ווערען פליכעוואטע, אבער פונדעסטוועגען האט ער נאך געהאט א היבשע טשופרינע פון דונקעל־בלאנדע, געגרייזעלטע האר. און ער האט ליעב געהאט צו פערווארפען די לאנגע האר זיינע איבער די פלייצעס, אזוי ווי אן אידיאט. איליא האט איהם גאר ניט האלד געהאט, און איצט איז נאך דאס געפיהל פון פעראכטונג צו פעטרוכא'ן וואס ווייטער אלץ שטארקער געווארען ביים אינגעל אין הארצען. ער האט געוואוסט, אז פעטרוכא האט ניט ליעב דעם זיידען יערעמעי. איינמאל האט ער געהערט, ווי דער בופעטשיק האט דעם פעטער טערענטי געהאלטען א גאנצע דרשה מכח דעם אלטען.

„גיב נור אקארשט אכטונג אויף איהם, טערעכא!“ האט ער געזאגט. „ער איז אן אלטער קארגון!... ער האט געמוזט איינגעהען א היבשע מטבע אין קאפען־קישעלע דארט. האלט נור אפען די אויגען, הערסט דו!... ער וועט שוין לאנג ניט ארומקריכען, דער אלטער קראט. דו ביזט בעפריינדעט מיט איהם, און ער האט קיין לעבעדיגען נפש ניט דא אויף דער וועלט... האב'ס נור גוט אין זינען, מיין ליעבער!...“

אויף דער נאכט פלעגט זיידע יערעמעי ווי פריהער פערברייגגען אין שענק, לעבען טערענטי'ן: ער האט זיך מיט'ן הויקער אונטערהאלטען, געשמועסט מיט איהם מכח גאט, מכח דער וואהרהייט און אויך וועגען די מענשליכע אינטערעסען. פון דער צייט אן, וואס ער האט געלעבט אין שטאדט, איז דער הויקער נאך מיאוס'ער געווארען. עס האט אויסגעזעהן, אזוי ווי ער וואלט אראב פון פנים, בלייך געווארען ביי זיין ארבייט. זיינע אויגען האבען עפעס געקראגען א פינסטערן, שרעקעדיגען אויסדרוק, און דער קערפער זיינער איז אזוי ווי צושמאלצען געווארען איז'ם הייסען רויך פון שענק. די שמוציגע

www.libtool.com.cn



העמד האָט זיך שטענדיג ארויפגערוקט אויפ׳ן הויקער, אז מען האָט געקענט ארויסזעהן זיינע נאַקעטע לענדען. אז טערענטי האָט גערעדט מיט אימיצען, האָט ער תמיד געהאלטען די הענד אויפ׳ן רוקען און כסדר געוואָלט ארייַנשפּארען דאָס העמד אויף זיין פּלאַץ. דאָס האָט עפּעס אויסגעזעהן אזוי ווי ער וואָלט וועלען ארייַנשטאָפּען וואָס עס איז אין זיין גרויסען רוקען.

ווען זיידע יערעמעי איז נור געזעסען אין דרויסען, אויפ׳ן הויף, פּלעגט טערענטי אויך ארויסגעהן אויף די טרעפּ און זיך אומקוקען, צו־זאַמענדריקענדיג בשעת מעשה די אויגען און פערשטעלענדיג מיט דער האנד דעם צו ליכטיגען שיין פון טאָג. דאָס שטרוי־געלע בערדעל אין זיין שפּיציגען פּנים האָט אזוי ווי געציטערט, בשעת ער פּלעגט מיט זיין שוואַכער שטימע א פרעג טהאָן דעם אלטען:

„זיידעניו יערעמא! דארפט איהר עפּעס האָבען?“

„א שעהנעם דאנק!... כ׳דארף גאַרנישט... מעהר דארף איך גאָר ניט האָבען!...“ האָט דער אלטער געענטפערט.

דער הויקער פּלעגט זיך לאַנגזאַם ארייַנרוקען צוריק אין שענק.

דער אלטער אבער האָט אָנגעהויבען זיך צו פיהלען שוואַכער פון טאָג צו טאָג.

„ס׳וועט שוין מיט מיר גאָר נישט זיין,“ האָט ער זיך איינמאָל אָב־גערופען צו איליא׳ן, וועלכער איז געזעסען לעבען איהם. „ס׳איז גע־קומען די צייט פאַר מיר צו שטאַרבען! נור איין זאַך...“

מיט אמאָל האָט ער זיך אומגעקוקט, אזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אימיצער זאָל ניט הערען זיינע רייד. דערנאָך האָט ער ווייַ־טער געזאָגט גאַנץ שטיל:

„צו פריה שטארב איך, איליושא! כ׳האָב נאָך מיין ארבייט ניט געענדיגט!.. כ׳בין ניט צושטאַנד געקומען דערמיט. געלד האָב איך אָנגעקליבען, געלד... זיבעצעהן יאָהר נאָכאַנאַנד האָב איך עס גע־שפּאָרט.. א צערקווע האָב איך געוואָלט דערמיט בויען... אין מיין דאָרף, וואו איך בין געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען, האָב איך געוואָלט אויפשטעלען א טעמפּעל פאַר גאָט... ס׳איז אזוי נייטיג... אָך, ווי נייטיג ס׳איז פאַר די מענשען צו האָבען גאָטעס־הייזער! אונזער איינציגע ישועה, אונזער איינציגע רעטונג איז — ביי גאָט... צו ווייניג

www.libtool.com.cn



האָב איך אָנגעקליבען... ס'איז ניט געגוג... און וואָס איך זאָל מיט'ן געזאמעלטען געלד אָנהויבען צו טהאָן — אסור אויב איך וויים!... גיב דו מיר אן עצה, אָה גאָט!... און אָט פּלאָטערען שוין די ווילדע ראָבען ארום מיר און קרעכצען; זיי שפּירען דעם פּעטען ביסען!... מעגסט עס וויסען, איליושא: איך האָב געלד... זאָג עס נור קײנעם ניט, אָבער האָב עס גוט אין זינען!...“

איליא האָט זיך צוגעהערט צום אַלטען'ס ווערטער און ער האָט זיך געפּיהלט אין זיבעטען הימעל וואָס איהם קומט אוים צו וויסען אזא גרויסען, וויכטיגען סוד. ער האָט אויך גאַנץ גוט פערשטאַנען, ווען דער אַלטער האָט געמיינט מיט די ווילדע ראָבען, וועגען וועלכע ער האָט גערעדט מיט מורא און כעס.

אַז איליא איז אין א פּאָר טעג ארום צוריקגעקומען פון שולע און איז אראָב אין קעלער, האָט ער ביים אַלטען יערעמעי אין צימער דערהערט עפּעס גאָר מאָדנע קולות. עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַזוי ווי אימיצער מורמעלט פאַר זיך, שלוכצט און כאַרכעלט. פּונקט ווי מען וואָלט איהם ווערגען. אַלע ווײַלע האָט מען דײַטליך געקענט הערען א ציִשעריי:

„קש... קשש... פּאַשאָל וואָן!...“

א צושטערטער פון שרעק האָט דער אינגעל געוואָלט עפענען די טהיר צום אַלטען'ס קעמערל, אָבער זי איז געווען פערשלאָסען. דאַ האָט ער גענומען שרייען מיט א ציטערענדער שטימע:

„זיידעניו!“

אָבער אַנשטאָט אַן ענטפער האָט זיך הינטער דער טהיר געלאָזט הערען א מורא'דיגעם, אָטהעמלאָזעם שעפּטשען:

קש.. קשש!... אָה גאָט... דערבאַרם זיך... דערבאַרם זיך... דער־באַרם זיך!...“

און פּלוצלונג איז שטיל געוואָרען אין צימער. ווי אַן אָבגעבריה־טער איז איליא אָבגעשפּרונגען פון דער טהיר און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. דערנאָך איז ער ווידער אמאָל צוגעגאַנגען צו דער הילצערנער טהיר, צוזאמענגעשלאָגען פון ברעטער און דורך א שפּאַלט האָט ער אריינגעקוקט אינעווייניג. זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פון אויפרעגונג. אינעווייניג ביים אַלטען אין קעמערל, האָט ער

www.libtool.com.cn



געקענט בעמערקען אזוי ווי א טומאַן: קוים וואָס דער שיין פון טאָג האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורכ'ן קליינעם, שמוציגען פענסטער. מען האָט געהערט ווי דער רעגען האָט געקלאַפּט אין די שויבען און ווי דאָס וואסער פליסט אראָב אין א גרוב, וואָס האָט זיך געפונען לע־בען פענסטער, אויפ'ן הויף. איליא האָט ארייננעקוקט אין קעמערל און האָט געזעהן, ווי דער אַלטער ליגט אויף זיין בעט, אויסגע־שטרעקט נאָך הינטען און מאכט און פּאַכעט מיט די אָרעמס אין דער לופטען, אזוי ווי ער וואָלט זיך וועהרען געגען אימיצען.

„זיידעניו!“ האָט דאָס אינגעל נאָך אמאָל אויסגעשריגען מיט א שטימע פול מיט שרעק.

דער אַלטער האָט א ציטער געטהאָן, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און גענומען מורמלען גאַנץ הויך:

„קש... פּעטרוכא... לאָז אב, האָב גאָט אין הארצען! דאָס גע־הערט צו איהם, ס'איז זיינס!... א טעמפּעל וועל איך איהם דערמיט בויען... קש!... פּאַשאָל וואָן, דו ווילדער ראָב, דו!... אָה, גאָט אין הימעל, ס'איז דאָך דיינס... דיי—יינס! בעשיץ עס... נעהם עס דיר צו... דערבארם זיך... דערבארם זיך!...“

איליא איז געווען אין הוילע ציטערניש פאר גרויס שרעק האָט ער זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. ער האָט געזעהן, ווי יערעמעי'ס שווארצע, אויסגעדארטע האנד בעוועגט זיך אָהן כחות אין דער לופּ־טען און סטראַשעט מיט דעם אויסגעקרימטען פינגער, אזוי ווי אימי־צער, וועמען איליא קען בשום אופן ניט זעהן, וואָלט געשטאנען לע־בען בעט.

„גערדיינק! ס'איז גאָט'ס!... ריהר עס ניט אָן!...“

און דערנאָך האָט זיך דער אַלטער א הויב געטהאָן און זיינע האָר האָבען זיך פאַנאַנדערגעלאָזען. מיט אמאָל איז ער געזעסען גלייך אויף זיין בעט. זיין ווייסע באָרד האָט געציטערט אזוי ווי די פליגעל פון א טויב, בשעת זי האלט אין פליהען. ער האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס, אזוי ווי ער וואָלט מיט די לעצטע כחות געוואָלט אימיצען אָבשטויסען פון זיך, און דערנאָך איז ער אראָבגעפאלען אויף דער ערד.

איליא האָט דערלאנגט א געשריי און איז גלייך ארויסגעלאָפען

www.libtool.com.cn



פון קעלער. אין זיינע אויערען האט נאך אלץ געקלונגען דאס צישען:
„קש... קשש...“
דער אינגעל איז אריינגעפאלען אין שענק און אהן אן אטהעם האט ער אויסגעשריען:
„פעטער!... ער איז געשטארבען...“
ערשטוינט פון דער נאכריכט האט טערענטי ארויסגעלאזט א טיעפען „אך“ פון דער ברוסט. אונרוהיג האט ער געמאכט עטליכע טריט הין און צוריק איבער׳ן שענק און מיט א ציטערנדער האנד האט ער זיך געצופט ביים העמד, קוקענדיג בשעת מעשה אויף פעטרוכא׳ן, וועלכער איז געשטאנען הינטער׳ן בופעט.
„פעטער, נו געה זשע שוין גיכער!“
„נו, אויף וואס ווארטסט דו טאקי?“ האט פעטרוכא געזאגט מיט א שטרענגען טאן. „געה שוין, געה! גאט זאל רחמנות האבען אויף זיין נשמה! א פרומער, גוטער אלטער איז דאס געווען... אויך איך וועל אריבערלויפען אהין... כ׳וועל איהם אנקוקען.. איליא, דו בלייב דא איבער ביז איך קום צוריק... טאמער וועט זיין נייטיג, וועסט דו מיך רופען — הערסט? יאקאוו, דו שטעל זיך הינטער׳ן בופעט... איך וועל באלד זיין צוריק...“
זיך ניט שטארק איילענדיג איז פעטרוכא ארוים פון שענק, מאַ־כענדיג א טומעל מיט די שווערע קנאפעל פון זיינע שטיוועל. די ביידע אינגלאך האבען געהערט, ווי ער האט צוגעאיילט דעם הויקער, היג־טער דער טהיר, און האט איהם אונטערגעטריבען:
„ריהר זיך, לויף אביסעל שנעלער, דו ליימענער גולם!“...
איליא איז געווען שטארק דערשראקען פון אלצדינג, וואס ער האט געזעהן און געהערט. דאך האט איהם דער שרעק ניט צוטומעלט אין גאנצען און ער האט גאנץ גוט געקענט בעמערקען, וואס עס טהוט זיך ארום איהם.
„האסטו געזעהן, ווי ער איז געשטארבען?“ האט א פרעג גע־טהאן יאקאוו, וועלכער איז געשטאנען הינטער׳ן שענק־טיש.
איליא האט איהם אנגעקוקט און אנשטאט צו ענטפערן, האט ער פון זיין זייט געפרעגט:
„נאך וואס זיינען זיי געגאנגען אהין?“

www.libtool.com.cn



„א קוק צו טהאָן אויף איהם!... האָסט דאָך זיי געראָפען...“
איליא איז געבליבען שטיל. דערנאָך האָט ער צוגעמאַכט די אויגען, און זיך פאַרשטעלענדיג וואָס ער האָט געזעהן, האָט ער געזאָגט:
„שרעקליך איז׳ם געווען!... ווי ער האָט איהם געטריבען און געשטויסען פון זיך!...“
„וועמען?“ האָט יאַקאָוו א פרעג געטהאָן, אויסשטרעקענדיג דעם קאָפּ מיט א מאָדנע נייגיריגקייט.
„דעם טייפעל!...“ האָט איליא געענטפערט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויך אויף א ווײַלע פערטראַכט.
„האָסט איהם געזעהן?“
„וואָס זאָגסט דו?“
„צי דו האָסט געזעהן דעם טייפעל? פרעג איך,“ האָט יאַקאָוו מיט חשק אויסגעשריגען, צולויפענדיג האסטיג צו איליא׳ן, אבער איליא האָט פון דאָס ניי צוגעמאַכט די אויגען און האָט ניט געענטפערט.
„ביזט שטאַרק דערשראָקען?“ האָט יאַקאָוו ווייטער געפאָרשט און געצווינגען איליא׳ן פאַר׳ן אָרבעל.
„וואַרט!“ האָט זיך איליא פּלוצלונג אָבגערופען. כ׳לויף נאָך אַמאָל אהין... אויף איין רגע נור... יא? אבער דו וועסט ניט דערצעהלען דיין פאָטער, ניין?“
„כ׳וועל גאָר ניט דערצעהלען, אבער קום גלייך צוריק!“
געטריבען פון א ביטערען שמערץ איז איליא ארויסגעלאָפען פון שענק, און אין א רגע איז ער געווען אונטען אין קעלער. פאָרזיכטיג, ניט מאַכענדיג קיין גערויש, פונקט ווי א מויז, האָט ער זיך פערגנב׳עט צו דער וואַנד פון ברעטער און האָט אריינגעקוקט דורך א שפּאַלט אין יערעמעי׳ם קעמערל. דער אַלטער האָט נאָך אַלץ געלעבט. איליא האָט גאַנץ דייטליך געקענט הערען זיין כאָרכלען... אבער זעהען האָט ער איהם ניט געקענט: דער קערפּער פון׳ם שטאַרבענדען זקן איז געלעגען אויף דער ערד, לעבען די פיס פון צוויי דונקעלע געשטאַלטען, וועלכע זיינען אין טומאַן אזוי ווי צוזאַמען געוואַקסען געוואָרען אין איין גרויסער, אומגעלומפּערטער בריאה. דערנאָך האָט איליא דערזעהן, ווי זיין פעטער שטעהט אויף די קניע לעבען דעם

www.libtool.com.cn



אלטען׳ס בעט, און אין דער האנד האלט ער א קישען, וואס ער פער־נעהמט האסטיג. גאנץ דייטליך האט מען געקענט הערען, ווי דער פאַ־דעם געהט דורך דעם ציכעל פון׳ם קישען. פעטרוכא איז געשטאנען הינטער טערענטי׳ן און האט זיך אַנגעבויגען איבער איהם. ער האט פערוואַרפען זיין לאנגע טשאַפּרינע אהינטער און שטילערהייט, קוים וואס מען האט איהם געהערט, האט ער זיך געבייזערט:

„מאך שוין שנעלער... דו קאליקע, דו... כ׳האב דיר כסדר גע־זאגט: האלט אַנגעגרייט א נאַדעל־פאַדעם... אבער ניין, איצט מוז ער זיצען א שטונדע און אריינציילען דעם פאַדעם... אז עס האלט די אויגען אויסגעגלאַצט און זעהט גאר גיט! ס׳מזל אויף דיר, ווי דו האסט אכטונג געגעבען... נו, אבי עס איז אריבער... גאט זאל רחמנות האבען אויף זיין נשמה!... ס׳וועט זיין גענוג, ניש׳קשה... וואס הערסט דו זיך אזוי צו? קום שוין אמאל צום פערשטאנד, דו גולם איינער!“

פעטרוכא׳ס שעפטשען, די שלוכצענדע זיפצען פון׳ם גוסס, דאס סקריפען פון׳ם פאַדעם, מיט וועלכען טערענטי האט פערנעהט דעם קישען, און דער רעש פון׳ם וואסער, וואס איז געפלאסען אין גרוב, אונטער׳ן פענסטער — דאס אלעס האט זיך אויסגעמישט אין איינעם און האט געמאכט עפעס אזא מאָדנעם טומעל, אז איליא האט ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט ער איז. שטילערהייט איז ער אוועק פון דער וואנד, וואו ער איז געשטאנען און זיך צוגעהערט, און ער האט זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון קעלער. א גרויסער, שווארצער פלעק האט זיך געדרעהט, עפעס אזוי ווי א ראָד, ארום דעם אינגעל׳ס אוי־גען, און עס איז איהם דערפון געוואָרען איבעל אויפ׳ן הארצען; דער קאפּ האט איהם אַנגעהויבען צו שווינדלען. ארויפגעהענדיג די טרעפּ פון שענק, האט ער זיך געמוזט שטארק צוהאלטען אַן געלענדער; די פיס זיינען איהם געווען אזוי ווי אונטערגעהאקט. און אז ער איז ענדליך צוגעקומען צו דער טהיר פון שענק, איז ער געבליבען שטעהן און האט גענומען וויינען שטילערהייט. יאקאוו איז איהם גלייך אנט־קעגען געלאַפען און גענומען ריידען צו איהם מיט אימפעט. דערנאָך האט איליא געקראָגען א שטוים אין זייט און האט דערהערט פערפיש־קא׳ס שטימע:

www.libtool.com.cn



„ווער?.... וואָס איז געשעהן? רעד, וואָס שווייגסט דו? ער איז טויט? אך!..."

און פון דאָס ניי האָט דער שוסטער איליאַ'ן דערלאַנגט א שטויס אין זייט און איז אזוי האסטיג אראָבגעלאָפען, אז די טרעפּ האָבען אונטער זיינע טריט געציטערט. און אז פּערפּישקא איז געשטאַנען אויפ'ן לעצטען טרעפּעל, האָט ער אויסגעשריען הויך אויפ'ן קול:

„אך, די גנבים!"

דערנאָך האָט איליא דערהערט, ווי דער פעטער און פּעטרוכא קומען אַן אויף די טרעפּ. ער האָט ניט געוואָלט ווײנען פאר זיי אין די אויגען. דאָך האָט ער בשום אופן ניט געקענט פערהאַלטען די טרערען, וואָס האָבען געפּלאָסען פון זיינע אויגען.

„יאקאָוו", האָט פּעטרוכא א געשריי געטהאָן צו זיין זוהן, „לויף געשווינד אריבער צו דער פּאָליציי!... זאָג, אז דער אלטער שמאטעס־קלייבער האָט זיך אריבערגעקליבען אויפ'ן עולם האמת... שנעלער לויף!"

„אך דו!" האָט זיך אַנגערופען פּערפּישקא, וועלכער איז מיט זיי גלייך ארויפגעקומען, „זייט איהר, הייסט עס, שוין געווען דאָרט ביי איהם? המ..."

טערענטי איז פערביינגעגאַנגען זיין פּלימעניקעל און האָט איהם ניט געקענט קוקען גלייך אין פּנים אריין. פּעטרוכא אָבער האָט ארויפ־געלייגט זיין האנד אויף איליאַ'ס פּלייצעס און האָט געזאָגט:

„דו וויינסט, מיין קינד? וויין נור וויין—אָט דאָס האָב איך ליעב... ס'ווייזט, אז דו האָסט א גוט, א דאנקבאר הארץ, און דו פער־שטעהסט גאַנץ גוט, וואָס דער אלטער האָט פאר דיר געטהאָן. אָה, ער האָט פאר דיר פּיע—ל, פּיעל געטהאָן!..."

אין א ווײלע ארום האָט ער אַנגענומען איליאַ'ן ביי דער האנד און האָט איהם אוועקגעפיהרט אַן א זייט.

„איינם צום צווייטען געהער זיך ניט אָן", האָט ער צום אינגעל געזאָגט. „ביי דער טהיר דאַרפסט דו פונדעסטוועגען ניט שטעהן".

מיט'ן ארבעל פון העמד האָט זיך איליא אָבגעווישט די טרעה־רען פון געזיכט און האָט זיך ארומגעקוקט וואָס טהוט זיך ארום איהם. פּעטרוכא איז שוין ווייטער געשטאַנען הינטער'ן בופעט און געשאָ־

www.libtool.com.cn



קעלט זיינע האר. אנטקעגען איהם איז געשטאנען פערפישקא און האט איהם געקוקט גלייך אין פנים אריין מיט א שפאטישען בליק. נאכ'ן אויסדרוק פון זיין געזיכט האט מען געקענט מיינען, אז ער האט פערשפיעלט זיינע לעצטע פינף קאפיקעס אין „פאפיטש־אדלער".

„נא, וואס פעהלט דיר, פערפישקא?" האט פעטרוכא געפרעגט מיט א האלב בייזערדיגען טאן, אויפרייסענדיג בשעת מעשה די אויבערשטע ברעמען.

„מיר?.. המ.. כיבוד וועסט דו דאך מן הסתם גארניט געבען?" האט פערפישקא פלוצלונג געענטפערט.

„וואס הייסט עפעס געבען כיבוד?... וואס פאר א יום טוב איז היינט?" האט פעטרוכא זיך געמאכט תם'עוואטע.

„העי, דו זשוליק איינער!" האט דער שוסטער מיט כעס געזאגט און דערביי א קלאפ געטהאן מיט'ן פוס. „אט, גארניט, מע האלט אפען ס'מויל — און דאס געבראטענע טייבעלע פליהט פערביי! נו מילא, ס'איז דאך שוין פערפאלען!... ווינש דיר גליק פון גאנצען הארצען, פיאטר יאקימיטש!"

„וואס איז מיט דיר? וואס באלעבאטשעסט דו דארט, הא?" האט פעטרוכא געפרעגט און האט דערביי געשמייכעלט, אזוי ווי ניט איהם מיינט מען עס.

„כ'מיין נור אזוי... סתם אין דער וועלט אריין רייד איך..."

„א גלעזעל משקה ווילט זיך דיר — דאס ביזטו דאך אין גאנצען אויסען? הע־הע־הע!"

„הא־הא־הא!" האט זיך געלאזט הערען דאס פרעהליכע געלעכטער פון'ם שוסטער.

איליא האט א שטארקען מאך געטהאן מיט'ן קאפ, אזוי ווי ער וואלט וועלען עפעס אראבשאקלען פון זיך, און דערנאך איז ער ארויס אין דרויסען.

אין דער נאכט האט זיך איליא געלייגט שלאפען זעהר שפעט, אבער ניט אונטען אין זיין ווינקעל, אין קעלער, נאר אויבען אין שענק, אונטער'ן טיש, אויף וועלכען טערענטי פלעגט וואשען די געפעס. דארט האט דער הויקער צורעכט געמאכט א געלעגער פאר זיין פלימעניק און אליין האט ער זיך גענומען אבוואשען די טישען. אויפ'ן

www.libtool.com.cn



שענק־טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ, וועלכער האָט בעלייכטעט די גראָב־בייכיגע סאַמאָוואַרען און די פלעשער, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער וואַנד־שאַפע. אין שענק גופא איז געווען פינסטערלאַך. דורכ'ן פענסטער האָט אַריינגעקוקט די שוואַרצע נאַכט. אַ פּיין, דין רעגנענדעל האָט געקאַפּעט איבער די שויבען און דער ווינד האָט גע־וויינט שטילערהייט...

ווי אַ גרויסער שוויין איז טערענטי אַרומגעקראָכען צווישען די טישען און האָט ניט אויפגעהערט צו זיפצען. ווי ער פלעגט נור צו־געהן נאָהענט צום לאָמפּ, האָט זיין געשטאַלט געוואָרפען אַ גרויסען, שוואַרצען שאָטען אויף דער ערד. איליאַ'ן האָט זיך אויסגעדוכט, עפּעס אַזוי ווי דעם אַלטען יערעמעי'ס נשמה וואָלט נאָכגעגאַנגען שטי־לערהייט נאָכ'ן פעטער און וואָלט איהם אין אויער אַריינגעשושקעט:

„קש... קשש !...“

דעם אינגעל איז געוואָרען שטאַרק אומעטיג אויפ'ן האַרצען, און ער האָט געציטערט פאַר פחד. דער פייכטער רויך פון שענק האָט זיך געלייגט ווי אַ שטיין אויף זיין ברוסט. עס איז געווען שבת־צו־נאַכט. די פּאָדלאָגע איז נור וואָס אָבגעוואַשען געוואָרען, און אַ פויליער גערוך האָט זיך געלאָזט הערען פון איהר. איליאַ האָט געוואָלט בעטען דעם פעטער, ער זאָל זיך אַזוי גיך ווי מעגליך לייגען שלאָפען לעבען איהם, נאָר אַ שמערצליך געפיהל האָט איהם צוריקגעהאַלטען דערפון; ער האָט צום הויקער קיין וואָרט ניט געקענט אויסריידען. פאַר זיינע אויגען האָט געשוועבט די קרומע געשטאַלט פון'ם אַלטען יערעמעי מיט דער ווייסער באָרד, און אין זיינע אויערן האָבען אָבגעקלונגען זיינע פריינדליכע ווערטער:

„געדיינק, מיין זוהן — גאָט האָט אין די הענד די מאָס פון אַלצדינג, פון אַלצדינג !... נעהם עס גוט אין זינען אַריין !“

„לייג זיך שוין אַמאָל אַנידער !“ האָט איליאַ ענדליך אַרויסגע־פּלאַצט.

דער הויקער איז פערצאַפּעלט געוואָרען און האָט אויפגעהוי־בען די אויגען מיט שרעק. דערנאָך האָט ער שטילערהייט, קוים וואָס מען האָט איהם געהערט, געפרעגט:

„וואָס ? ווער איז דאָס ?“

www.libtool.com.cn



„איך בין עס. דו זאָלסט זיך שוין אנידערלייגען, זאג איך...“

„באַלד! באַלד!“ האָט דער הויקער האסטיג געזאָגט און האָט זיך גענומען ארומדרעהען ארום די טישען, ווי א דרעה־דעל. איליא האָט בעמערקט, אז דער פעטער זיינער האָט אויך מורא, און מיט א געפיהל פון צופרידענהייט האָט ער ביי זיך אין הארצען געטראכט:

„אַ מצוה אויף דיר, נישקשה, ציטער אביסעל!...“

מיט א לייכטען שטורם האָט דער רעגען געקלאַפּט אין די שויבען פון די פענסטער, און ערגעץ וואו האָבען זיך געהערט האַלב פערשטיקטע קלעפּ. דער פלאַם פון לאָמפּ האָט אויפגעצאַנקט. איליא האָט אריבערגעדעקט דעם פעטער'ס פעלץ איבער'ן קאָפּ און איז זיך געלעגען, איינהאַלטענדיג דעם אָטהעם אין זיך. מיט אמאָל האָט זיך עפּעס אָנגעהויבען בעוועגען לעבען איהם. א שוידער איז איהם דורך איבער'ן לייב. מיט שרעק האָט ער ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און האָט געזעהן, ווי טערענטי שטעהט אויף די קניע מיט אן איינגעבויגענעם קאָפּ. און איליא האָט געהערט, ווי ער פּרעפּעלט שטילערהייט:

„אַה, גרויסער האַר, פּאַטער אין הימעל... אַה גאָט!...“

דאָס דאָזיגע שעפּטשען האָט איהם דערמאָנט דאָס כאָרכלען פון'ם גוסס'דיגען יערעמעי. די פינסטערקייט אין צימער האָט זיך עפּעס אויך אזוי ווי גענומען בעוועגען; אויך די פּאָדלאָגע האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי זי וואָלט זיך געדרעהט אין א קאַרעראַד, און אין דרויסען האָט דער ווינד געוואויעט:

„הו—ו—ו—ו!...“

„הער אויף פּרעפּלען!“ האָט זיך דערהערט איליא'ס העלער קול.

„ווי? וואָס איז מיט דיר?“ האָט דער הויקער זיך אָבגערופען מיט א האַלב פערשטיקטער שטימע. „שלאָף איין, אום קריסטוס ווי־לען!“

„הער אויף פּרעפּלען!“ האָט דער אינגעל שטאַרקער געשטעלט זיין פאָדערונג.

„גוט.. כ'וועל אויפהערען...“

די פייכקייט און דער חשך אין צימער האָבען זיך וואָס ווייטער

www.libtool.com.cn



אלץ שווערער געלייגט אויף איליא׳ס ברוסט. קוים וואָס ער האָט גע־קענט אָבכאַפּען דעם אָטהעם, און זיין הארץ איז פול געוואָרען מיט שרעק, מיט טרויער נאָכ׳ן אַלטען וואָס איז געשטאָרבען און מיט צאָרן אויפ׳ן פעטער. ענדליך האָט ער זיך אויפגעזעצט און האָט אַ טיעפען זיפץ געטהאָן.

„וואָס ווילסט דו? וואָס איז דיר?“ האָט דער פעטער אַ געשריי געטהאָן מיט שרעק און האָט איהם ארומגענומען מיט זיין אָרעם.

אָבער איליא האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך און מיט אַ שטי־מע, פערשטיקט פון טרעהרען און פול מיט שמערץ און שרעק האָט ער געזאָגט:

„אָה גאָט! ווען איך וואָלט כאָטש געקענט... ערגעץ וואו אנט־לויפען... זיך ערגעץ וואו בעהאַלטען!... אָך גאָט!...“

די טרעהרען האָבען איהם געשטיקט און ער האָט ניט מעהר געקענט ריידען. מיט גרויס מיה האָט ער געאָטהעמט די פערשטיקטע לופט פון שענק און שלוכצענדיג האָט ער איינגעגראָבען זיין געזיכט אין דער ערד...

## 6.

פון דאן אָן איז אין איליא׳ס כאראקטער פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש. פריהער האָט ער זיך נור געהאַלטען ווייט פון זיינע חברים אין שולע; ער האָט זיך אויף קיין פאַל ניט געקענט צוגעוואוי־נען צו זייערע מיאוס׳ע שטיק, וואָס זיי האָבען מיט איהם געפיהרט און נאָכגעבען זייערע קאַפּריזען האָט ער קיין חשק ניט געהאַט. אין דערהיים אָבער איז ער שטענדיג געווען אָפּענהערציג און האָט געהאַט צוטרויען צו אַלעמען. אַז אימיצער פון די דערוואַקסענע, עלטערע מענ־שען האָט איהם ווען עס איז געשיינקט אביסעל אויפמערקזאַמקייט, האָט ער דערפון געהאַט די גרעסטע הנאה. איצט האָט ער זיך אויך אין דערהיים געהאַלטען ווייט פון אַלעמען. ערנסט איז ער מיט אַמאָל געוואָרען, אסך ערנסטער, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַ אינגעל אין זיינע יאָהרען. אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעצויגען אַן אונפריינדלי־כע מינע, די ליפּען האָט ער שטענדיג געהאַלטען פעסט צוזאַמענגע־

www.libtool.com.cn



פּרעסט און מיט אויפמערקזאמקייט האָט ער אצונד גענומען קוקען אויף די דערוואַקסענע מענשען און ער האָט זיך צוגעהערט צו זייערע רייד מיט א פאַרשענדען אויסדרוק אין זיינע אויגען.

ווי א שווערער שטיין איז אויף זיין הארצען געלעגען די עראינערונג אין דעם, וואָס ער האָט געזעהן דעם טאָג פון'ם אלטען יערעמעי'ס טויט; און איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אז אויך ער האָט זיך פערשולדיגט געגען דעם פערשטאָרבענעם, פונקט ווי פּעטרוכא און דער פּעטער זיינער. אפשר האָט דער אלטער, בשעת ער איז אויסגעגאַנגען דאָרט אויף דער ערד און געזעהן ווי מען רויבט אוועק זיין פערמעגען, — פילייכט האָט ער גאָר געמיינט, אז ער, איליא, האָט עס זיי אויסגעזאָגט דעם סוד, אז ביי יערעמי'ן געפינט זיך אן אוצר! אָט דער געדאנק איז גאַנץ פּלוצלונג אויפגעקומען אין איליא'ס מוח, און איינגעווארצעלט האָט ער זיך אין איהם און האָט אָנגעפילט זיין זעעלע מיט זאָרג און מיט שרעקליכע יסורים. טיעף ביי זיך אין הארצען האָט ער פערשלאָסען דעם דאָזיגען געדאנק און טאקי צוליעב דעם איז דער מיסטרויען צו דער גאנצער וועלט וואָס ווייטער אלץ מעהר געוואַקסען אין איהם; ער האָט פון קיינעם ניט געהאַלטען, קיינעם ניט געגלויבט. און קוים האָט ער נור בעמערקט עפּעס א שלעכטע זאַך פון אימיצען איז איהם לייכטער געוואָרען אויפ'ן הארצען, עפּעס אַזוי ווי זיין אייגענע שולד געגען דעם טויטען וואָלט דורך דעם פערמינדערט, פערקלענערט געוואָרען. און ער האָט געזעהן אזוי פיעל שלעכטס פון די מענשען, אזוי פיעל מיאוס'ע זאכען! דעם בופעטשיק פּעטרוכא האָבען, דוכט זיך, אַלע, אלע פיינט געהאַט: זיי האָבען איהם גערופען גנב און זשוליק. אין די אויגען אָבער האָבען זיי איהם אלע גע'חנפה'ט, האָבען דרך ארץ געהאַט, זיך פערנייגט מיט רעספּעקט פאַר איהם און איהם גערופען מיט'ן עהרען נאָמען „פּיאָטר יאקימיטש." די גרויסע מאַטיצא וואָס האָט געוואוינט אויבען אויפ'ן בוידים, האָבען אלע גערופען מיט א מיאוס'ען נאָמען: איז זי שכור געווען, האָבען זי אַלע געשלאָגען און געשטויסען; און איינמאָל בשעת זי איז געזעסען פערקנאַקט אונטער'ן פענסטער פון קיך, האָט איהר דער קוכאר גאָר אָבגעגאָסען מיט א פּאָמויניצע איבער'ן קאָפּ... פונדעסטוועגען האָבען זיך אלע געשאַפט מיט איהר, אזוי ווי מיט א דיענסט, און איהר קיינמאָל ניט

www.libtool.com.cn



בעצאָהלט פאַר איהרע טובות מיט קיין אַנדער זאַך נאָר מיט קללות און שטויסען אין די זייטען. פּערפּישקא פּלעגט איהר כסדר רופען, זי זאָל איהם אַרומוואַשען זיין קראַנקע פּרוי, פּעטרוכא פּלעגט איהר פאַר יום טוב איינשפּאַנען, זי זאָל איהם אַהן אַ קאָפּיקע געלד אויס־וואַשען די פּאָדלאָגע פון שענק, און פאַר טערעגטי'ן האָט זי אומזיסט גענעהט די העמדער. צו אַלעמען איז זי געגאַנגען, אַלצדינג האָט זי מיט איהר גוטען ווילען און גאַנץ געשיקט געטהאָן: זי פּלעגט אימער אַכטונג געבען און בעדיענען די קראַנקע פון הויז, און זיך שפּיעלען מיט די קינדער איז געוועזען איהר בעסטער פערגניגען...

איליא האָט געזעהן, אַז דער פליסיגסטער מענש אין גאַנצען הויז, דער שוסטער פּערפּישקא, ווערט פון אַלעמען בעטראַכט פאַר אַ גאָרניט, אַ לא יוצלח, און זיי קוקען זיך נור דעמאָלט אום אויף איהם, ווען ער זיצט אַ שכור'ער אין שענק מיט דער האַרמאָניקא אויפ'ן שויס, אָדער ווען ער דרעהט זיך אַרום איבער'ן הויף און שפּיעלט זיך צו זיינע פרעהליכע ליעדעלאַך מיט'ן זעלבען אינסטרומענט. קיינער אָבער האָט זיך קיינמאָל ניט גענומען די מיה, צו זעהן, מיט וואָס פאַר אַ צערטליכקייט דערזעלבער פּערפּישקא טראָגט אַרויף זיין גע־לעהמטע פרוי אויף די טרעפּ אין הויף אַריין, ווי אַזוי ער לייגט זיין טאָכטערל שלאָפען, ווי ער בעדעקט זי מיט קושען און וואָס פאַר אַ מאָדנע העויות ער מאַכט, בכדי איהר צו פערשאַפען אַביסעל שפּאַס און פערגניגען. קיינעם ליגט, פערשטעהט זיך, ניט אין זינען צו זעהן, ווי ער לערנט מאַשאַ'ן אָבקאַכען ווארעמעס און אויפראַמען די שטוב און דערנאָך זעצט ער זיך אַנידער אַרבייטען, און זיצט ביז שפּעט אין דער נאַכט איינגעבויגען איבער עפּעס אַ שמוציגען, קרומען שטי־וועל.

אַז מען האָט דעם שמיעד צוגענומען און אָבגעפיהרט אין טורמע, האָט זיך קיינער אויסער דעם שוסטער ניט אומגעקוקט אויף זיין אינגעל פּערפּישקא האָט פּאַשקאַ'ן גלייך צוגענומען צו זיך, ס'איז שוין לאַנג, אַז דער ווילדער יונג ציהט איהם די דראַטווע, קעהרט אויס די שטוב, טראָגט וואַסער אַריין און געהט אין קראָם נאָך ברויט, קוואַס און ציבעלעס. אַלע האָבען אין אַ יום־טוב'דיגען טאָג דעם שוסטער געזעהן פער'שכור'ט, אָבער קיינער האָט ניט געהערט, ווי

www.libtool.com.cn



ער פלעגט זיך אויף מארגען, אז ער האָט זיך אויסגעגניכטערט, פער־ענטפערן פאר זיין פרוי:

„פערצייה מיר, דוניא! כ'בין דאָך נאָך אלעמען ניט קיין פּיא־גיצע: נאָר אזוי, דאָס הארץ אביסעל אָבצוכאפּען, נעהמט מען א זופּ, א גאנצע וואָך ארבייט מען... ס'ווערט צו סקוטשנע, צו לאנג־ווייליג! נאָ, גיסט מען אריין א גלעזעל!...“

„אבער כ'האָב דען עפּעס צו דיר? אך, ליעבער גאָט — עס פּער־דריסט מיר נור פאר דיר“, ענטפערט זיין פרוי מיט איהר הייזעריגער שטימע, וועלכע קלינגט ווי א מין שלוכצען אין איהר האלז. „מיינסט, אז איך זעה ניט, ווי דו מוטשעסט זיך? ווי א שווערען מילשטיין האָט גאָט מיך אנגעהאנגען ביי דיר אויפ'ן האלז. ווען דער טויט וואָלט שוין אמאָל קומען!... דאן וואָלסט דו בעפרייט געוואָרען פון מיר!....“

„רייד ניט צו מיר אזוי! איך האָב פיינט צו הערען אזעלכע ווערטער פון דיר. איך האָב דיר פערשאפט עגמת נפש, ניט דו מיר!... אבער כ'האָב עס ניט געטהאָן פון שלעכטסקייט, נאָר ווייל איך בין געוואָרען שוואך... זאָל זיין גענוג, מיר וועלען ארויסציהען אין אן אנדער גאס. דאן זאָל אלעם ווערען אנדערש, די פענסטער, די טהיר... אלצדינג! די פענסטער וועלען ארויסגעהן אין גאס. א שטי־קעל וועלען מיר אויסשניידען פון פאפּיר און צוקלעפּען צום פענס־טער. דאָס וועט זיין אונזער וויוועסקע! פון אלע זייטען וועט מען קומען צו לויפען צו אונז! נאָ, דאן וועט ערשט אונזער געשעפט נעה־מען בליהען!... אך, דו! הויב נור דעם האמער ארויף און אראָפּ — ועסטו האָבען גרויפּען אין טאָפּ!“

איליא האָט געקענט פערפישקא'ם לעבען מיט אלע קלייניגקיי־טען. ער האָט געזעהן, ווי ער מאטערט זיך אזוי ווי א פיש, וואָס וואָלט זיך וועלען דורכברעכען א וועג דורכ'ן אייז, און ער האָט איהם רעספּעקטירט דערפאר וואָס ער איז שטענדיג געווען לוסטיג, האָט מיט יעדען איינעם געשפּאסט און געלאכט און דערצו נאָך אזוי שעהן געשפּיעלט אויף זיין הארמאָניקא.

אין דער צייט פלעגט פּעטרוכא זיצען הינטערן בופעט און שפּיע־לען מיט עפּעס א בעקאנטען א דאמקע. פון אין דערפריה ביז ביינאַכט

www.libtool.com.cn



פלעגט ער טרינקען טהעע און האָט מעהר ניט געוואוסט, ווי נור שרייען און שימפּפען אויף די קעלנער־אינגלאַך. באַלד נאָך יערע־מעי'ס טויט האָט ער אָוועקגעשטעלט טערענטי'ן אַלס פערקויפער הינטער'ן בופעט. ער אַליין פלעגט אַרומשפּאַצירען איבער'ן הויף הין און צוריק, פלעגט בעטראַכטען דאָס הויז פון אַלע זייטען און אַנקלאַ־פּען מיט זיינע פויסטען אין די ווענד, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען וויסען, ווי לאַנג זיי קענען נאָך אַזוי שטעהן.

נאָך אַ סך אַנדערע זאַכען האָט איליאַ בעמערקט, און אַלצדינג איז געווען אַזוי מיאוס, אַזוי קלעגליך, אַז עס האָט איהם וואָס ווייטער אַלץ מעהר און מעהר אַבגעשטויסען פון די מענשען. צייטענווייז פלעגען אַט די אַלע איינדריקע און געדאַנקען, וועלכע האָבען זיך אַנגעקליבען אין איהם, אַרויסרופען אין איהם אַ וואונש, זיך דורכ־צושמועסען מיט אימיצען, אויסגיסען פאַר ווע‍מען עס איז דאָס האַרץ. מיט'ן פעטער אָבער האָט ער ניט געוואָלט ריידען: נאָך יערע־מעי'ס טויט איז צווישען איליאַ'ן און דעם פעטער אויסגעוואַקסען אַן אונזיכטבאַרע וואַנד, וועלכע האָט אָבגעהאַלטען דעם אינגעל, זיך ניט צוצולאָזען צו דעם הויקער און ניט זיין אַזוי אָפען מיט איהם ווי פריהער. יאַקאָוו ווידער וואָלט איהם גאָר ניט געקענט געבען דאָס וואָס ער האָט געדאַרפט אַזוי נייטיג: אַן ערקלעהרונג וועגען דעם, וואָס איז פאַרגעקומען ביי איהם אינעווייניג, טיעף אין זיין נשמה. ער, יאַקאָוו אַליין, האָט אויך געלעבט פאַר זיך, אָבגעטהיילט פון אַלע־מען, אמת אויף זיין אייגענעם בעזונדערען אופן.

אויך איהם האָט דעם אַלטען יערעמעי'ס טויט שטאַרק וועה גע־טהאָן. אַפטמאָל האָט ער זיך אָן איהם דערמאָהנט און געזאָגט מיט אַ טרויעריגען טאָן:

„ווי סקוטשנע ס'איז געוואָרען!... אַז זיידע יערעמאַ האָט נאָך געלעבט, פלעגט ער אונז שטענדיג מעשה'לעך דערצעהלען! ביטאַ קיין שעהנערס ווי מעשה'לעך! און ער האָט געקענט אַזוי גוט, אַזוי גוט דערצעהלען...“

„אַלצדינג האָט ער געקענט“, האָט איליאַ געענטפערט אומעטיג.

איינמאָל זאָגט יאַקאָוו גאַנץ שטיל, בסוד צו זיין חבר:

„זאָל איך דיר ווייזען עפּעס אַ מערקווירדיגע זאַך? ווילסטו?“

www.libtool.com.cn



„געווים וויל איך!“

„אבער א פריהער שווער זיך, אז דו וועסט עס קיינעם ניט אויס־זאגען!...“

„ביי גאט, איך וועל עס קיין מענשען ניט דערצעהלען.“

„זאג: זאל מיך דער גיהנום איינשלינגען!...“

איליא האט איבערגעזאגט,ווארט ביי ווארט, די גאנצע שבועה. און יאקאוו האט איהם אוועקגעפיהרט צום אלטען לינדען־בוים, וואס איז געשטאנען אין א פערווארפענעם ווינקעל פון הויף. דארט האט ער פון ווארצעל פון בוים אויפגעהויבען א שטיק קארע, און איליא האט דערזעהן א גרויסען לאך אין בוים־ווארצעל, אויסגעפוצט מיט שעהנע שמאטקעלעך, פאפירעלעך און בלעטעלעך. אינעווייניג, טיעף אין דעם אויסגעהוילטען ארט, איז געשטאנען א קליינע פיגור, אויסגעגאסען פון ערד, און לעבען איהר א קליין שטיקעל וועקסענע ליכט.

„האסט געזעהן?“ האט יאקאוו געפרעגט און ער האט צוריק פערדעקט די עפנונג מיט דער שטיק קארע.

„יא, כ'האב עס געזעהן... אבער וואס איז דאס אזוינס?“

„א קירכעלע איז דאס“, האט יאקאוו ערקלעהרט. „אהער וועל איך זיך ארוים'גנב'ענען ביינאכט פון שטוב, גאנץ שטיל וועל איך קומען. כ'וועל אנצינדען דאס ליכט און זיך מאליען פאר גאט... איא, עס איז פיין, הא?“

איליא'ן איז געפעלען זיין פריינד'ס איינפאל, דאך איז איהם גלייך אויפגעקומען אויפ'ן געדאנק די געפאהר, וואס שטעקט דערין.

„און אז מען וועט דערזעהן דאס ליכט? דאן וועט דער אלטער געבען פעטש ווי האלץ!...“

„ווער קען עס דען ביינאכט דערזעהן? ביינאכט שלאפען דאך אלע; גאנץ שטיל איז דעמאלט אויף דער ערד... איך בין דאך א קליין אינגעל, דערפאר קען דער ליעבער גאט בייטאג ניט דערהערען מיין געבעט... ביינאכט וועט ער עס גיכער קענען הערען... ניט אזוי?“

„כ'ווייס ניט... אפשר וועט ער עס הערען“, האט איליא געזאגט, נאכדיינקענדיג, און בשעת מעשה האט ער קיין אויג ניט אראבגענומען פון זיין חבר'ס בלאסען פנים מיט די גרויסע, אפענע אויגען.

www.libtool.com.cn



„און דו? וועסט דו אויך געהן גאָט בעטען מיט מיר?" האָט יאַקאָוו געפרעגט.

„וואָס ווילסט דו דען בעטען?" האָט איליא געענטפערט מיט א פראגע. „איך וואָלט געבעטען גאָט, ער זאָל מיך מאַכען קלוג... און אויסער דעם וואָלט איך געבעטען, אז איך זאָל שטענדיג האָבען אלצ־דינג, אלצדינג, וואָס איך ווינש. און דו?"

„איך וואָלט געבעטען דאָסזעלבע..." האָט יאַקאָוו געענטפערט.

אין א ווײַלע ארום אָבער האָט ער צוגעלייגט:

„כ'האָב עס אייגענטליך געוואָלט אזוי, אַהן א שום בעזונדע־רע אבזיכט... זיך איינפאַך מאַליען האָב איך געוואָלט, ווייטער נישט! און ער קען זיך געבען, וואָס ער וויל... אָבער אויב דו דיינקסט, אז עס איז בעסער אזוי ווי דו זאָגסט, דאַן וועל איך אויך טהאָן אזוי ווי דו!..."

„גוט", האָט איליא געזאָגט.

די צוויי קינדער האָבען אָנגעמאַכט צווישען זיך שוין טאַקי די קומענדע נאַכט אָנצופאַנגען זייער געבעט בײַ דעם לינדען־בוים און זיי האָבען זיך ביידע געלעגט שלאָפען מיט א בעשטימטער כונה, זיך אויפצוכאַפּען אין מיטען נאַכט און זיך צונויפטרעפען דאָרט, אין ווינקעל פון הויף. אָבער זיי האָבען זיך ניט אויפגעכאַפּט ניט אין דער און ניט אין דער קומענדער נאַכט, און ניט איין נאַכט נאָכדעם האָ־בען זיי אזוי פערשלאָפען. און דערנאָך האָבען שוין אויף איליא'ן אָנגעהויבען ווירקען נייע איינדריקע און די בעגייסטערונג פאַר דער קירכע דאָרט אין'ם לינדענבוים איז אָבגעקיהלט געוואָרען.

אין די צווייגען פון דעם זעלבען בוים, וואו יאַקאָוו האָט זיך געמאַכט זיין גאָטעס־הייזעל, פלעגט פּאַשקאַ אנידערשטעלען זיינע פּאַסטקעס צו כאַפּען פערשיעדענע פויגעלאַך. ער איז איצט געווען אויף גרויסע צרות, דער דאַזיגער פּאַשקאַ, מאָגער און אויסגעדאַרט איז ער געוואָרען און זיינע אויגען פלעגען ארומלויפען אהין און אהער אזוי ווי די אויגען פון א קליינע ווילדע חיה. ער האָט שוין קיין צייט ניט געהאַט זיך ארומצוטראָגען איבער'ן הויף. דעם גאַנצען טאָג איז ער געווען פערנומען בײַ פּערפישקאַ'ן, און נור אין די פייער־טעג, ווען דער שוסטער פלעגט זיך אָנ'שכור'ן, האָט זיך פּאַשקאַ געקענט

www.libtool.com.cn


זעהן מיט די חברים זיינע. פּאשקא פלעגט זיי אויספרעגען וואָס זיי לערנען אין שוהלע, און מיט פינסטערע אויגען, פול מיט קנאה, פלעגט ער קוקען אויף זיי און זיך צוהערען צו דעם וואָס זיי האָבען איהם דערצעהלט.

„זייט נור ניט אזוי גרוים ביי זיך", פלעגט ער זאָגען, „אויך איך וועל נאָך אמאָל לערנען!..."

„אָבער פערפישקא וועט ניט לאָזען!..."

„דאַן וועל איך אנטלויפען פון איהם", האָט פּאשקא געענטפערט קורץ און ענטשלאָסען.

און טאקי באלד נאָך דעם דאָזיגען געשפּרעך איז דער שוסטער ארומגעגאנגען איבער'ן הויף און מיט א לאכעדיגען טאָן האָט ער דערצעהלט:

„מיין הערר לעהרען־אינגעל האָט געמאכט פּליטה! דער קליינער טייוועל!... ס'האָט איהם ניט געשמעקט, מיין לעדערנע וויסענ־שאפט!..."

עס איז געווען א רעגענדיגער טאָג. איליא האָט בעטראכט דעם ארומגעשונדענעם שוסטער, דערנאָך האָט ער אויפגעהויבען די אוי־גען צום גראָען, טרויעריגען הימעל און ביי איהם אין הארצען האָט זיך דערוועקט א רחמנות אויף דעם פרעכען פּאשקא, וועלכער וואל־גערט זיך איצט ארום גאָט ווייס וואו. אונטער'ן דאך פון א שטאָל איז ער געשטאנען מיט פערפישקא'ן, האָט זיך אָנגעשפּארט אָן וואנד און האָט אריבערגעקוקט צום הויז, וואָס איז געשטאנען אנטקעגען זיי. איליא'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אז עפּעס ווערט דאָס הויז וואָס אמאָל נידעריגער, פּונקט ווי עס וואָלט אראָבגעזונקען אין דער ערד. אונטער דער שווערער לאסט פון דער צייט. די אלטע קלעצער האָבען זיך אלץ מעהר ארויסגערוקט פון זייערע ערטער, עפּעס אזוי ווי דער שמוץ, וואָס האָט זיך צייט צעהנדליגע יאָהרען אנגעקליבען אין דער געביידע, האָט שוין מעהר קיין פלאַץ ניט אינעווייניג און דאָס הויז מוז צופּלאצט ווערן. דערטרונקען ביז'ן בויין פון עלענד, שטענדיג פול נור מיט א ווילסטען ליארם און מיט בייזע, שכור'דיגע לידער, צו־טרעמפּעלט און צוטרעטען פון אזוי פיעל פים — אָט אזוי האלט זיך קוים דאָס הויז, אָבער לאנג וועט עס אָפּנים ניט קענען לעבען. עס

www.libtool.com.cn



זעהט אוים, אזוי ווי עס וואָלט לאַנגזאַם צופאַלען, שטיק ביי שטיק, ארויסקוקענדיג מיט די אומעטיגע גלעזערנע אויגען אין גאָט'ס וועלט.

„עה", האָט זיך דער שוסטער אָנגערופען, „די אַלטע חורבה וועט באַלד איינפאַלען, און דער גאַנצער פּאַק וועט זיך וואַלגערן אויף דער ערד. און מיר, וועלכע וואוינען דאָ, וועלען צוטראָגען ווערן פון ווינד... נייע לעבער וועלען מיר זיך מוזען אויפזוכען ערגעץ אַנדערש... ניש־קשה, מיר וועלען זיי שוין געפינען, און ניט ערגער ווי די דאָזיגע דאָ. אַ שפּאָגעל נייע לעבען וועט זיך דעמאָלט אָנפאַנגען: אַנדערע פענס־טער, אַנדערע טהירען וועלען מיר האָבען, אפילו אַנדערע וואַנצען. מחילה, וועלען אונז בייסען!... ווען עס וואָלט שוין אמאָל קומען און אַ סוף! ס'איז מיר שוין נמאס ומאוס דאָס לעבען פאַר דעם חזיר־שטאַל דאָ... צו וואָס אַ מענש קען ניט געוואוינט ווערן! שדים זאָלען עס וויסען!"

דעם שוסטער'ס חלום אָבער איז ניט מקוים געוואָרען. דאָס הויז איז ניט איינגעפאַלען, נאָר דער בופּעטשיק פּעטרוכא האָט עס אָב־געקויפט. און אזוי גיך ווי דער מסחר איז נור צושטאַנד געקומען, איז פּעטרוכא צוויי טעג נאַכאַנאַנד ארומגעקראָכען אין אַלע עקען, אין אַלע ווינקעלאַך און האָט ארומגעטאַפּט די אַלטע חורבה פון אַלע זייטען. דערנאָך האָט מען אָנגעבראַכט גאַנצע בערג מיט ציעגעל און ברעט־טער. דאָס הויז איז אונטערגעשפּאַרט געוואָרען, און דריי חדשים נאָכאַנאַנד האָט עס געקרעכצט און געציטערט פון די זעגען, העק און האמערס, וואָס האָבען זיך געהויבען און אראָבגעלאָזען, אהן אָב־רוה. דאָס גאַנצע הויז איז פון דרויסען ווי ניי געוואָרען. די אַלטע, צו־פוילטע באַלקענס האָט מען ארויסגעשלעפּט און ארייַנגעזעצט נייע אויף זייער פּלאַץ. איבעראַל איז געווען וואָס אָבצוזעגען, אָבצוהאַקען אָדער צוצוקלאַפּען, און צו אַלער לעצט האָט מען אויפגעשטעלט ארום דער אַלטער חורבה אַ גדר פון ברעטער, נאָכדעם ווי דער ארייַנ־גאַנג פון הויז איז אויסגעברייטערט געוואָרען. אונטערגעשפּאַרט און ברייט איז די געביידע איצט געשטאַנען, גלייך און פעסט, עפּעס אזוי ווי מען וואָלט אין איהר נייע וואָרצלען ארייַנגעזעצט. ביים ארייַנגאַנג, פּונקט אונטער'ן דאַך האָט פּעטרוכא ארויסגעשטעלט אַ וויוועסקע מיט גילדערנע אותיות, אויף אַ בלויען ברעט:

www.libtool.com.cn



„פרעהליכער זאמעל־פּלאַץ פון פ. י. פּילימאָנאָוו׳ס פריינד“.
„און אינעווייניג איז עס פונדעסטוועגען דורך און דורך פער־פוילט“, האָט פּערפישקאַ בעמערקט מיט שפּאָט.

איליאַ, וועמען דער שוסטער האָט געמאכט זיין בעמערקונג, האָט געשמייכעלט, אזוי ווי ער וואָלט אין זיך מסכים געווען דערצו. אויך אין זיינע אויגען האָט איצט דאָס הויז, נאָכדעם ווי עס איז איבערגעבויט געוואָרען, אויסגעזעהן ווי א גרויסער שווינדעל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן פּאַשקאַ׳ן, וועלכער לעבט איצט אויף אַן אנדער אָרט און זעהט גאַנץ אנדערע זאכען. אויך איליאַ האָט פּונקט ווי דער שוסטער געטרוימט פון אנדערע פענסטער, אנדערע טהירען, אנדערע מענשען... אצינד איז אין הויז געוואָרען נאָך א סך אונהיימליכער ווי פריהער. דער אלטער לינדענבוים איז געפּאַלען אלס קרבן אונטער׳ן האַק, דער שטילער ווינקעל אין איהר שאָטען איז פערשוואונדען און אויף דעם פּלאַץ איז שוין געשטאַנען עפּעס א שטיקעל בנין. אויך די איבעריגע ליעבלינגס־ערטער, וואו די קינדער פּלעגען פריהער מיט פערגניגען זיצען און פּלוידערן, זיינען אזוי ווי פערשוואונדען. נאָר אויפ׳ן פּלאַץ, וואו די שמידעריי איז געשטאַנען, הינטער א גרויסען הויפען פון שפּענער און קלעצער, איז געבליבען א שטילער אָרט. אָבער דאָ צו זיצען איז קיין געשעפט ניט געווען — עס האָט זיך אלץ אויס־געדוכט, אזוי ווי אונטער דער קופּה פון האָלץ ליגט זי, כּאַוועל׳ס ווייב, מיט׳ן צוהאַקטען קאָפּ.

דעם פעטער טערענטי האָט פּעטרוכאַ אָבגעגעבען א נייע דירה — א קליין חדר׳ל לעבען דער גרויסער שטוב פון שענק. דורך די דינע הילצערנע ווענטלאָך, בעדעקט מיט גרינע טאַפּעטען, איז אין קליין צימערל אריין דער גאַנצער ליאַרם פון שענק צוזאַמען מיט׳ן ריח פון בראַנפען און די וואָלקענס פון רויך. ס׳איז אפילו געווען ריין און טרוקען אין טערענטי׳ס נייער דירה, דאָך איז דאָרט געווען עפּעס אונאַנגענעהמער ווי אין קעלער. דאָס פענסטער איז ארויס צו דער גרויער וואַנד פון שטאַל, וועלכע האָט פערשטעלט אלצדינג, דעם הי־מעל, די זון און די שטערן, בעת ווען אונטען אין קעלער, אז מען האָט זיך נור איינגעבויגען אביסעל, האָט מען דורכ׳ן פענסטער דאָס אלצ־דינג גאַנץ לייכט געקענט זעהן.

www.libtool.com.cn



פעטער טערענטי האָט זיך גלייך אָנגעטהאָן אין א קולירט העמד און איבער דעם האָט ער געטראָגען א רעקעל, וואָס איז געהאָנגען אויף איהם אזוי ווי א קאסטען. פון גאנץ פריה ביז שפעט אין דער נאכט איז ער איצט געלעגען הינטער'ן בופעט. דעם גאנצען עולם האָט ער „געאיהר'צט"; ער פלעגט איבערהויפט ריידען ווענינ, אָבגעריסענע האלבע ווערטער, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געבילט, און פון הינטערן בופעט פלעגט ער אריבערקוקען צו זיינע קונים מיט די אויגען פון א געטרייען הונד, וואָס ווייס נור איין זאך: אָבהיטען זיין בעל הבית' פערמעגען. איליא'ן האָט טערענטי געקויפט א גרויען טוכענעם יאקעל, א פּאָר שטיוועל, א פּאלטאָ און א היטעל; און אז דאָס אינגעל האָט די דאָזיגע נייע זאכען אָנגעטהאָן צום ערשטען מאָל איז איהם ווידער אמאָל אויפגעקומען אויפ'ן גערדאנק דער אלטער שמאָטעס־קלייבער. ווי לעבעדיג איז ער געשטאַנען פאר זיינע אויגען. מיט'ן פעטער האָט איליא כמעט גאָרנישט גערעדט, און זיין לעבען איז פערלאָפען שטיל און אומעטיג. און כאָטש די מערקווירדיגע, ניט־קינדערשע געפיהלען און געדאנקען, וועלכע האָבען זיך וואָס ווייטער אלץ מעהר אָנגעזאמעלט אין איהם, האָבען שטאַרק בעשעפטיגט זיין מוח, דאָך האָט ער זיך מורא'דיג געלאנגווײלט. ער האָט זיך אלץ אָפטער גענומען דערמאָנען אָן זייער דאָרף. איצט האָט איהם אויסגעוויזען קלאָהר און דייטליך, אז דאָרט לעבט זיך בעסער ווי דאָ אין שטאָדט. דאָרט איז אלצדינג עפּעס געווען שטילער, איינפאכער, פערשטענדליכער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן די געדיכטע וועלדער פון קערשענעץ און אָן די מעשיות, וואָס פעטער טערענטי האָט איהם דערצעהלט וועגען דיזָם אלטען פרומען מאן אנטיפּא, וועלכער האָט געלעבט איינזאם און צוריקגעצויגען אין וואלד. און טראכטענדיג וועגען אנטיפּא'ן האָט ער זיך דערמאָנט אָן אן אנדער עלענדען און איינזאמען מענשען: אָן פּאשקאַ'ן, וואו איז ער ערגעץ? אפשר איז ער אויך אזוי ווי יענער אנטלאָפען אין וואלד, האָט זיך דאָרט א גרוב אויסגעגראָבען און לעבט דערין. דער שטורמווינד ברויזט, גיט אָן מעשים אין וואלד, די וועלף וואויען. ס'איז אזוי מורא'דיג און פונדעסטוועגען אזוי שעהן עס צו הערען. און ווינטער־צייט, אז די זון שיינט, בלישטשעט דאָרט אלצדינג אזוי ווי זילבער, און ס'איז אזוי שטיל, אזוי שטיל, אז מען

www.libtool.com.cn



הערט גאַרנישט אחוץ דאָס סקריפּען פון'ם שנעע אונטער די פיס; און אז מען בלייבט אויף א ווײַלע שטעהן, הערט מען קיין זאך ניט, נור דאָס קלאַפּען פון'ם אייגענעם הארצען.

און אין שטאָדט איז שטענדיג אזא טומעל, אזא רעש, און די נאכט אפילו איז אויך פול מיט ליארם. די מענשען זינגען ליעדער, רופען די פּאָליציי צו הילף, רייסען זיך ארום ביי די האָר; דראָשקעס פאָהרען ארום אהין און אהער און פון זייער טראסקעריי ציטערן די שויבען אין די פענסטער. אויך אין שולע איז דערזעלבער ליארם. די קינדער שרייען און מאכען אלערליי מיאוס'ע שטיק. און די גרויסע אויף די גאסען ליארעמען, שעלטען און שלאָגען זיך און זיינען שכור. און ניט נור ווערט די רוה דורך דעם געשטערט — אָפּטמאָל איז'ס איינפאך ניט צום אויסהאלטען. די מענשען זיינען דאָ אלע אזוי ווי פון זינען אראָב; א טהייל זיינען זשוליקעס, אזוי ווי פּעטרוכא, אנדערע בייז און צאָרנדיג, אזוי ווי סאוועל, און ווידער אנדערע אזוי מורא'דיג עלענד ווי פּערפּישקא, אָדער פּעטער טערענטי, אָדער מאַטיצא... שטארק אויפגעבראכט און צורודערט איז איליא איבערהויפּט געוועזן צוליעב די מיאוס'ע בענעהמונג, וואָס דער שוסטער האָט אין דער לעצטער צייט ארויסגעצייגט.

איינמאָל אין דער פריה, ווען איליא האָט זיך צוגעגרייט אוועקצוגעהן אין שולע, קומט פּערפּישקא אריין אין שענק. שרעקליך אָבגעריסען, ניט אויסגעשלאָפען און שטום איז ער געשטאַנען ביים בופעט און געקוקט אויף טערענטי'ן. זיין לינקע אויג האָט געהאלטען אין איין פינטלען, און זיין אונטערשטע ליפּ איז עפּעס אויף א מאָדנעם אופן אראָבגעהאַנגען. פּעטער טערענטי האָט איהם אָנגעגאָסען א דריי קאָפּעקענע גלעזעל, די געוועהנליכע פּאָרציע וואָס פּערפּישקא איז געוואוינט געוועזן צו נעהמען יעדען אין דער פריה. מיט א ציטערענדער האנד האָט פּערפּישקא גענומען דאָס גלעזעל, עס ארייננגעקעהרט אין זיך, אבער ער האָט זיך ניט פּאַסמאַקעוועט, ווי זיין שטייגער איז געוועזן, האָט ניט געזאָגט קיין שום מיינונג אויף דער משקה, צי זי איז גוט צי שלעכט, ווי אלע מאָל; ער האָט אפילו פערגעסען צו פערבייסען עפּעס, ווי ער פלעגט געוועהנליך טהאָן. ווידער אמאָל האָט ער מיט זיין לינקען, פינטעלדיגען אויג עפּעס מאָדנע געקוקט אויפ'ן ניי־

www.libtool.com.cn



עם בופעטשיק, און זיין רעכט אויג איז בעת מעשה געשטאַנען אויף אַן אָרט, פּונקט ווי ער וואָלט דערויף גאָרניט געזעהן.

„וואָס איז אַזוינס געשעהן מיט אייער אויג?“ האָט איהם טע־רענטי געפרעגט.

פּערפּישקא האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד איבער'ן אויג, דערנאָך האָט ער זיך איינגעקוקט אין דער האַנד און מיט אַ שאַרפען טאָן, הויך אויפ'ן קול, האָט ער געזאָגט:

„אונזער ווייב אוודאָטיא פּעטראָוונא איז אוועק מיט'ן טויט...“

„וואָס?... ווירקליך?“ האָט פּעטער טערענטי געפרעגט, וואַר־פענדיג בשעת מעשה אַ בליק אויפ'ן הייליגען בילד און זיך איבער־צלם'ענדיג. „גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען אויף איהר נשמה!“

„הא?“ האָט פּערפּישקא געפרעגט, נאָך אימער קוקענדיג שטיל טערענטי'ן אין געזיכט אַריין.

„כ'האָב געזאָגט: גאָט דער האַר זאָל רחמנות האָבען אויף איהר נשמה!“

„אַזוי, אַזוי... יאָ... איז טויט!...“ האָט דער שוסטער געזאָגט. דאָן האָט ער זיך פּלוצלונג אויסגעדרעהט און איז אַרויס פון שענק.

„אַ מאָדנער מענש“, האָט טערענטי געמורמעלט, צושאָקלענדיג דערביי מיט'ן קאָפּ. אויך אין איליאַ'ס אויגען האָט דעם שוסטערס אויפפיהרונג אויסגעקוקט עפּעס גאָרניט ווי עס דאַרף צו זיין... גע־הענדיג אין שולע, האָט ער זיך אויף אַ ווייל אַריינגעכאַפּט אין קע־לער, כדי אַ קוק צו טהאָן אויף דער טויטער. דאָרט איז געווען דונקעל און ענג. די ווייבער פון די בוידימס זיינען אַראָבגעקומען און אין אַ רעדעל זיינען זיי געשטאַנען אַרום דער טויטער'ס בעט און געפּלוי־דערט. מאַטיצאַ האָט גראַד דאָן געהאַלטען אין אָנמעסטען דער קליי־נער מאשקאַ'ן אַ קליידעל און האָט איהר געפרעגט:

„ס'שניידט אונטער די אָרעמס?“

און מאשא, וועלכע איז געשטאַנען מיט די אָרעמס אויסגע־שטרעקט אַן אַ זייט, האָט מיט אַ קאַפּריציירטער שטימע געענטפערט:

„יאַ—אַ—אַ!“

אָנגעבויגען נאָך פאָרענט איז דער שוסטער געזעסען אויפ'ן טיש און געקוקט אויף זיין טאָכטער, אַלץ מיט דעם זעלבען פּינטעלדיגען

www.libtool.com.cn



אויג. איליא האָט בעטראַכט דאָס בלייכע, אויפגעשוואָלענע געזיכט פון דער טויטער, האָט זיך דערמאָנט אָן איהרע דונקעלע אויגען, וועלכע זיינען שוין איצט געווען פערשלאָסען אויף אייביג, און מיט א שמערצ־ליכען, טאָטשענדיגען געפיהל אין הארצען איז ער ארויס פון קעלער.

און אז ער איז פארנאכט צוריקגעקומען פון שולע און איז אריין אין שענק, האָט ער געהערט ווי פערפישקא שפּיעלט אויף דער האר־מאָניקא און זינגט זיך צו מיט א פּרעכטען טאָן:

„ליעב מיידעל מיינס, וועה צו דיר —
האָסט ס'הארץ געריובט פון מיר!
באַך וואָס האָסטו'ס גאָר גענומען,
און וואו פאָרט איז'ס 'הינגעקומען?"

„נו יאָ!... זיי האָבען מיך ארויסגעיאָגט, די וייבער! טראָג זיך אָב, האָבען זיי געשריען, דו שד דו! אלטער פּיאניצע, האָבען זיי גע־זאָגט צו מיר... כ'בין ניט אין כעס אויף זיי... א גערולדיג שעפּסעל בין איך... שעלט, זידעלט וויפיעל איהר ווילט, שלאָגט מיך פון מיינעט וועגען... אבי לאָזט מיך אביסעל אויפלעבען. כ'בעט אייך, ערלויבט עס מיר!... אך, ברידער! יעדער מענש וויל דאָך אמאָל דאָס לעבען געניסען. ניט אזוי? צי ס'איז וואסקא צי יאקאָוו — די זעעלע האָט אימער איין און דעם זעלבען פּנים:

„זאָגט מיר פאָרט—ווער ווינט עס דאָרט?
וואָס טהוט ער דאָ אויף דיזען אָרט?
זיי שטיל, מיין פריינד, ניט שפּרינג פון הויט,
פערשטעל דעם פּנים מיט אָ ברויט!"

עס איז געלעגען אן אויסדרוק פון פערצווייפעלטער לוסטיגקייט אין פערפישקא'ס געזיכט. איליא האָט איהם אנגעקוקט און עס האָט זיך בעת מעשה אין איהם דערוועקט א דאָפּעלטעס געפיהל פון עקעל און מורא. ביי זיך אין הארצען האָט ער זיך געטראַכט, אז גאָט וועט אודאי גאנץ שווער שטראָפען דעם שוסטער, דערפאר וואָס ער פיהרט זיך אזוי אויף אין דעם טאָג, וואָס זיין פרוי איז געשטאָרבען. פער־פישקא איז אבער נאָך אויף מאָרגען אויך געווען שכור: יא, זאגאר הינטער'ן ארון פון זיין פערשטאָרבענער פרוי איז ער נאָכגעגאנגען און זיך געשאָקעלט, געפינטעלט מיט'ן אויג און געשמייכעלט אפילו.

www.libtool.com.cn



אַלע האָבען איהם געזידעלט פאַר זיין בענעהמען און ער האָט זאָגאר א פּאָר מאָל געקראַגען מיט עפּעס אין קאָפּ...

„ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען?" האָט זיך איליא דעם אבענד נאָך דער לויה אָבגערופען צו יאַקאָוו'ן — „דער פּערפּישקא איז דאָך אַן אמת'ער אפּיקורס!"

„כאַפּט איהם דער רוח!" האָט יאַקאָוו געענטפערט גלייכגילטיג.

איליא האָט שוין פריהער בעמערקט, אַז יאַקאָוו האָט זיך אין דער לעצטער צייט שטאַרק געענדערט. ער האָט זיך גאָר אויפגעהערט צו ווייזען אויפ'ן הויף, איז כסדר געזעסען אין שטוב, און עס האָט אויסגעזעהן, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט זיך אפילו מיט איליא'ן קיין חשק ניט געהאַט צו בעגעגענען. צוערשט האָט איליא געמיינט, אַז יאַקאָוו איז איהם מקנא פאַר די גרויסע פאָרטשריטע, וואָס ער מאַכט אין שולע, און דערפאַר זיצט ער עס שטענדיג אין הויז, כדי צו ארבייטען פאַר דער שולע. עס האָט זיך אבער דערנאָך ארויסגעוויזען, אַז ער האָט אצינד נאָך ערגער זיך געלערנט ווי פריהער; דער לעהרער האָט איהם ניט אויפגעהערט צו טאַדלען פאַר זיין צוטראַגענקייט און פאַר זיין אונפעהיגקייט צו בעגרייפען די מינדעסטע זאַך. יאַקאָוו'ס בעמערקונג וועגען פערפּישקא'ן איז פאַר איליא'ן ניט געווען קיין וואונדער. יאַקאָוו האָט זיך קיינמאָל ניט שטאַרק אינטערעסירט מיט דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין הויף. דאָך האָט איליא איינמאָל פאַר אלע מאָל געוואָלט אויסגעפינען, וואָס איז אזוינס געשעהן מיט זיין פריינד, און ער האָט איהם געפרעגט:

„ווי פיהלסט דו דען אייגענטליך איצט געגען מיר? ווילסט ניט זיין מיט מיר מעהר קיין חבר?"

„איך? ניט מעהר קיין חבר? וואָס רעדסט דו פאַר נאַרישקייטען?" האָט זיך יאַקאָוו אָבגערופען שטאַרק פערוואונדערט און פּלוצלונג האָט ער מיט א לעבעדיגער מינע געזאָגט:

„הער נור, דו — געה אַקאָרשט אריין צו דיר אין שטוב!... איך קום גלייך נאָך... וועסט זעהן וואָס איך וועל דיר ציינגען!..."

ער איז אויפגעשפרונגען און אוועקגעלאָפען. איליא, וועלכער איז געוואָרען זעהר נייגעריג, איז אריין צו זיך אין צימער. באַלד איז אויך יאַקאָוו אריינגעקומען. ער האָט פערשלאָסען די טהיר היני-

www.libtool.com.cn



טער זיך, איז צוגעגאנגען צום פענסטער און האט ארויסגענומען א רויט בוך פון אונטער זיין יאקעל.

„קום אהער", האט ער געזאגט גאנץ שטיל, מיט א וויכטיגער מיענע, און בשעת מעשה האט ער זיך אנידערגעזעצט אויף פעטער טערענטי'ס בעט און געמאכט לעבען זיך פלאץ פאר איליא'ן אויך. דערנאך האט ער געעפענט דאס בוך, האט עס ארויפגעלעגט אויף זיינע קניע, האט זיך אנגעבויגען דערויף, און ארומפאהרענדיג מיט די פינגער אהין און אהער איבער'ן גרויען פאפיר, האט ער גענומען לייענען הויך, אויפ'ן קול:

„און פלוצ... פלוצלינג האט דער העלדישער ריטער פון דער ווייטען דערזעהן א בארג... אזוי הויך, אז ער האט דערגרייכט ביז'ן הימעל. און אין מיטען בארג איז אן אייזערנע טהיר געווען. מיט אמאל האט זיך צופלאקערט דאס פייער פון מוטה.. אין זיין העל... העלדיש הארץ... ער האט אנגעשטעלט די פיקע און מיט געוואלדיגע קולות האט ער זיך א לאז געטהאן פארווערטס, אנטר... טרייבענדיג זיין פערד, און מיט זיין גאנצען געוואלטיגען כוח האט ער זיך גע־יאגט צום טויער צו. מיט אמאל האט זיך דערהערט א קראך, אזוי ווי א מורא'דיגער דונער... דאס אייזען פון דער טהיר איז צושפרונ־גען אין שטיקער... און אין דעם אויגענבליק איז פון בארג ארוים פייער און ר...רויך, און א דונער־שטימע האט זיך געלאזט הערען... אז די ערד האט זיך דערפון צוטרייסעלט און די שטיינער פון בארג האבען זיך אראבגעקאטשעט אונטער די פיס פון פערד. „אהא! ענד־ליך ביסט דו דא... דו פרעכער עקשן!... איך און דער טויט ווארטען שוין לאנג אויף דיר". דער ריטער איז שיער ניט בלינד געווארען פון'ם פייער און רויך..."

„ווער... ווער איז דאס דען?" האט איליא ערשטוינט געפרעגט, זיך צוהערענדיג צו דעם פריינד'ס שטימע, וואס האט געציטערט פון אויפרעגונג.

„הא?" האט יאקאוו איבערגעפרעגט, אויפהויבענדיג דאס בלאסע געזיכט פון בוך.

„ווער איז עס דאס... דער ריטער?"

„דאס איז אזא איינער, וואס רייט אויפ'ן פערד מיט א פיקע...

www.libtool.com.cn



ראַזול אַהן־מורא הייסט ער... אַ דראַגון האָט איהם זיין כלה אוועק־גערויבט, די שעהנע לואיזא... הער ווייטער", האָט יאַקאָוו אונגע־רולדיג געזאָגט.

„באַלד, באַלד!... זאָג מיר נור — ווער איז דער דראַגון?"

„דאָס איז אַ שלאַנג מיט פליגלען... און מיט פיס, אייזערנע נעגעל זיינען דאָרט פאַראַן.. דריי קעפּ האָט זי, און זי שפּייט מיט פייער — פערשטעהסט?"

„וואָס דו זאָגסט!" האָט איליא אויסגערופען, אויסשטעלענדיג אַ פּאָר אויגען אויף זיין פריינד. „אוי, וועט זי איהם דערלאַנגען!..."

„הער נור אפריהער ווייטער!..."

צוגעטוליעט איינער צום צווייטען, ציטערנדיג פאַר נייגיריג־קייט, האָבען זיך די צוויי אינגלעך אריינגעלאָזען אין אַ נייער וועלט פון וואונדער, וואו געוואַלטיגע, בייזע חיות קראַפּירען אונטער די הענד פון העלדישע ריטער, וואו אַלצדינג איז גרויסאַרטיג, שעהן און וואונדערבאַר און האָט קיין שום עהנליכקייט ניט מיט דעם גרויען, מאָנאָטאָנעם אַלטעגליכען לעבען. ניטאָ דאָ קיין שכור'ע, אָבגעריסענע, קליינינקע מענשעלעך, און אַנשטאָט די האַלב־פערפוילטע הילצערנע באַראַקען שטעהען גלענצענדע פּאַלאַצען פון גאָלד און ביז'ן הימעל הויכע, אייזערנע מויערן. און בשעת זיי האָבען אין זייערע געדאַנ־קען דורכגעוואַנדערט דורך דאָס דאָזיגע וואונדערבאַרע, פאַנטאַסטישע רייך פון דער דיכטונג, האָט דער שכור'ער פערפישקא הינטער זייער רוקען געשפּיעלט אויף זיין האַרמאַניקאַ און אונטערגעזונגען דערצו זיינע ליעדער:

„און טרעפט מיך דער שלאָג אַמאָל,
וועט מיך דער טייוועל אַלץ ניט קריגען,
ווייל ביים לעבען נאָך אין זיין האַנד
וועל איך זיכער ליגען!"

„אַזוי איז עס, מיינע ליעבע ברידער," האָט ער געזאָגט. „הוליע קבצן מאָרגען ווי היינט, גאָט האָט ליעב די פרייליכע לייט!"

די האַרמאַניקאַ האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבען צו שפּיעלען, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געסטאַרעט צו דעריאָגען דעם שוסטער'ס

www.libtool.com.cn



פאַראויסלויפענדע שטימע. ער אבער האָט, אזוי ווי איהר אויף צו להכעיס, גענומען זינגען עפּעס א טאַנץ־מעלאָדיע:

„ניט קלאָג וואָס קעלט אָסך
האָסטו געליטען יונגערהייט —
דערפאר אין גיהנום פאר דיר
אָ ליעבע היץ איז אָנגעגרייט!"

יעדער סטראָף פון'ם ליעד האָט ביי די צוהערער ארויסגערופען א שטורמדיגען געלעכטער. די טענער פון דער האַרמאָניקא האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איינעם מיט דער קלאַפּעריי פון די גלעזער, מיט די שווערע טריט פון די חברה שכורים און מיט דעם ארומרוקען פון די שטוהלען אהין און אהער; און אלצדינג צוזאמען האָט זיך פער־איינינגט אין א רוישענדען ליארם, וועלכער איז געווען עהנליך צום וואויען פון'ם ווינטער־שטורם אין וואלד.

אָבער אין קליין חדר'ל, וואָס איז נור געווען אָבגעטהיילט מיט א דין ווענטעל פון'ם שרעקליכען, טומעלדיגען כאָאָס, זיינען זיך געזעסען די ביידע אינגלעך, אָנגעבויגען איבער'ן בוך, און איינער פון זיי האָט שטילערהיים געלייענט:

„מיט אמאָל האָט דער ריטער מיט זיינע אונגעהייער שטאַרקע אָרעמס א פּאַק געטהאָן די טייפלישע שלאַנג, וועלכע האָט ארויסגע־לאָזען שרעקליכע, ווילדע קולות פאר שמערץ און צאָרן..."

7.

נאָך דעם בוך פון'ם ריטער מיט'ן דראַגון איז געקומען אן אנ־דער בוך, פונקט אזוי וואונדערבאַר ווי יענער, מיט'ן נאָמען: „גוואַק אָדער די אונבעזיעגליכע טרייהייט." דערנאָך א דריטעס: „די געשיכ־טע פון'ם העלדישען פּרינץ פראַנצעל פון ווענעדיג מיט דער יונגער קעניגין רענדזיוועגא." ביסלעכווייז האָבען זיך די איינדריקע פון דער ווירקליכקייט אָבגעמעקט אין איליא'ס זעעלע און זיי האָבען געמאַכט פּלאַץ פאר די ריטער און די דאַמען. די צוויי חברים פלעגען ארויס־גנב'ענען יעדעס מאָל א צוואַנציג־קאָפּיקעס־שטיקעל, און אויף אזא

www.libtool.com.cn



אופֿן האָבען זיי זיך איינגעשאפּט אַלע ביכער, וואָס זיי האָבען גע־דארפט. זיי האָבען זיך בעקענט מיט „יאשקא סמערטענסקי׳ס" מור־טהיגע רייזען. זיי זיינען ענטציקט געוואָרען פֿון „יאפּאנטשא, דעם טאטארישען רויבער־אַטאמאן," און וואָס ווייטער האָבען זיי זיך אַלץ מעהר ארויסגעריסען פֿון דער רויהער, אונבארמהערציגער ווירק־ליכקייט פֿון׳ם לעבען און זיך אריינגעלאָזען אין א וועלט, וואו די מענשען פֿערשטעהן ווי אזוי צו צורייסען די דריקענדע קייטען פֿון שיקזאל און צו געפֿינען דאָס גליק פֿאר זיך. לאנג האָבען זיי אזוי געלעבט אונטער׳ן איינפֿלוס פֿון די דאָזיגע וואונדער־געשיכטען, און פֿון אָט דער גאנצער צייט איז ביי איליא׳ן אין גערעכטנים געבליבען נור איין איינציגע פּאסירונג.

איינמאָל האָט מען פּערפּישקא׳ן געשיקט רופֿען אין דער פּאָלי־ציי. מיט א געפֿיהל פֿון אונבעשטימטער מורא איז ער אוועק אהין. דערפֿאר איז ער אבער צוריקגעקומען א פֿרעהליכער און האָט מיט־געבראכט מיט זיך פּאשקא גראטשעוו, וועמען ער האָט געמוזט צו־האַלטען פֿעסט ביי דער האנד, ער זאָל ווייטער ניט אנטלויפֿען פֿון איהם. פּאשקא׳ס אויגען האָבען נאָך אַלץ געקוקט אזוי שארף און העל ווי פֿריהער. דאָך איז ער פֿאר דער צייט שרעקליך אָבגעמאָגערט און געל געוואָרען, און זיין געזיכט האָט שוין מעהר ניט געהאט דעם אַלטען, קוריאָזען אויסדרוק. דער שוסטער האָט איהם אריינגעפֿיהרט מיט זיך אין שענק און דאָרט האָט ער אָנגעפֿאנגען דערצעהלען, אימער פֿינטעלדיג מיט זיין לינקע אויג:

„זעהט נור, מיינע ליעבע ברידער, אָט האָבען מיר דאָ צוריק דעם הערר פּאוולוכא גראטשעוו, בכבודו ובעצמו! אָקאָרשט וואָס ער קומט פֿון דער שטאָדט פּענזא, מיט׳ן עטאפּ.... וואָס פֿאר מאָדנע מענשען עס זיינען פֿאראן אויף גאָט׳ס ערד — ווילען ניט זיין גליק־ליך אין דערהיים! קוים האָבען זיי זיך נור געשטעלט אויף צוויי פֿיס, זוכען זיי שוין צו כאפּען גליקען אין דער ווייטער וועלט!"

פּאשקא איז געשטאנען לעבען איהם, האַלטענדיג איין האנד אין דער קעשענע פֿון זיינע צוריסענע הויזען און די אנדערע האָט ער זיך געסטאַרעט ארויסצורייסען פֿון׳ם שוסטער׳ס האנד, קוקענדיג ביסטרע אויף איהם פֿון דער זייט. אימיצער האָט פּערפּישקא׳ן אן עצה געגע־

www.libtool.com.cn



בען, פאשקא׳ן גוט דורכצושמייסען. אבער אבלאזענדיג דעם איינ־געל׳ם האנד האט דער שוסטער געזאגט מיט אן ערנסטען טאן:
„פאר וואס? זאל ער נור וואנדערן איבער דער וועלט, פילייכט וועט ער טאקי אמאל געפינען זיין גליק דערביי.“
„ער וועט אבער געווים הונגערן!“ האט זיך טערענטי אבגערו־פען, און דערלאנגענדיג דעם איינגעל א שטיק ברויט, האט ער פריינד־ליך געזאגט:
„נא—עסם, פאשקא!“
געלאסען האט פאשקא גענומען דאס ברויט און האט זיך גע־לאזט געהן צו דער טהיר פון שענק.
„פי—יוה!“ האט דער שוסטער הינטער איהם דערלאנגט א פייף. „ווילסט טאקי ווידער מאכען פליטה? נא, פאהר געזונד, מיין טהייער פריינד׳ל!“
איליא, וועלכע האט צוגעזעהן די גאנצע סצענע, שטעהענדיג ביי דער טהיר פון זיין צימער, האט צוריקגערופען פאשקא׳ן. דיזער האט נאכגעדיינקט א וויילע, עפעס אזוי ווי ער וואלט זיך וועלען מישב זיין, צו זאל ער צוגעהן צו איליא׳ן. דערנאך איז ער דאך ארייננגעגאנגען צו איהם, און זיך אומקוקענדיג מיט מיסטרויאישע בליקען אין חדר׳ל, האט ער געפרעגט:
„וואס ווילסט דו פון מיר?“
„גאר ניט. גוט־מארגען האב איך דיר געוואלט זאגען...“
„נא, גוט־מארגען, גוט־יאהר!“
„זעץ זיך א וויילע!“
„נאך וואס?“
„אזוי! מיר וועלען אביסעל פלוידערן...“
גראטשעוו׳ם אבגעריסענע, בייזע פראגען און זיין הייזעריגע, רויהע שטימע האבען אויף איליא׳ן געמאכט א שמערצליכען איינ־דרוק. ער האט שטארק חשק געהאט אויסצופרעגען פאשקא׳ן, וואו ער האט פערבראכט דעם גאנצען זומער און וואס ער האט זיך אזוינס אנגעזעהן אויפ׳ן וועג. אבער פאשקא, וועלכער האט זיך געזעצט אויף א שטוהל און האט מיט אפעטיט געקייט דאס שטיק ברויט, האט איהם גענומען שטעלען פראגען:

www.libtool.com.cn



„האסט שוין געענדיגט די שולע?"
„פריהלינג־צייט קום איך ארויס..."
„און איך האב שוין אויסגעלערנט, זעהסט!.."
„ווי אזוי דען?" האט זיך איליא אַנגערופען, ניט גלויבענדיג וואס ער הערט.
„ס'איז צוגעגאנגען שנעל ביי מיר, ניין?"
„וואו האסט דו דען געלערנט?"
„אין טורמע, ביי די ארעסטאנטען!.."
איליא איז צוגעגאנגען נעהנטער צו איהם, און קוקענדיג עפּעס מיט א מין דרך ארץ פּאשקא'ן אין מאָגערן פּנים אריין, האט ער גע־פרעגט:
„ווי לאנג ביסט דו געזעסען? ס'איז געווען שלעכט דארט, וואס?"
„גארניט שלעכט!... פיער חדשים... בין איך געזעסען, כ'בין געווען אין פיעל אסטראגען און אין פערשידענע שטעדט. מיט פיינע לייט, הערסט דו, האב איך זיך דארט בעקענט. אויך דאמען זיינען געווען צווישען זיי!... טאקי אמת'ע פּריצים! ריידען פערשיעדענע שפּראכען און וויסען אלצדינג... כ'פּלעג זיי שטענדיג אויפראמען די קעמערלאך. זעהר אנגענעהמע מענשען זיינען'ם געווען, כאטש זיי זיינען געווען ארעסטאנטען..."
„וואס זשע, זיי זיינען געווען ראזבאיניקעס, איינפאכע רויבער?"
„ניין, נור ריכטיגע גנבים," האט פאשקא געענטפערט מיט שטאָלץ.
איליא האט געפינטעלט מיט די אויגען, און זיין רעספּעקט פאר פּאשקא'ן איז וואס ווייטער אלץ מעהר געוואקסען.
„דאס זיינען, הייסט עס, געווען רוסען?"
„א פּאר אידען זיינען אויך געווען דארט... אויסגעצייכענטע לייט!... הערסטו דו, ברודער, די חברה־לייט האבען זיך אויסגע־טויגט! יעדען איינעם האבען זיי בעראבעוועט, וועמען זיי האבען נור אין דער האנד געקראָגען, אבער אזוי ווי ס'דארף צו זיין!... נא ענדליך האט מען זיי געפּאקט, און איצט — קאטיי קיין סיביר!..."
„ווי אזוי פּארט האסט דו דארט געלערנט?"

www.libtool.com.cn



„אזוי... כ'האב איינפאך געזאגט: לערנט מיר אוים לעזען — און זיי האבען מיר אויסגעלערנט..."
„שרייבען האסט דו אויך געלערנט?"
„מיט'ן שרייבען געהט'ם נאך שוואך, אבער לעזען קען איך דיר וויפיעל דו ווילסט נור אליין! כ'האב שוין אריינגעלייענט א גאנצע מאסע ביכער!"
אז עס איז געקומען צו רייד פון ביכער, איז איליא געווארען א לעבעדיגער.
„אויך איך לייען שטענדיג צוזאמען מיט יאשקא'ן," האט ער געזאגט. „און נאך וואס פאר א ביכער!"
עס איז אלזא געווארען א וועטע צווישען די צוויי אינגלעך. ביי־דע האבען גענומען אויסרעכענען מיט די נעמען די ביכער, וואס זיי האבען שוין געלייענט. אבער ענדליך האט פאשקא מיט א זיפץ גע־מוזט צוגעבען:
„כ'זעה, אז איהר האט מעהר געלייענט, טייוואלים וואס איהר זייט! און די ביכער אייערע זיינען אויך שעהנער ווי מיינע. איך האב דאס רוב געלייענט געדיכטע, פערזען. זיי האבען דארט געהאט א גאנצע מאסע ביכער, אבער שעהן זיינען געווען נור די מיט פער־זען!..."
באלד איז אויך יאקאוו אריינגעקומען. פערוואונדערט האט ער אויפגעריסען די אויגען און האט זיך צולאכט.
„נא, דו בהמה דו, וואס האסט דו זיך אזוי צולאכט?" האט איהם פאשקא מקבל פנים געווען.
„אזוי!... וואו ביסט דו דען געווען?"
„אהין וועסט דו קיינמאל ניט קומען!..."
„הערסט," האט זיך איליא אריינגעמישט אין געשפרעך, „אויך ער האט דארט געלייענט ביכער!..."
„טאקי?" האט יאקאוו געפרעגט, און ער האט זיך גלייך גענו־מען פריינדליכער צורוקען צו פאשקא'ן.
די דריי אינגלאך זיינען אלזא געזעסען און געפיהרט א לעבעדי־גען שמועס, כאטש איין עניו האט זיך ווייניג וואס געקלעפט צום צווייטען.

www.libtool.com.cn



„נאָ, האָב איך אײך אַזעלכע זאַכען געזעהן — ס'לאָזט זיך גאָר־ניט דערצעהלען!“ האָט זיך פּאַשקאַ אַבגערופען גאַנץ שטאָלץ און בעגײַסטערט. „אײנמאָל האָב איך צװײ טעג נאָכאַנאַנד גאָרנישט געפרעסען... ניט אמאָל א ביסען האָב איך אין מויל געהאַט! און װאַלד האָב איך גענעכטיגט... אײנער אַלײן.“

„האָסט געמוזט מורא האָבען? ס'איז עפּעס געװוען שטאַרק אַר־מעטיג?“ האָט יאַקאַװ געפרעגט.

„געה, זײ מוחל, אריבער אהין, פערזוך עס אַקאָרשט — דאַן װעסט דו װיסען! און אײנמאָל האָבען מיך די הינט כמעט צוביסען אויף טויט... אין דער שטאָדט קאַזאַן בין איך געװוען, דאָרט האָבען זײ אײנעם, א מאַן, אויפגעשטעלט א מאָנומענט... דערפאַר װאָס ער האָט געמאַכט פערזען. ס'איז געװוען א שרעקליך גרויסער מאַן! פּיס, זאָג איך אײך — אַט א ז ו י דיק. און דער קולאַק אַזוי גרויס װי דײַן קאָפּ, יאַשקאַ! איך װעל אויך מאַכען פערזען, ברידער, אבי־סעל האָב איך זיך שוין אויסגעלערענט...“

ער האָט זיך פּלוצלונג אויפגעשטעלט, אויסגעצװײגען די פּיס, און קוקענדיג אויף א געװיסען פּונקט אין צימער האָט ער גענומען אויף גיך דעקלאַמירען זײַנע פערזען מיט אַן ערנסטען טאָן:

„פיעל מענשען, זאָט און שעהן געקלײדט,
געהען לוסטיג אין גאַס אַרום,
און בעט איך אַ שטיקעל ברויט בײַ זײ,
דאַן שעלט מען רײדענדיג און שטום.“

ער איז געבליבען שטיל, האָט א קוק געטהאָן אויף בײדע אינג־לעך און אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. אונגעפעהר א מינוט האָט קײנער פון זײ ניט אויסגערעדט קײן װאָרט. דערנאָך האָט איליא מיט א האַלבען מויל געפרעגט:

„דאָס הײסט פערזען?“

„װאָס, דו הערסט דען ניט?“ האָט זיך פּאַשקאַ אויף איהם צו־בײזערט. „נו, געװיס. עס גראַמט זיך דאָך: אַרום—שטום, אַלזאָ הײסט עס פערזען!“

„נאַטירליך זײַנען דאָס פערזען,“ האָט יאַקאַװ אויך אַרײַנגע־װאָרפען א װאָרט. „דו מוזט שטענדיג געפינען א חסרון, איליא!“

www.libtool.com.cn



„איך האָב נאָך אַנדערע פּערזען געמאַכט," האָט זיך פּאַשקאַ מיט פייער געווענדעט צו יאַקאָוו'ן און פון דאָס ניי האָט ער אַרויס־געפּלאַצט:

גרוי זייג'ן די וואָלקען, פייכט די ערד,
אַט באַלד קומט אָן די אָסיען־קעלט,
און איך—כ'האָב קיין הויז און קיין הויף,
און נאַקעט שטעה איך אויף דער וועלט!..."

„איי, איי," האָט יאַקאָוו געזאָגט און האָט אָנגעקוקט פּאַשקאַ'ן מיט גרויסע אויגען, פול פערוואונדערונג.

„דאָס זיינען טאַקי געוועזען אמת'ע פּערזען," האָט איליאַ דאָס מאָל צוגעגעבען.

פּאַשקאַ'ס געזיכט איז אויך אַ ווייילע רויט געוואָרען און ער האָט צוזאַמענגעדריקט די אויגען, עפּעס אַזוי ווי רויך וואָלט דאָרט אַריינ־געקומען.

„אויך לאַנגע געדיכטע וועל איך נאָך מאַכען," האָט ער זיך בע־ריהמט. „ס'איז גאָר ניט אַזוי שווער. מען געהט זיך אַרוים אונטער'ן פרייען הימעל און מען קוקט זיך אום: וואַלד, וועלדער — פעלד, פעלדער... אָדער: בהמות—חלומות!... גאָר פון זיך אַליין קומען זיי, די גראַמען..."

„און וואָס וועסט דו איצט טהאָן?" האָט איהם איליאַ גע־פרעגט.

פּאַשקאַ האָט געוואָרפען אַ בליק אַרום זיך, האָט געשוויגען אַ ווייילע, דערנאָך האָט ער שטיל און מיט אַן אומזיכערען טאָן גע־ענטפערט:

„וואָס עס איז..."

אָבער גלייך נאָכדעם האָט ער מיט אַ פעסטען ענטשלאָסענעם טאָן צוגעלייגט:

„ווען ס'וועט מיר ניט געפעלען, וועל איך ווידער אַנטלויפען."

דערווייל איז ער פונדעסטוועגען געבליבען ביים שוסטער, און יעדען אָבענד פלעגען זיך די קינדער צונויפקומען צו איהם. אין קע־לער איז געווען שטילער און עפּעס היימליכער ווי ביי טערענטי'ן אין צימער. פּערפישקאַ איז זעלטען ווען געווען אין דערהיים — ער פלעגט

www.libtool.com.cn



פער׳שכור׳ן אַלץ וואָס איז נור געווען צו פער׳שכור׳ן און געאַרבייט האָט ער נור טאָג־ווייז אין פרעמדע מאַסטערקאַיעס. און אַז ער האָט קיין אַרבייט ניט געהאַט, איז ער כסדר געזעסען אין שענק. האַלב נאַקעט און באָרוועס איז ער ארומגעגאַנגען און אונטער׳ן אָרעם האָט ער שטענדיג אַרומגעטראָגען זיין געליעבטע האַרמאָניקאַ. זי איז עפּעס אַזוי ווי צוזאַמענגעוואַקסען געוואָרען מיט זיין קערפּער, אַ טהייל פון זיין פרעהליכען, לוסטיגען געמיטה האָט ער אין איהר אַריינגעלעגט. עפּעס זיינען זיי ביידע געווען אַזוי עהנליך איינער צום אַנדערן, — ביידע אַזוי אויסגעמאָגערט, אַזוי שפּיצעכיג און דערביי פול מיט לוסטיגע ליעדער. אין אַלע פאַבריקען פון דער שטאָדט האָט מען פערפּישקאַ׳ן גוט געקענט. מען האָט געוואוסט, אַז ער איז אַן אונערמיעדליכער זינגער פון אַלערליי שפּאַסיגע, שאַרפע קופּלעטען און טאַנץ־ליעדער. אומעטום, וואו ער האָט זיך נור בעוויזען, האָט מען איהם אויפגענומען פאַר אַ גוטען גאַסט, און אַלע האָבען איהם ליעב געהאַט דערפאַר, ווייל ער האָט פערשטאַנען מיט זיינע קופּלעטען, מעשה׳לעך און וויצען לוסטיג צו מאַכען די אַרבייטער און פער־לייכטערן אַביסעל זייער שווער, פערביטערט האַרץ.

אַז ער האָט פערדיענט עטליכע קאָפּיקעס, האָט ער אוועקגעגע־בען אַ העלפט זיין טאָכטער. אין דעם איז בעשטאַנען די גאַנצע זאָרג, וואָס ער האָט געטראָגען פאַר איהר עקזיסטענץ. ווייטער איז מאַשאַ געווען זעלבסטשטענדיג און האָט אַליין געזאָרגט פאַר איהר לעבען. זי איז שוין געווען אַ היבשע מיידעל, די שוואַרצע צעפּ זיינען איהר אַראָבגעהאַנגען טיעף איבער די שולטערן, די דונקעלע, גרויסע אויגען האָבען געקוקט אַזוי ערענסט, און מיט איהר צאַרט, חן׳עווריג פּנים׳על האָט זי אויסגעצייכענט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ בעל־הבית׳טע אין איהר קעלער־ווינקעל. זי פלעגט ערגעץ־וואו צונויפקלייבען שפּענד־לאַך, אָבקאָכען דערמיט וואָס פאַר עס איז זופּ און ביז ווארעמעס צייט פלעגט זי אַרומגעהן אין אַ קורץ יאַקעל, פערשמייעט און נאַס. אַזוי גיך ווי איהר וואַרעמעס איז געווען פאַרטיג, האָט זי אויפגע־ראַמט דאָס צימער, זיך אַרומגעוואַשען, אָנגעטהאָן אַ ריין קלייד און זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש לעבען פענסטער, צו פערריכטען איהרע צוריסענע קליידער. בשעת׳ן נעהען פלעגט זי זיך אונטערזינגען עפּעס

www.libtool.com.cn


א פרעהליך ליעדעל און מיט איהר לעבעדיגקייט און בעקוועמליכ־
קייט האט זי אויסגעזעהן אזוי ווי א פויגעלע, וואס שפּרינגט ארום
אין א שטייגעל.

אפטמאל פלעגט מאטיצא קומען צו איהר צו גאסט און איהר
ברייננגען זעמעל־ברויט, טהעע און צוקער און אמאל האט זי איהר
זאגאר געשיינקט א בלוי קלייד. מאשא פלעגט אויפנעהמען איהר
גאסט אזוי ווי אן ערוואקסענע פערזאן, א ריכטיגע בעל הבית'טע:
זי פלעגט אנידערשטעלען אויפ'ן טיש א קליינעם בלעכענעם סאמא־
ווארעל און האט מכבד געווען מאטיצא'ן מיט טהעע. טרינקענדיג צו־
זאמען די הייסע, ערקוויקענדיגע משקה, האבען זיי צווישען זיך גע־
פלוידערט וועגען פערשידענע ענינים און אויסגעגאסען די גאנצע
תוכחה אויף פערפּישקא'ן. מאטיצא פלעגט איינפאך ארוים פון די
כלים, ווען עס איז נור געקומען צו רייד פון פערפּישקא'ן; מאשא
אבער, כאטש זי פלעגט איהר גאסט פון העפליכקייט וועגען געבען
רעכט, האט פונדעסטוועגען אין הארצען ניט געהאט קיין שום שנאה
צו פערפּישקא'ן. פון אלצדינג וואס זי האט נור געזאגט מכח איהר
פאטער, האט זיך ארויסגעהערט א טאן פון מיטלייד, פון איינזעהע־
ניש, וואס זי האט מיט איהם.

„פערשטעהט זיך,“ האט זי געזאגט מיט א מיענע פון אן ער־
וואקסענער קלוגער פערזאן, „ס'איז ניט שעהן און ניט פערנינפטיג,
אז א מאן שכור'ט. ער האט ליעב די פרעהליכקייט... טרינקט נור,
אום זיך לוסטיג צו מאכען... אז די מאמע האט געלעבט, פלעגט
ער ניט שכור'ען אזוי פיעל...“

„אז די קישקעס מעגען זיך איהם דארט איבערקעהרען אין
בויך!“ האט מאטיצא געברומט מיט א טיעפער באס־שטימע, און
בשעת מעשה האט זי צוזאמענגעדריקט די ברעמען פון איהרע אוי־
גען. „וואס זשע! דער פּיאניצע האט אפּנים גאר אין גאנצען פערגע־
סען, אז ער האט א קליין קינד אין דערהיים? א מיאוס'ע בריאה!
קראַפּירען זאל ער ווי א הונד!“

„ער ווייס דאך, אז איך בין שוין גרויס און קען אלצדינג טהאן
אליין!“ האט מאשא געענטפערט.

„מיין גאט. מיין גאט!“ האט מאטיצא זיך טיעף אבגעזיפצט.

www.libtool.com.cn



„וואָס טהוט זיך דאָס דאָ אויף גאָט'ס גרויסער וועלט? וואָס וועט זיין דער תכלית פון דער מיידעלע דאָ? אויך איך האָב געהאַט אזא מיידעלע, ווי דו ביסט!... ס'איז דאָרט געבליעבען, אין דער היים... אין דער שטאָדט כּאַראָל... און ס'איז אזוי ווייט, אזוי ווייט אהין, אין דער שטאָדט כּאַראָל, אז ווען איך זאָל אפילו וועלען אריבער־פאָהרען אהין, וואָלט איך גאָר דעם וועג ניט געפונען... אזוי געהט עס שווין דעם מענשען!... ער לעבט, לעבט אויף דער וועלט און פער־געסט, וואו ער איז געבוירען געוואָרען..."

מאשא האָט ליעב געהאַט צו הערען די טיעפע שטימע פון דער דאָ־זיגער פרוי מיט'ן גרויסען געזיכט און די ברוינע אויגען, אזוי ווי פון א קוה. און כאָטש דער ריח פון בראָנפען האָט זיך אזוי שטאַרק גע־הערט פון מאַטיצאַ'ן, פלעגט מאשא פונדעסטוועגען הנאה האָבען זיך אנידערצוזעצען ביי איהר אויפ'ן שויס, זיך פעסט צוטוליען צו איהר שטאַרקען, בערגיגען בוזים און איהר קושען אויף די פולע ליפּען פון איהר שעהנעם מויל. מאַטיצאַ פלעגט געוועהנליך קומען אין דער פריה, און אבענד צייט פלעגען זיך די קינדער פערזאַמלען ביי מאשא'ן. זיי פלעגען פערברייגגען די צייט שפּיעלענדיג אין קאָרטען אָדער זיצענדיג איבער א בוך. מאשא פלעגט אויך מיט גרויס אינ־טערעסע זיך צוהערען צו דעם, וואָס זיי האָבען געלעזען, און אָפּט־מאָל, ווען עס פלעגט קומען צו א מורא'דיגען פּאַסאַזש אין בוך, האָט זי זיך ניט געקענט איינהאַלטען און פלעגט ארויסלאָזען א האַלב פערשטיקטען קוויטש פון שרעק.

יאַקאָוו האָט זיך איצט אָבגעגעבען מיט דער קליינער נאָך מעהר ווי פריהער. ער פלעגט איהר כסדר ברייגגען פון דערהיים שטיקער ברויט און פלייש, טהעע, צוקער און קעראָסין און ביער־פלעשער. ער האָט איהר אויך פון צייט צו צייט געגעבען אביסעל געלד, וואָס ער פלעגט אבשפּאָרען פון די ביכער, וואָס ער האָט געקויפט. אזוי צוגעוואוינט איז ער געוואָרען דאָס אלעס צו טהאָן, און ער האָט עס געטהאָן מיט אזא בערייטוויליגקייט, אז קיינער האָט עס גאָר ניט געקענט בעמערקען. מאשא ווידער, פון איהר זייט, האָט אָט די אלע טובות אנגענומען אזוי ווי א גאַנץ געוועהנליכע זאַך, עפּעס אזוי ווי

www.libtool.com.cn



עס דאַרף אַזוי צו זיין, און זי האָט דערפון קיין שום וועזען ניט געמאַכט.

„יאשקא!“ פלעגט זי זאָגען — „שוין ניטאָ קיין קוילען!“

„אַט באַלד!“

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער איהר געבראַכט קוילען, אָדער ער פלעגט איהר געבען אַ פּאָר קאָפּיקעס, זאָגענדיג:

„געה, קויף אַביסעל קוילען!... כ'האָב גאָר ניט געקענט אַרוים־גנב'ענען!“

ער האָט מאשא'ן געבראַכט אַ טאָפעל און האָט איהר אָנגעהויבען לערנען לעזען און שרייבען. ס'איז אמת צוגעגאַנגען לאַנגזאַם, אָבער אין צוויי מאָנאַט צייט האָט מאשא דאָך געקענט איבערלייענען אַלע בוכשטאַבען און זיי אויפשרייבען אויף'ן טאָפעל.

איליא האָט זיך אויך צוגעוואוינט צו דעם דאָזיגען סאָרט לע־בען. אָפטמאָל האָט ער אויך אַרויסגעלאָטכעגט וואָס ער האָט נור געקענט פון קיך אָדער פון הינטערן בופעט און האָט עס אוועקגע־שלעפּט צום שוסטער אין קעלער. איהם איז שטאַרק געפעלען דאָס שטאַרקע, ברונעטע מיידעל, וואָס איז פער'יתום'ט אַזוי ווי ער אַליין. דער עיקר האָט מאשא נושא חן געווען ביי איהם אין די אויגען, ווייל זי האָט זיך געוואוסט ווי אַזוי דורכצושלאָגען אַליין אין דער וועלט. און האָט אַלצדינג געטהאָן, פּונקט ווי אַ גרויסע, אַן ערוואַקסענע פרוי. ער האָט ליעב געהאַט צו זעהן ווי זי לאַכט און האָט שטענדיג געזוכט מיט אַלערליי מיטלען זי לאַכענדיג צו מאַכען. און אַז עס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, פלעגט ער זיך שטאַרק נעהמען צום האַרצען און זיך קריגען מיט דעם שוסטער'ס מיידעל.

„שוואַרצע פלעדער־מויז!“ פלעגט ער זי רופען.

זי פלעגט אַ פינטעל טהאָן מיט די אויגען און ענטפערן מיט אַ שפּאָטישען טאָן:

„אויסגעדאַרטער טייוועל!...“

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און זיי האָבען זיך טאַקי גענומען קריי־גען אויף צו'ן אמת'ן. מאשא פלעגט לייכט אַריינקומען אין כעס, זי פלעגט זיך אַ לאָז טהאָן אויף איליא'ן מיט דער אַבזיכט, איהם צו צוגראַבלען די צורה, נאָר ער פלעגט זיך אויסדרעהען פון איהרע

www.libtool.com.cn



הענד און מיט א געלעכטער אנטלויפען, האבענדיג שטאַרק הנאה פון דער גאַנצער געשיכטע.

איינמאָל, ווען זיי האָבען געשפּיעלט אין קאַרטען, האָט ער בע־שולדיגט מאַשאַ'ן, אַז זי האָט בעגאַנגען אַ שווינדעל, און אַריינגעקר־מענדיג אין כעס האָט ער אויסגעשריגען:

„דו... יאַשקאַ'ס ליובאָווניצע!"

און דערצו האָט זיך איהם נאָך ארויסגעכאַפּט פון מויל אַ מיאוס וואָרט, וואָס ער האָט שוין געוואוסט דעם טייטש דערפון. יאַקאָוו איז געווען דערבייַ. אין אָנהויב האָט ער געלאַכט, אָבער דערזעהענדיג ווי דאָס געזיכט פון זיין פריינדין האָט זיך פערצויגען פון שמערץ און איהרע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרעהרען צוליעב דער בעליי־דיגונג, איז ער געוואָרען בלייך ווי קאַלך און ער האָט אויפגעהערט צו לאַכען. און פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען פון שטוהל, האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איליאַ'ן, איהם דערלאַנגט מיט'ן קולאַק אין נאָז, דערנאָך האָט ער איהם געכאַפּט פאַר די האָר און איהם אַ וואָרף געטהאָן אָן דער ערד. דאָס אַלץ איז געשעהן אַזוי גיך, אַז איליאַ האָט גאָר קיין צייט ניט געהאַט זיך צו פערטהיידיגען. ער האָט זיך אָבער אויפגעכאַפּט פון דער ערד און אויסער זיך פאַר צאָרן און שמערץ האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן מיט'ן קאָפּ פאָראויס אויף יאַקאָוו'ן.

„וואַרט אַקאָרשט, מיין פריינד! כ'וועל דיר..." האָט ער מיט כעס אויסגערופען.

אָבער צוקומענדיג אַביסעל נעהנטער האָט ער דערזעהן, ווי יאַ־קאָוו זיצט אָנגעשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען אויפ'ן טיש און וויינט מיט ביטערע טרעהרען. לעבען איהם שטעהט מאַשאַ און מיט אַ שטימע, פערשטיקט פון טרעהרען, זאָגט זי צו איהם:

„לאָז איהם לויפען, דעם ווילדען אינדיאַנער... דעם רוצח!... זיי זיינען אַלע שלעכט... זיין טאַטע איז פערשיקט אויף קאַטאָרגע... און זיין פעטער האָט אַ הויקער!... נישקשה, איהם וועט אויך אויסוואַקסען אַ הויקער! געמיינער בחור דו!" האָט זי אויסגעשריגען, זיך אַ לאָז טהאָנדיג אָהן אַ שום מורא אויף איליאַ'ן. „דו פאַרשיווער קאָפּ!... שמאַטעס־קלייבער! נו, וואָס שטעהסט דו? קום נור אַקאָרשט אַהער!

www.libtool.com.cn



אהער קום! כ'וועל דיר די אויגען אויסגראבלען! נו, לאמיר שוין אמאל זעהן דיין גבורה!"

איליא האט זיך ניט געריהרט פון ארט. ס'איז איהם שווער גע־ווארען אויפ'ן הארצען, דערזעהענדיג דעם וויינענדיגען יאשקא, ווע־מען ער האט קיין עגמת נפש ניט געוואלט אנטהאן, און ער האט זיך געשעהמט, זיך אריינצולאזען אין א געשלעג מיט א מיידעל. זי איז דאס גאר נישט אויסען, דאס האט ער גאנץ לייכט געקענט דערקענען אויף איהר פנים. שטיל, ניט אויסריידענדיג קייןווארט, האט ער פערלאזען דעם קעלער און איז א היבשע ווייליע ארומגעגאנגען אי־בער'ן הויף, מיט א שמערצליך, ביטער געפיהל אין הארצען. דערנאך איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער פון פערפישקא'ס וואוינונג און האט שטילערהייט אריינגעקוקט, אום צו זעהן וואס דארט טהוט זיך. יא־קאוו איז שוין ווידער געזעסען און געשפיעלט אין קארטען מיט זיין פריינדין. דער אונטערשטער טהייל פון מאשא'ס געזיכט איז געווען פערדעקט מיט די ברעגעס פון די קארטען, וואס זי האט געהאלטען אין האנד, און איליא'ן האט זיך אויסגעדוכט, אז זי לאכט. יאקאוו ווידער איז געווען פערטיעפט אין די קארטען און אונענטשלאסען האט ער אנגעריהרט מיט דער האנד דא איינע און דא די אנדערע, ניט וויסענדיג מיט וועלכער אויסצושפיעלען. איליא'ן איז געווארען זעהר שווער אויפ'ן הארצען. ער האט ארומגעשפאצירט נאך א ווייליע איבער'ן הויף, אהין און אהער. דערנאך איז ער מוטהיג אראב צוריק אין קעלער.

„נעהמט מיך צו פון דאס ניי!" האט ער געזאגט, צוקומענדיג צום טיש.

זיין הארץ האט געקלאפט ווי מיט האמערס, זיין געזיכט האט איהם געפלאמט און די אויגען האט ער געהאלטען אראבגעלאזען צו דער ערד. יאקאוו און מאשא זיינען געבליבען שטיל.

„איך וועל זיך שוין מעהר ניט זידלען אזוי!... ביי גאט שווער איך, אז איך וועל עס מעהר ניט טהאן!" האט איליא ווייטער גע־זאגט און האט זיי ביידען אנגעקוקט.

„נו, זעץ זשע זיך אנידער... אך, דו!" האט זיך מאשא אבגע־רופען.

www.libtool.com.cn



און יאַקאָוו האָט מיט אַן ערענסטען טאָן צוגעלייגט:
„דומקאָפּ! ביסט דאָך שוין ניט קיין קליין אינגעל!... מוזט דאָך וויסען, וואָס דו רעדסט!"
„ניין, מיר זיינען נאָך אַלע קליינע קינדער!" איז מאַשאַ אריינגעפאַלען יאַקאָוו'ן אין די רייד און בשעת מעשה האָט זי אַ זעץ געגעבען מיט'ן פויסט איבער'ן טיש. „נור טאַקי דערפאַר דאַרפען מיר ניט ריידען קיין מיאוס'ע ווערטער."
„דו האָסט מיך אבער אזוי טיכטיג געשלאָגען!" האָט איליא מיט אַ פאָרוואורף געזאָגט צו יאַקאָוו'ן.
„האָסט עס כשר פערדיענט! בעקלאָג זיך ניט!..." האָט מאַשאַ געענטפערט מיט אַ שטרייגגער מיענע און מיט'ן טאָן פון אַ לעהרערקע.
„נו, גוט... כ'בין ניט בייז אויף דיר... ס'איז מיין שולד געוועזן..." האָט זיך איליא מודה געוועזן און האָט געקוקט מיט אַ שמייכעל אויף פּעטרוכאַ'ס זוהן. „מיר וועלען אַלזאָ צוריק זיין גוטע ברידער — וואָס?"
„פון מיינעטוועגען, נעהם די קאָרטען..."
„ווילדער טייוועל דו!" האָט זיך מאַשאַ אָבגערופען.
דערמיט האָט זיך די גאַנצע מחלוקה געענדיגט. אין אַ מינוט ארום איז איליא ווידער געוועזען שטאַרק פערטיעפט אין'ם קאָרטענשפּיעל. ער פלעגט זיך אימער זעצען אַזוי, אז איהם זאָל אויסקומען אויסצושפּיעלען געגען מאַשאַ'ן. עס האָט זיך איהם מאָדנע געוואָלט, זי זאָל פערשפּיעלען, און אין דער גאַנצער צייט האָט ער נור געהאַט דעם געדאַנק אין זינען. אבער גראָד אויף צו להכעיס האָט די קליינע געשפּיעלט גאַנץ געשיקט, און ווי געוועהנליך איז יאַקאָוו אויך דעם מאָל כסדר געוועזן דער פערשפּיעלער.
„אַך דו גולם איינער," האָט מאַשאַ געזאָגט מיט אַ טאָן פון רחמנות — „ביסט שוין ווידער דער נאַר!"
„כאַפּט דער רוח די קאָרטען!" האָט יאַקאָוו געענטפערט. „ס'איז זעהר סקוטשנע, דאָס שפּיעלען נאָכאַנאַנד. לאָמיר בעסער ווייטער לייענען אין דער „קאַמטשאַדאַלין!"
זיי האָבען פון ערגעץ ארויסגענומען אַ צוריסען און שמוציג בוך

www.libtool.com.cn



און האבען גענומען לייענען די ליידענס־געשיכטע פון דער פערליעב־טער און אונגליקליכער „קאמאטשאדאלין.“

אז פאשקא גראטשעוו האט געזעהן, ווי די דריי קינדער פער־בריינגען אזוי גוט און אנגענעהם די צייט, האט ער מיט א טאן פון א קלוגען, וועלט־ערפאהרענעם מאן געזאגט:

„ווייסט איהר? איהר פיהרט גאר א נישקשה'דיג לעבען דא. איהר גנבים וואס איהר זייט!“

דאן האט ער א קוק געטהאן אויף יאקאוו'ן און מאשא'ן און מיט א שמייכעל, אבער אויך ערנסט אין דערזעלבער צייט האט ער צו־געלייגט:

„לעבט נור אזוי ווייטער ווי טייבעלאך! און שפעטער קענסט דו מיט מאשא'ן חתונה האבען, יאקאוו... וואס?“

„דומקאפ!“ האט מאשא געענטפערט מיט א געלעכטער, און ענדליך האבען אלע פיער זיך צולאכט אין כאר.

פאשקא איז דאס רוב געווען מיט זיי צוזאמען. אז זיי פלעגען אויסלייענען א בוך, אדער זיך אברוהען אין מיטען לעזען, דאן פלעגט ער נעהמען דערצעהלען זיינע פאסירונגען, דאס וואס ער האט זיך שוין אנגעזעהן אין לעבען; און זיינע מעשיות זיינען ניט געווען וועניגער אינטערעסאנט פון די ביכער.

„ווי איך האב דערזעהן, ברידער, אז אהן א פאס איז א געמור־טשעט לעבען, האב איך גענומען פראוועןן אלערליי קונצען. דערזעהן א פאליצייסקען, האב איך גלייך גענומען שטעלען פיס, אזוי ווי מען וואלט מיך ערגעץ געשיקט און איך האב קיין צייט נישט... אדער איך האב זיך גאר צוגערוקט צום ערשטען בעסטען פון די פערבייגעהער, אזוי ווי ער וואלט געווען מיין בעל הבית, אדער מיין טאטע, אדער עפעס אזוי אימיצער... דער פאליציי־מאן קוקט מיך אן און לאזט מיך לויפען — ער האט גארנישט בעמערקט... נור שעהן איז געווען אין די דערפער: דארט זיינען גאר קיין פאליציסקע ניטא, נור אלטע מענער, אלטע ווייבער און קינדער, די בויערן זיינען אויפ'ן פעלד. פרעגט מיך אימיצער, ווער איך בין, זאג איך: א בעטלער... וועמעס איך בין? קיינעם'ס ניט, כ'האב קיין משפחה ניט... פון וואנען איך קום? פון דער שטאדט. דאס איז אלצדינג! זיי גיבען מיר עסען און

www.libtool.com.cn



טרינקען — אלעס מיט דער פולער האנד. און געהן קענסט דו דאָרט, ווי דו ווילסט אליין: קענסט גאנץ גיך לויפען, אָדער אויפ'ן בויך קריכען... איבעראל איז פעלד און וואלד... די פויגעל זינגען... ארויפפליהען ווילט זיך דיר צו זיי. אז דו ביסט נור זאַט — דאַן האָסט דו שוין גאָר קיין שום וואונש ניט מעהר, וואָלסט געקענט אזוי כסדר געהן און געהן, ביז'ן עק וועלט. ס'איז עפּעס פּונקט ווי אימיצער וואָלט דיך געצויגען פאָרווערטס... אזוי ווי א מוטער וואָלט געטראָגען איהר קליין קינד. אבער איך האָב אויך אָפּטמאָל נישקשה'דיג צוגעהונגערט — אהאָ! די קישקעס אין בויך האָבען זיך מיר געדרעהט און צוזאמענגעצויגען — אזוי טרוקען איז מיר געווען אינעווייניג! ערד וואָלט איך געקענט פרעסען. דער קאָפּ פלעגט זיך מיר נעהמען דרעהען... אבער אז איך האָב דעמאָלט א שטיק ברויט געקראָגען און עס אריינגענומען צווישען די צייהן—אַ—אַך, וואָס פאַר א תענוג! טאָג און נאכט וואָלט איך אזוי געקענט עסען. דאָס איז אביסעל געווען אן אפּעטיט!... און דאָך בין איך געווען צופריעדען, אז איך בין ענדליך אריין אין לאַך... אין אָנהויב האָב איך שטארק מורא געהאַט, אבער דערנאָך האָב איך זיך גענומען פיהלען זעהר גוט. איך האָב שטענדיג געציטערט אימת מות פאַר די פּאָליציי־לייט. איך האָב זיך געטראכט ביי זיך, אז זיי וועלען מיך נור אריינקריגען אין זייערע הענד און מיר נעהמען ברעכען די ביינער, דאַן וועלען זיי מיך דערשלאָגען אויף טויט. און ווי איז עס אין דער אמת'ן געווען? גאנץ שטיל קומט ער פון הינטען און פּאקט מיך ביים קאָלנער — שוואָפּ! איך בין געשטאַנען ביי אַ זייגער־מאכער און אָנגעקוקט די זייגערס אין גרויסען פענסטער... אַ ים מיט זייגערס זיינען דאָרט געווען — גילדערנע און אנדערע. מיט אמאָל: שוואָפּ! איך הויב אָן שרייען. און ער פרעגט מיך גאנץ פריינדליך: „ווער ביסט דו? פון וואנען קומסט דו?" נאָ, האָב איך עס נאַטירליך געזאָגט — זיי וועלען זיך דאָך סיי ווי סיי דערוויסען: זיי ווייסען אלעס... „וואוהין געהסט דו?" פרעגען זיי ווייטער... „איך וואנדער אזוי איבער'ן לאנד"... לאכען זיי... דערנאָך פיהרט מען מיך אָב אין טורמע... דאָרט לאכען זיי אויך אלע. און דערנאָך האָבען מיר יענע הערען צוגענומען צו זיך... דאָס זיינען אביסעל געווען טייוואָלים, אהאָ!"

www.libtool.com.cn


פון די „הערדען" האט פאשקא שטענדיג גערעדט כמעט מיט די געפיהלפאלסטעווערטער, וואס ער האט נור געקענט געפינען — זיי האבען אויף איהם געמוזט מאכען א טיפען רושם. אין דערזעלבער צייט אבער זיינען זייערע געשטאלטען ביסלאכווייז אזוי ווי פערשוואר־מען אין זיין גדאנק, און זיי זיינען איהם פארגעקומען עפעס אזוי ווי א גרויסער, פינסטערער פלעק.ביים שוסטער איז פאשקא פערבלי־בען א מאנאט צייט, דערנאך איז ער פון דאס נייע פערשוואונדען. שפעטער האט זיך פערפישקא דערוואוסט, אז ער איז אריין אלס לעהרען־אינגעל אין א דרוקעריי און אז ער וואוינט ערגעץ אין א ווייטען, פערוואָרפענעם ווינקעל פון דער שטאדט. אז איליא האט עס דערהערט, האט ער פאשקא'ן שטארק מקנא געווען, און מיט א זיפץ האט ער זיך אבגערופען צו יאקאוו'ן:

„און מיר ביידע וועלען דא מוזען פערשימעלט ווערן!.."

8.

אין דער ערשטער צייט, נאכדעם ווי פאשקא איז פערשוואונדען האט איליא'ן אזוי ווי עפעס געפעהלט. ער האט זיך אבער באלד אריינ־געלעבט צוריק אין זיין וואונדער־וועלט. ווידער אמאל האט מען גענו־מען לעזען ביכער, און איליא'ס זעעלע איז אריינגעפאלען אין א האלב־שלאפעדיגען צושטאנד.

אויפגעוועקט, ארויסגעריסען פון זיין אנגענעהמער, פערטיעפטער לאגע האט מען איהם פלוצלונג, אונגעריכטערהייט, איינמאל, ווען אי־ליא איז נאך געגאנגען אין שולע, רופט זיך דער פעטער אן צו איהם:

„באלד וועסט דו זיין פארטיג מיט'ן לערנען... פערצעהן יאהר ווערסט דו אלט... שוין צייט צו זוכען פאר דיר א שטעלע."

„פערשטעהט זיך," האט פעטרוכא געגעבען זיין הסכמה דערצו.

„מיט דער גרויסער בעקאנטשאפט, וואס מיר האבען, איז דאס איי־גענטליך א גאנץ לייכטער עסק... יאשקא דארף קיין שטעלע ניט; פאר איהם איז אלצדינג אנגעגרייט! זאל ער נאך הוליען א יאהר צייט — דערנאך שטעל איך איהם אוועק הינטער'ן בופעט! און פאר דיר,

www.libtool.com.cn



טערענטי, וועל איך אויפמאכען א צווייטען שענק ערגעץ וואו ניט ווייט פון דאנען. דארט קענסט דו ארבייטען אויף פראצענטען, און וועסט זיך אייגענטליך זיין, ווי ביי זיך אין דערהיים... הא—יא, גע־לויבט איז זיין ליעבער נאמען, ער האט מיך גוט פערזארגט!"

איליא האט זיך צוגעהערט גלייכגילטיג צו די אלע רעדעס און עס האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז דאס רעדט מען ערגעץ ווייט, ווייט פון איהם. דאס אלצדינג האט קיין שום שייכות ניט געהאט מיט דעם, וואס האט בעשעפטיגט זיין מוח אין יענער צייט, און ער איז געבליבען גאנץ קאלט דערצו. נאר איינמאל האט איהם דער פעטער אויפגעוועקט גאנץ פריה פון שלאף און האט געזאגט:

„שטעה אויף און וואש זיך ארום ווי עס דארף צו זיין... אבער אויף גיך!..."

„וואס איז די איילעניש? וואוהין דארף איך דאס געהן?" האט איליא געפרעגט פערשלאפען.

„אויף דיין שטעלע! גאט זיי דאנק, ס'האט זיך וואס געפונען!... ביי א פיש־הענדלער קומסט דו אן."

עפעס אן אונאנגענעהמעס געפיהל האט איליא'ן צוזאמענגעדריקט דאס הארץ. דער וואונש צו פערלאזען דאס דאזיגע הויז, וואו ער האט אלצדינג געקענט און צו אלצדינג געוואוינט געווען, איז פלוצלונג פער־שוואונדען, און פעטער טערענטי'ס חדר'ל, וואס איז איהם קיינמאל ניט געפעלען, איז עפעס מיט אמאל אין זיינע אויגען געווארען אזוי ריין, אזוי ליכטיג. מיט די אויגען צו דער ערד איז ער געזעסען אויף זיין בעט און האט גאר קיין חשק ניט געהאט זיך אנצוטהאן... יא־קאוו איז אריינגעקומען, מיט צושויבערטע האר און מיט א גראה גע־זיכט, האלטענדיג דעם קאפ אנגעבויגען אן א זייט. אויף גיך האט ער געכאפט א קוק אויף זיין חבר און האט געזאגט:

„קום גיכער, דער טאטע ווארט... דו וועסט דאך עפטער קומען אהער?"

„געוויס וועל איך קומען..."

„נא יא... פערגעס נור ניט אריינגעהן צו מאשא'ן, געזעגען זיך מיט איהר!"

„אבער איך געה דאך ניט אוועק אויף שטענדיג פון דאנען!" האט

www.libtool.com.cn



זיך איליא אבגערופען מיט א בייזער.

מאשא איז דערוויילע אליין ארויפגעקומען. זי איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר, האט געקוקט אויף איליא'ן און מיט א טרויעריגער שטימע האט זי געזאגט:

„נו זיי זשע מיר געזונד און גליקליך, איליא...“

איליא האט פון פערדרוס געשלעפט און געצופט דאס יאקעל, וואס ער האט אקארשט אנגעטהאן, און פאר כעס האט ער געשימפפט גלאט אין דער וועלט אריין. מאשא און יאקאוו האבען זיך ביידע מיט אמאל טיעף אבגעזיפצט.

„זאלסט זיך נור קומען זעהן מיט אונז אין גיכען!“ האט יאקאוו געזאגט.

„גוט, גו—וט!“ האט איליא געענטפערט גראב.

„קוק איהם נור אן, ווי ער נעהמט זיך דאס אביסעל איבער— דער הערר קאמי!“ האט מאשא בעמערקט.

„אך דו... דומע גאנז!“ האט איהר איליא געענטפערט שטיל, מיט א טאן פון פארוואורף.

אין א פאר מינוטען ארום איז ער געגאנגען איבער דער גאס — לעבען פעטרוכא'ן, וועלכער איז געווען אנגעטהאן מיט א לאנגען פאל־טא און מיט א פאר קנאקעדיגע שטיוועל.

„איך פיהר דיך אצונד צו א זעהר גרויסען, אנגעזעהענעם מאן, וועמען די גאנצע שטאדט וויים צו שעצען,“ האט דער בופעטשיק איינ־גע'טענה'ט מיט איליא'ן. — „צו קיריל איוואניטש סטראגאני... פאר זיין גוט הארץ און פאר זיינע צדקות האט ער מעדאלען געקראגען, און נאך מעהר! ער האט א דעה אין דער דומע, און ווער וויים? אפשר וועט ער גאר אמאל זיין איינער פון די שטאדט־בעלי בתים! דיען איהם געטריי און עהרליך, און ער וועט שוין דערפאר עפעס מא־כען פון דיר!... דו ביסט אן ערנסט אינגעל, ניט דער מאמע'ס גע־פעסטעטער בן יחיד'ל... א מענשען א טובה צו טהאן, איז ביי איהם אקוראט ווי אויסשפייען...“

איליא האט זיך צוגעהערט צו פעטרוכא'ס רייד און האט זיך געזוכט צו מאכען א בילד פון'ם סוחר סטראגאני. ער האט זיך עפעס פארגעשטעלט, אז דער קופעץ דארף אויסזעהן אזוי ווי זיידע יערע־

www.libtool.com.cn



מעי — אז ער מוז זיין פונקט אזוי אויסגעדארט, אזוי גוט־הארציג און אזוי פראַסט ביי זיך. אז ער איז אבער אריינגעקומען אין פיש־מאַגאזין, האָט ער דארט, הינטער'ן שרייב־טיש, דערזעהן א גרויסען מאַן מיט א געזונדען, אָבגעפרעסענעם בויך. אויפ'ן קאָפּ האָט ער שוין קיין איין איינציגע האר ניט געהאַט, דערפאר איז כמעט דאָס גאנצע געזיכט זיינס, פון די אויגען ביז'ן האלז, געווען בעדעקט מיט א געדיכטער, רויטער באָרד. אויך די ברעמען זיינע זיינען געווען געדיכט און רויט, און אונטער זיי זיינען ארומגעלאָפען אהין און אהער א פּאָר קליינע, גרינעוואַטע אויגעלעך, וועלכע האָבען געשאָסען מיט פייער פאר כעס.

„פערנייג דיך!“ האָט פּעטרוכא שטילערהייט א זאָג געטהאָן צו איליא'ן, און בשעת מעשה האָט ער מיט די אויגען א וואונק געטהאָן צום מאַן מיט דער רויטער באָרד. ענטטווישט האָט איליא אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ איבער דער ברוסט.

„ווי הייסט ער?“ האָט אָבגעקלונגען א טיעפע באַס־שטימע איבער'ן גאנצען מאַגאזין.

„איליא איז זיין נאָמען!“ האָט פּעטרוכא געענטפערט.

„נאָ, איליא, עפען מיר נור אקאָרשט די אויגען און גיב אכטונג! אצונד האָסט דו מעהר קיינעם ניט, קיינעם ניט אויף דער וועלט! אויסער דיין בעל הבית! ניט קיין קרובים און ניט קיין בעקאַנטע — פערשטעהסט? איך בין דיר טאַטע און מאַמע — ווייטער האָב איך דיר גאָרנישט צו זאָגען...“

איליא האָט בגנבה נעבאָפּט א קוק איבער'ן סקלאד. אין קערב מיט אייז זיינען געלעגען אונגעהייער גרויסע פיש; אין פּאָליצעס ביי די ווענד זיינען געווען אָנגעפּאקט גאנצע שורות פון קאָרפען און געטריקענטע סאָרטען פיש און אומעטום, וואו מען האָט נור געוואָרפען אן אויג, האָבען געבלאַנקט בלעכענע פּושקעס. א שטאַרקער, געזאַלצענער ריח האָט אָנגעפילט די לופט, און עס איז געווען שטיקענד, ענג און פייכט אין מאַגאזין. אין גרויסע בעקענס, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער ערד, האָבען לאנגזאם און שטיל ארומגעשוואומען אלע סאָרטען לעבעדיגע פיש. אין איינער פון די כלים האָט זיך א קליינער העכט מיט עזות געפּליושקעט אין וואסער, האָט געשטויסען די אנדערע

www.libtool.com.cn



פיש, געקלאפּט מיט'ן עק און פערשפּריצט א גאנצע שטיק ערד ארום זיך. איליא האט רחמנות געהאט אויף דעם ארעמען יונג.

איינער פון די קאמים — א קלײנער, דיקער מענש מיט קײלעכ־דיגע אויגען און אן אײנגעבויגענע נאז ווי א האטשיק, וועלכער איז שטארק עהנליך געווען צו א רויב־פויגעל — האט איליא'ן געהייסען ארויסנעהמען די אבגעשטארבענע פיש פון בעקען. דער אינגעל האט זיך פערקאשערט די ארבעל און זיך אריינגעלאזען מיט די הענד, עפּעס אזוי ווי אויף „קידוש השם", אין וואסער אריין.

„ביי די קעפּ נעהמט מען זיי אן, דו דומקאפּ!" האט דער קאמי געזאגט שטילערהייט. אפּטמאל האט זיך געמאכט, אז איליא האט על פּי טעות געפּאקט א לעבעדיגען פיש, וועלכער איז געלעגען רוהיג אין וואסער. דער פיש האט זיך דאן ארויסגעגליטשט פון איליא'ס פינגער, האט זיך גענומען פּליושקען אין וואסער און ענדליך זיך אנ־געשלאגען מיט'ן קאפּ אן וואנד פון בעקען.

„לעבעדיגער, לעבעדיגער!" האט דער קאמי געקאמאנדעוועט.

אבער זיך פארענדיג מיט די פיש, האט זיך איליא פערשטאכען א פינגער, און ער האט איהם אריינגעשטעקט אין מויל און גענומען זויגען, אום אײנצושטילען דעם ווייטאג.

„ארויס נעהם דעם פינגער פון מויל!" האט זיך געלאזט הערען דעם בעל הבית' באס־שטימע.

דערנאך האט מען דעם אינגעל געגעבען א גרויסע, שווערע האק און מען האט איהם געהייסען אראבגעהן אין קעלער און דארט צוקלא־פּען די אונגעהייערע גרויסע שטיקער אייז אויף קלענערע שטיקלאך. די אייז שפּריצלאך זיינען איהם געשפּרונגען אין פּנים, האבען זיך ארײנגע'גנב'עט ביי איהם אונטער'ן קאלנער; ס'איז געווען קאלט און פינסטער אין קעלער און די האק האט זיך אלע ווײלע אנגעשלאגען אן דער סטעליע, וואס איז געהאנגען איבער איליא'ס קאפּ. אין א פּאר מינוטען ארום איז איליא ארויפגעקומען פון קעלער, פון אויבען ביז אונטען נאס אזוי ווי א האהן.

„איך האב דארט צובראכען עפּעס א גלאז..." האט ער ערקלעהרט דעם בעל הבית.

www.libtool.com.cn



דער בעל הבית האָט זיך אַ ווײַלע אײַנגעקוקט אין איהם און האָט זיך אָבגערופען:

„דאָס ערשטע מאָל שענק איך דיר — און דערפאַר, ווײַל דו האָסט עס אַליין אויסגעזאָגט... אַ צווייטען מאָל — וועל איך דיר די אויערן אויסרייסען...“

גאַנץ מעכאַניש האָט זיך איליאַ ביסלעכווײַז אײַנגעלעבט אין זײַן נײַער לאַגע — פּונקט ווי אַ קליין שרײַפעלע פּאַסט זיך אַרײַן אין אַ גרויסער, טומעלדיגער מאַשין. ער פלעגט אויפשטעהן פיניף אַזייגער אין דער פריה, פלעגט אָבפּוצען די שטיוועל פון זײַן בעל הבית, פון דער גאַנצער פאַמיליע און אפילו פון די קאָמים אויך. דערנאָך פלעגט ער אָוועקגעהן אין קלייט, דאָרט אויסקעהרען, אויפראַמען און אָבוואַ־שען די טישען און די וואַג־שאָלען. אַז עס פלעגען אַרײַנקומען קונים, האָט זיי איליאַ דערלאַנגט די סחורה, וואָס זיי האָבען פערלאַנגט, דער־נאָך פלעגט ער זי אָבטראָגען צו זיי אין די הייזער. דאָס פלעגט גע־וועהנליך נעהמען ביז מיטאָג־צייט, ווען ער פלעגט געהן אַהיים עסען. נאָכמיטאָג איז ניט געווען פיעל וואָס צו טהאָן, און אַז מען האָט איהם ניט געהאַט וואו צו שיקען, פלעגט ער שטעהן בײַ דער טהיר פון מאַגאַזין, בעטראַכטען דעם גאַנצען יאַריד, וואָס טהוט זיך אין גאַס, און בײַ איהם אין קאָפּ האָבען זיך אַרומגעדרעהט מאָדנע גע־דאַנקען. וויפיעל מענשען עס זײַנען דאָס פאַראַן אויף דער וועלט, און וואָס פאַר אַן אונגעהייערע מאַסע פון פיש, פלייש און פרוכט זיי פער־צעהרען עס!... איינמאָל ווענדעט ער זיך צום קאָמי, וואָס האָט גע־האַט אַ פּנים ווי אַ רויב־פויגעל:

„מיכאַאיל איגנאַטיטש!...“

„נו—וואָס ווילסט דו?“

„וואָס פאַרט וועלען די מענשען עסען, ווען אַלע פיש וועלען זײַן אויסגעפאַנגען און אַלע בהמות אויסגעקוילעט?“

„דומקאָפּ!“ האָט איהם דער קאָמי געענטפערט.

אַן אַנדערם מאָל האָט איליאַ גענומען אַ בלאַט פון טיש, האָט זיך אַנידערגעשטעלט בײַ דער טהיר פון קלייט און גענומען לייענען. דער קאָמי אָבער האָט איהם אַרויסגעריסען די צייטונג פון האַנד,

www.libtool.com.cn



איהם דערלאנגט א רוק איבער דער נאָז און מיט א פּרעכען טאָן האָט ער געזאָגט:

„ווער האָט עס דיר ערלויבט, הא? עזעל!..“

דער דאָזיגער קאָמי איז איליא'ן כלל ניט געפעלען. אז ער האָט גערעדט מיט'ן בעל הבית, פלעג ער כמעט ביי יעדען וואָרט, וואָס איז איהם ארויס מויל, געבען עפּעס אן אונטערטהעניגען פּייף מיט די צייהן, אָבער הינטער'ן רוקען האָט ער דעם קופּיעץ סטראָגאָני שטענדיג גערופען שווינדלער, חונף און רויטער טייוועל. יעדען שבת־צונאכט אָדער ערב יום טוב, ווען דער בעל הבית איז געפאָהרען א'ין קירכע, איז צום קאָמי אַלע מאָל געקומען אן אנדער גאסט: זיין פרוי אָדער זיין שוועסטער, און ער האָט זיי דאן דערלאנגט א גאנצען פּעקעל מיט פיש, קאוויאר און מאַרענירטע זאכען. איבערהויפּט האָט דער קאָמי ליעב געהאט צו מאכען שפּאס און אָבצונארען די בעטלער, צווישען וועלכע עס זיינען געווען אזעלכע אלטע לייט, וואָס האָבען איליא'ן דערמאָנט אָן זיידע יערעמעי'ן. אז אזא אלטיטשקער פלעגט צוקומען צום טהיר פון קלייט און מיט אן איינגעבויגענעם קאָפּ בעטען עפּעס א נדבה, האָט דער קאָמי אָנגענומען א קליין פישעל ביים קאָפּ און עס דערלאנגט דעם אָרעמאן. אזוי גיך ווי דער בעטלער האָט עס נאָר אָנגענומען אין האנד האָט ער זיך פערקרימט פון שמערץ. די שארפע שופּען פון'ם פיש'ס רוקען האָבען זיך איינגעשטאָכען אין זיין האנד און האָבען איהם געמאכט בלוט. דערזעהענדיג די שמערצליכע מיענע, וואָס דער אָרעמער מענש פלעגט מאכען, פלעגט דער קאָמי ארויספּלאצען מיט א ווילדען געלעכטער און מיט צאָרן פלעגט ער זיך צובייזערן:

„וואָס זשע! דו ווילסט ניט? ס'איז צו וועניג פאר דיר? טראָג זיך שוין אָב פון דאנען!..“

איינמאָל האָט אן אלטע בעטלערין שטילערהייט גענומען א געטריקענטען פיש און האָט איהם בעהאלטען אין איהרע שמאטעס. דער קאָמי האָט עס דערזעהן, האָט ער דער אלטער אָנגעכאפּט ביי דער האנד, האָט אָבגענומען ביי איהר דעם גע'גנב'עטען פיש, דערנאָך האָט ער איהר אראָבגעדריקט דעם קאָפּ מיט דער לינקער האנד, און מיט דער רעכטער האָט ער איהר געשלאָגען איבער'ן געזיכט אָהן רחמנות.

www.libtool.com.cn



זי האָט קיין קוויטש ניט געגעבען, קיין וואָרט האָט מען פון איהר ניט געהערט. שטילערהייט, מיט אן איינגעבויגענעם קאָפּ איז זי זיך ארוים אין דרויסען, און איליא האָט געזעהן, ווי פון איהר צושלאָגענעם נאָז לאָזען זיך אראָב צוויי שטראָמען שווארצע בלוט.

„האָסט געהאַט דיין חלק, הא?" האָט זיך נאָך דער קאָמי גע־רייצט מיט איהר.

און זיך ווענדענדיג צום צווייטען קאָמי קאַרפּ, האָט ער געזאָגט:

„איך האָב זיי פיינט, אָט די בעטלער־באַנדע!... איינפּאַכע גנבים זיינען זיי! געהען ארום בעטלען — און זיינען זאַט דערביי! נישקשה, זיי ווייסען שוין גאָר גוט, ווי צו לעבען... קריסטוס'עם ברידער רופט מען זיי. און וואָס בין איך אזוינס קריסטוס'עם? א פרעמדער אפשר? איך דרעה זיך און קריך מיין לעבען לאַנג ארום אזוי ווי א וואָרים אין דער זון — און געפין ניט קיין רוה, כ'וועל פון קיינעם ניט רעס־פּעקטירט..."

דער צווייטער קאָמי, קאַרפּ, איז געווען א שטילער, פרומער מענש. גערעדט האָט ער רק פון קירכען, קירכען־זינגער און דעם גאָטעס־דיענסט, און יעדען שבת־צו־נאַכט איז ער געווען זעהר אונרוהיג, וואָס ער קען ניט קומען צו דער צייט אין קירכע, צו דעם אָבענד־געבעט. אויסערדעם האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אַלע סאָרטען שווארצ־קינסטלעריי, און אז אין שטאָדט פלעגט נור אראָבקומען עפּעס א „מאַגיקער" אָדער א „צויבער־קינסטלער", איז קאַרפּ געווען פון די סאַמע ערשטע צו לויפען זעהן זיין שווארצע גבורה... ער איז געווען הויך, מאָגער און זעהר פלינק. ווען דער מאַגאַזין פלעגט פול ווערען מיט קונים, האָט זיך קאַרפּ געוואוסט, ווי אזוי דורכצושפּארען אזוי ווי א שלאַנג צווישען זיי; פאַר יעדען איינעם האָט ער א שמייכעל געהאַט, מיט יעטוועדען האָט ער געפּלוידערט, און בשעת מעשה פלעגט ער וואָרפען אן אויג אויף דער גרויסער געשטאַלט פון זיין בעל הבית, אזוי ווי ער וואָלט איהם געוואָלט ווייזען וואָס פאַר א כוואַטס־קער בחור, וואָס פאַר א בריה ער איז. אויף איליא'ן האָט קאַרפּ געקוקט מיט פעראַכטונג, און דער אינגעל האָט איהם ווידער אויך ליעב געהאַט פון ווייטען... דערפאַר האָט דער בעל הבית נושא חן געווען ביי איליא'ן אין די אויגען. פון אין דערפריה ביז ביינאַכט איז

www.libtool.com.cn


ער געשטאַנען הינטער זיין פּערקויף־טיש. אַלע ווייַלע פּלעגט ער עפענען דאָס טישקעסטעל און אַריינוואַרפען אַהין דאָס געלד. איליא האָט בעמערקט, אַז ער טהוט עס גאַנץ קאַלטבלוטיג, אָהן זשעדנעקייט און דאָס האָט איהם פערשאַפט אַ גרויס פערגניגען. עס איז איהם אויך געווען אַנגענעהם וואָס דער בעל הבית האָט מיט איהם עפּטער און פריינדליכער גערעדט ווי מיט די קאָמים. אין די שטילע גע־שעפטס־שטונדען, ווען עס זיינען קיין קונים ניט געווען, פּלעגט דער בעל הבית עפּטערס פערבינדען אַ שטיקעל שמועס מיט איליא׳ן, וועל־כער איז געשטאַנען פערטראַכט ביי דער טהיר פון מאַגאַזין:

„הע, איליא — דו שלאָפסט?“

„ניין...“

„אַזוי, אַזוי... פאַר וואָס זשע ביסט דו שטענדיג אַזוי ערנסט?“

„איך... ווייס אַליין ניט...“

„ס׳איז דיר אפנים לאַנגווייליג דאָ, ווי?“

„יאַ—אַ!..“

„נו, נישקשה — לאַנגווייליג זיך נור! אויך איך האָב זיך פריהער גענוג געלאַנגווייַלט... פון נייַנטען ביז צום צוויי־און־דרייסיגסטען יאָהר פון מיין לעבען האָב איך זיך צווישען פרעמדע מענשען געלאַנגווייַלט... און איצט איז שוין דריי און צוואַנציג יאָהר, אַז איך קוק זיך צו, ווי אַנדערע לאַנגווייַלען זיך...“

און דערביי האָט ער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגען:

„ס׳איז פערפאַלען, אַנדערש קען עס שוין גאָר ניט זיין!“

נאָך אַזעלכע צוויי, דריי געשפּרעכען, האָט זיך ביי איליא׳ן אין מוח געיאַוועט אַ פראַגע, וואָס האָט איהם ניט אויפגעהערט צו מו־טשען: פאַר וואָס פערברייַנגט אָט דער רייכער, אַנגעזעהענער מאַן דעם גאַנצען טאָג אין דעם שמוציגען מאַגאַזין, איינאָטהעמענדיג אין זיך דעם שלעכטען, אונאַנגענעהמען גערוך פון די געזאַלצענע פיש, אַז ער האָט אַזאַ גרויס, ריין הויז? אַ מערקווירדיגעס הויז איז דאָס גע־ווען. אַלצדינג איז דאָרט צוגעגאַנגען עפּעס אַזוי אין אָרדנונג, און שטרענג און גאַנץ שטיל איז דאָרט געווען. און כאָטש אויף ביידע עטאַזשען האָבען אַ חוץ דעם בעל הבית, זיין פרוי און זיינע דריי

www.libtool.com.cn



טעכטער קיין אנדערע מענשען ניט געוואוינט, אויסער א קעבין, וואס האט אויך אין דערזעלבער צייט געדיענט אלס דיענסט־מיידעל, און א משרת. וואס האט אויך פערטרעטען די שטעלע פון א קוטשער — פונדעסטוועגען איז פארט געווען ענג דארט. אלע איינוואוינער פון הויז האבען שטענדיג גערעדט שטיל, און אז זיי פלעגען דארפען אריבער־געהן דעם ברייטען, רייגעם הויף, פלעגען זיי זיך אלע צושפארען צו דער וואנד, געהן אן א זייט, פונקט ווי זיי וואלטען מורא געהאט צו טרעטען אויפ׳ן אפענעם ברייטען הויף. אז איליא האט דאס דאזיגע רוהיגע, סאלידע הויז פערגליכען מיט פעטרוכא׳ס געביידע, איז ער עפעס גאר ניט ווילענדיג געקומען צום שלום, אז ביי פעטרוכא׳ן אין הויז לעבט זיך פארט בעסער, כאטש דארט געהט עס צו אזוי ארעם, אזוי טומעלדיג און אזוי שמוציג. ער האט זיך אליין געוואונדערט, ווי אזוי ער האט געקענט קומען צו אזא שלום און עס האט זיך איהם גאר ניט געגלויבט. אבער וואס ווייטער האט דער דאזיגער געדאנק אלץ מעהר בעשעפטיגט זיין מוח, און דער פאקט, אז דער בעל הבית גופא לעבט אזוי ווייניג ביי זיך אין הויז, האט איהם נאך בעפעסטיגט אין זיין פארשטעלונג. ווי גערן וואלט ער געווען צו פרעגען דעם רייכען סוחר, פאר וואס ער בריינגט צו דעם גאנצען טאג אין דער אונרוהיג־קייט, אין׳ם ליארם און הו־הא פון מארק און ניט אין זיין הויז, וואו עס איז דאך אזוי שטיל, אזוי פריעדליך!

איינמאל, ווען קארפ איז אוועק ערגעץ אויף א שליחות און מי־כאאיל איז געווען אונטען אין קעלער, וואו ער האט צונויפגעקליבען פערפוילטע פיש אויף צדקה פאר ארעמע לייט, האט דער בעל הבית ווידער פערבונדען א שמועס מיט איליא׳ן, און ריידענדיג האט זיך דער איינגעל ארויסגעכאפט מיט זיין לאנג־צוגעגרייטער פראגע:

„איהר וואלט דאך שוין געקענט אויפגעבען אייער געשעפט, קי־ריל איוואנאוויטש!... איהר זייט דאך אזוי רייך... ביי אייך אין דערהיים איז אזוי שעהן, אזוי גרויסארטיג, און דא... אזוי סקוטש־נע..."

סטראגאני האט ארויפגעלייגט ביידע עלענבויגענס אויפ׳ן פולט, האט אנגעשפארט זיין שטערן דערויף און מיט אויפמערקזאמע בלי־קען האט ער בעטראכט זיין לעהרען־איינגעל. — דעם סוחר׳ס רויטע

www.libtool.com.cn



בארד האט בשעת מעשה מאדנע געציטערט און זיך בעוועגט ארויף און אראב.

„נו?“ האט ער געפרעגט, ווען איליא איז שטיל געבליבען. „איז דאס אלץ, וואס דו האסט געוואלט זאגען?“

„יא...“ האט איליא געענטפערט צומישט און מיט אנגסט אין הארצען.

„קום נור אקארשט אהער!...“

איליא איז צוגעגאנגען נעהנטער צום פולט. סטראגאני האט איהם אנגענומען פאר דער מארדע, האט איהם אויפגעהויבען דעם קאפ און מיט האלב פערמאכטע, קליינע אויגען האט ער איהם ארייגעקוקט גלייך אין געזיכט אריין. דערנאך האט ער געפרעגט:

„האט עס דיר אימיצער געזאגט, אדער דו האסט פון זיך אליין אויסגעטראכט?“

„פון זיך אליין, ביי גאט!...“

„אז—זוי!... ווען דו האסט עס פון זיך אליין אויסגעדענקט, דאן, מאכט ניט אויס... אבער איך וועל דיר וואס זאגען: ווייטער זאלסט דו זיך ניט דערוועגען מיט מיר, דיין בעל הבית — פערשטעהסט? דיין בעל הבית — אזוי צו ריידען! געדיינק זשע וואס מען זאגט דיר — און איצט געה צו דיין ארבייט!...“

און אז קארפ איז געקומען צוריק פון גאס, האט דער בעל הבית פלוצלונג, סתם אזוי אין דער וועלט אריין, אנגעפאנגען מיט איהם צו ריידען„ און קוקענדיג פון דער זייט אויף איליא'ן, אזוי אז ער זאל עס בעמערקען, האט ער געזאגט:

„דער מענש מוז זיין גאנץ לעבען לאנג עפעס האבען א שטיקעל געשעפט — זיין גאנץ לעבען לאנג!... ווער עס בעגרייפט דאס ניט, איז א דומקאפ. ווי אזוי קען מען גאר לעבען, אז מען טהוט ניט באטש וואס עס איז? א מענש, וואס איז ניט ארייגעטהאן אין זיין געשעפט מיט'ן גאנצען הארצען, מיט דער גאנצער נשמה זיינער, איז א לא יוצלח, ער טויג צו גאר נישט...“

„זעהר ריכטיג, קיריל איוואנאוויטש!“ האט דער קאמי געענט־פערט, און בשעת מעשה האט ער זיך ארומגעקוקט אין סקלאד, אזוי ווי ער וואלט געזוכט עפעס א בעשעפטיגונג, מיט וואס זיך צו פער־

www.libtool.com.cn



נעהמען. איליא האָט אנגעקוקט דעם בעל הבית און איז אריינגעפאלען אין א ים פון מחשבות. אלץ לאנגווייליגער איז איהם געוואָרען דאָס לעבען מיט די דאָזיגע מענשען. ווי לאנגע גראָע פעדים, וואָס וויקלען זיך אָב פון א בעהאלטענעם, אונזיכטבארען גרויסען קנויל, אזוי האָבען זיך געצויגען די טעג, איינער נאָכ'ן צווייטען. און דעם אינגעל האָט זיך אויסגעדוכט, אז עס וועט גאָר קיין סוף און קיין עק ניט נעהמען צו די טעג, אז ער וועט אָט אזוי זיין גאנץ לעבען לאנג שטעהן דאָ ביי דער טהיר פון מאגאזין און הערען דעם שרעקליכען גערויש פון מארק. אָבער זיין נאָכדיינקען, זיין קריטישער בליק, וואָס האָט שוין פריהער ערוואכט אין איהם דורך די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט, איז ניט אָבגעשוואכט געוואָרען דורך דעם דאָזיגען פערשלעפערנדען, מאָנאָטאָנעם לעבען, נאָר עס האָט זיך אין איהם כסדר אויסגעארבייט ווייטער. דעם אינגעל'ס זעעלע האָט אויפגענומען וואָס ווייטער אלץ נייע איינדריקע, וועלכע האָבען געגעהרט אין איהם און אנגעפילט זיין קאָפּ מיט א טומאן פון פארשטעלונגען וועגען אלצדינג. וואָס האָט זיך אָבגעטהאָן ארום איהם. ער האָט ניט געהאט קיין מענשען, מיט וועמען אויסצוטוישען זיינע געדאנקען און ער האָט זיי דארום פערבאָרגען טיעף ביי זיך אין ברוסט. זיי זיינען געווען פיעל, זעהר פיעל, די געדאנקען זיינע, און געקוועלט, געמוטשעט האָבען זיי איהם. זיי זיינען בעצויגען געווען מיט א טומאן, צונויפגעשמאָלצען אין איינעם, און ווי א שווערער שטיין זיינען זיי איהם געלעגען אויפ'ן הארצען. צייטענווייז האָט דאָס ערנסטע, שטילע אינגעל געהאט אזא הארצווייטאָג צוצוזעהן די מיאוס'ע מעשים פון די מענשען, אז עס האָט זיך איהם געוואָלט צומאכען די אויגען און אוועק ווייט, ווייט— נאָך ווייטער ווי פאשקא גראַטשעוו איז געגאנגען — אום קיינמאָל מעהר ניט צוריקצוקומען אהער, אין דער גרויער לאנגווייליגקייט.

אין די ימים טובים פלעגט מען איהם שיקען אין קירכע. פון דאָרט איז ער יעדעס מאָל צוריקגעקומען מיט א מאָדנעם געפיהל, עפּעס אזוי ווי זיין הארץ וואָלט דאָרט, אין גאָט'ס הויז, ריינגעוואשען געוואָרען אין אן אנגענעהמער, וואָרעמער פליסיגקייט. דעם פעטער האָט ער אין א משך פון א האלב יאָהר צייט צוויי מאָל בעזוכט. דאָרט איז אלץ צוגעגאנגען אויפ'ן אלטען שטייגער. דער הויקער איז וואָס ווייטער

www.libtool.com.cn



אלץ מאגערער געווארען. און פעטרוכא האט אלץ שטארקער געפייפט. אין דער צייט וואס זיין פנים, וועלכער האט פריהער געגלאנצט מיט א ראזעווען קוליר, האט אצונד אין גאנצען אויסגעזעהן רויט. יאקאוו האט זיך געקלאגט פאר איליא'ן, אז זיין פאטער דערגעהט איהם די יאהרען.

„רק ער ברומט: „מוזט אמאל זיך נעהמען צו עפעס רעכטס... א ביכער־ווארים דארף איך אויף כפרות...“ אבער וואס זאל איך טהאן. אז עס ווערט מיר נמאס ומאוס צו שטעהן הינטער'ן בופעט? קיין אנדער זאך ניט, נור ליארם, קריגעריי און קולות ביז'ן הימעל... די אייגענע ווערטער, וואס מען ברייננגט ארוים פון מויל, פערשטעהט מען ניט!... איך זאג איהם: גיב מיר אוועק ערגעץ־וואו אין דער לעהרע... פיליכט אין א מאגאזין פון הייליגע בילדער... דארט איז ניטא פיעל צו טהאן, און איך האב זיי ליעב, די הייליגע בילדער...“

יאקאוו'ס אויגען האבען געהאט א טרויעריגען גלאנץ, די הויט אויף זיין שטערן איז געווען מאדנע געל און האט געגלאנצט ווי דער פליך ביי זיין טאטען אויפ'ן קאפ.

„איהר לייענט נאך אלץ ביכער?“ האט איליא געפרעגט.

„נו, געווים... דאס איז נאך מיין איינציג שטיקעל פרייד... כל זמן איך לייען, קומט מיר פאר, עפעס אזוי ווי איך וואלט געווען אין אן אנדער שטאדט... און אז דאס בוך איז צו ענד — דעמאלט פיהל איך, עפעס אזוי ווי מען וואלט מיך ארונטערגעשליידערט פון א קירכ־טהורם...“

איליא האט איהם אנגעקוקט און געזאגט:

„ווי אלט דו ביסט געווארען... און וואו איז ערגעץ מאשוטקא?“

„אין דער פאלקס־קיך איז זי געגאנגען, א נדבה בעטען. איצט קען איך איהר קיין סך ניט העלפען, דער טאטע גיט צו פיעל אכ־טונג... און פערפישקא איז כסדר קראנק... דערפאר האט מאשקא גע־מוזט געהן אין דער פאלקס־קיך... בארשטש ווער מען איהר דארט געבען און נאך עפעס... מאטיצא העלפט איהר אויך אביסעל... מוז זיך געבען זעהר קווענען, די ארעמע מאשא...“

„ס'איז, הייסט עס, דא ביי אייך אויך סקוטשנע?“ האט איליא געזאגט פערטראכט.

www.libtool.com.cn



„וואָס זשע! ביי דיר אין געשעפט איז דען סקוטשנע?“
„שרעקליך!... איהר האָט כאָטש ביכער... און ביי אונז אין גאַנצען הויז איז פאַראַן נאָר איין איינציג בוך: „דער נייעסטער צוי־בערער און שוואַרץ־קינסטלער.“ ליגט ער שטענדיג ביים קאָמי אין קופּערט. אָבער דו מיינסט אפשר, ער אַנטלייהט מיר איהם. דער זשור־ליק?... ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן... אָט אפנים, ס'גערעהט אונז ביידען ניט אם בעסטען, ליעבער פריינד...“
„אזוי ווייזט עס ווירקליך אויס, ברודער...“
זיי האָבען נאָך געפּלוידערט אַ ווייל׳ע און זיך דערנאָך אָבגעזע־געגט איינער מיט׳ן צווייטען — ביידע פערטראַכט און טרויעריג. אויף אַזאַ אופן זיינען אריבער נאָך אַ פּאָר וואָכען. מיט אַמאָל האָט פּאַסירט עטוואָס, וואָס האָט געמאַכט אַ פּלעצליכע ענדערונג אין איליאַ'ס לעבען. איינמאָל, אין אַ דער פריה, ווען די קלייט איז געווען פול מיט קונים, האָט דער בעל הבית מיט אַמאָל אָנגעהויבען זוכען עפּעס אויף זיין אַרבייטס־טיש. דער שטערן איז איהם געווען רויט ווי פייער פון צאָרן און די אָדערן אויף זיין האַלז זיינען איהם אויפגע־שוואָלען געוואָרען.
„איליאַ!“ האָט ער געשריגען — „דערלאַנג נור אַ קוק אויף דער ערד... אויב עס ליגט ניט דאָרט אַ צעהן־רובעלדיגער...“
איליאַ האָט פריהער אַ קוק געגעבען אויפ'ן סוחר, דערנאָך האָט ער אויף גיך אַראָבגעלאָזען די אויגען אויף דער ערד און האָט רוהיג געזאָגט:
„ניין, עס ליגט גאַרנישט דאָ...“
„איך זאָג דיר, זוך ווי ס'געהער צו זיין!“ האָט זיך דער בעל הבית געבייזערט אויף איהם מיט זיין באַס־שטימע.
„איך האָב דאָך שוין געזוכט...“
„המ... וואָרט אַקאָרשט, דו איינגעשפּאַרטער יונג דו!“ האָט איהם דער סוחר געסטראַשעט.
אַז די קונים זיינען אַרויס פון מאַגאַזין, האָט ער צוגערופען איליאַ'ן צו זיך, האָט אָנגענומען מיט זיינע קרעפטיגע, דיקע פינ־גער דעם אינגעל'ס אויער און האָט עס געדרעהט אהין און אהער, לערנענדיג מיט איהם דרך ארץ:

www.libtool.com.cn



„אז מען הייסט זוכען — זוכט מען, אז מען הייסט זוכען—זוכט מען...“

איליא האט זיך מיט אלע כחות אנגעשפארט מיטביידע הענד אן דעם בעל הבית בויך, האט ארויסגעצויגען זיין אויער פון צווישען זיינע פינגער און ציטערנדיג פאר אויפרעגונג האט ער אויסגעשריגען אין דער הויך:

„פארוואס שלאגט איהר מיך? דאס געלד האט מיכאאיל איג־נאטיש אין געהיים צוגענומען — נו יא! עס ליגט דארט ביי איהם אין דער לינקער קעשענע פון זיין וועסטעל...“

דעם קאמי'ס רויב־פויגעל־געזיכט האט זיך פלוצלונג אויסגע־צויגען, עס האט אנגענומען א דערשלאגענעם אויסדרוק און אנגעפאנ־גען צו ציטערן. און מיט אמאל האט ער אויסגעשטרעקט זיין רעכטען ארעם און דערלאנגט איליא'ן א זעץ איבער'ן אויער. דאס אינגעל האט דערלאנגט א קוויטש, איז אנידערגעפאלען אויף דער ערד און וויינענדיג, אויף אלע פיער, איז ער פערקראכען אין א ווינקעל פון קלייט. אזוי ווי אין חלום האט ער געהערט דעם בעל הבית מורא'דיגע שטימע:

„שטעה! וואוהין? דאס געלד גיב אהער!...“

„אבער ער לייגט—ס'א ליגען!...“ האט זיך געהערט דעם קא־מי'ס קוויטשיגער קול.

„קום אקארשט אהער...“

„ביי גאט.. איך...“

„כ'וואדף דיר די געוויכטען אין קאפ!...“

„קיריל איוואניטש... ס'איז מיין געלד!... דער שלאג זאל מיך טרעפען...“

„האלט ס'מויל!...“

דאן איז געווארען שטיל. דער בעל הבית איז אריין צו זיך אין צימער, און גלייך נאכדעם האט מען פון דארט געהערט דעם גערויש פון די קוילען ביים רעכענברעט. איליא איז געזעסען אויף דער ערד, האט זיך געהאלטען מיט די הענד פאר'ן קאפ און געקוקט מיט אויגען פול האס אויף'ן קאמי, וועלכער איז געשטאנען אין א צווייטען

www.libtool.com.cn


ווינקעל פון מאַגאַזין און האָט פון זיין זייט געוואָרפען בייזע בליקען אויפ׳ן אינגעל.

„נו, דו לומפּ איינער — האָסט נישקשה׳דיג געקראַגען פון מיר, הא?“ האָט ער געפרעגט אין דער שטיל און האָט בשעת מעשה אויס־געטשירעט די צייהן.

איליא האָט געצויגען מיט די אַקסלען און געשוויגען.

„וואַרט, איך וועל דיר נאָך באַלד... געבען א נדוזשניע אויך!“

דער קאָמי האָט זיך לאַנגזאַם צוגעלאָזט צום אינגעל. און האָט איהם אַריינגעקוקט מיט זיינע קיילעכדיגע, רשעות׳דיגע אויגען גלייך אין געזיכט אַריין. איליא אבער האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד, האָט שנעל א כאַפּ געטהאָן פון טיש א לאַנגען, שמאָלען מעסער און געזאָגט:

„קום אַקאָרשט אהער!“

דאָ איז דער קאָמי געבליבען שטעהן, מיט זיינע אויסגעגלאָצטע אויגען האָט ער אָבגעמאָסטען איליא׳ס הויכע, קרעפטיגע געשטאַלט מיט די לאַנגע אָרעמס און מיט דעם מעסער אין איין האַנד, און מיט פּעראַכטונג האָט ער געמורמעלט:

„פּאַה, דו... אַרעסטאַנטעל!...“

„נו, קום זשע שוין אהער, אהער קום!“ האָט דאָס אינגעל ווי־דערהאָלט און איז איהם אנטקעגען געגאַנגען א טריט. פאַר איליא׳ס אויגען האָט זיך אַלצדינג געדרעהט אזוי ווי אַראַד, כאָר אין זיין ברוסט האָט ער געפיהלט א גרויסע קראַפט, וואָס האָט איהם געטריבען און געשטופּט פאָראויס.

„לייג אוועק דאָס מעסער!“ האָט זיך געלאָזט הערען דעם בעל־הבית קול.

איליא האָט זיך שטאַרק דערשראָקען, דערזעהענדיג די רויטע באָרד און דאָס בלוט־אַנגעלאָפענע געזיכט פון׳ם רייכען סוחר, דאָך האָט ער זיך ניט געריהרט פון אָרט.

„דאָס מעסער זאָלסט דו שוין אוועקלייגען, זאָג איך!“ האָט סטראָגאַני ווידערהאָלט שטילער ווי פריהער.

איליא, וועלכער האָט אזוי ווי געשוואוּמען אין א געדיכטען טו־מאַן, האָט אוועקגעלייגט דאָס מעסער צוריק אויפ׳ן טיש. דערנאָך

www.libtool.com.cn



האַט ער זיך צוכליפּעט אויפ'ן קול און האַט זיך ווידער אנידערגעזעצט אויף דער ערד. עס האַט איהם אָנגעהויבען שווינדלען פאר די אויגען, ער האַט דערפיהלט א מורא'דיגען שמערץ אין קאָפּ, אחוץ דעם ווייטאַג פון זיין פערוואונדעטען אויער, וועלכער האַט איהם שטאַרק דערקוטשעט. א שווערער דרוק, אזוי ווי א שטיין, וואָס איז איהם געלעגען אויף דער ברוסט, האָט איהם פערשטיקט דעם אָטהעם, פערהאַלטען זיין פּולס און איז איהם ארויף לאנגזאם אין האַלז, אָבנעהמענדיג זיין לשון. עפּעס אזוי פון ערגעץ וואו גאַנץ ווייט פון מאַגאַזין האַט אין זיינע אויערען אָבגעקלונגען דעם בעל הבית' שטימע:

„אַט האַסט דו דיין חשבון, מישקא..."

„אָבער ערלויבט..." האַט דער קאַמי געזוכט זיך צו פערענטפערן.

„טראַג זיך שוין אָב פון דאנען! אניט רוף איך די פּאָליציי..."

„גוט, איך געה שוין... אבער אויפ'ן אינגעל דאָ זאָלט איהר גוט אכטונג געבען, דאָס זאַג איך אייך... ער וואַרפט זיך מיט'ן מעסערל אויף לייטען... הע הע! זיין טאַטעלע איז אין סיביר אויף קאַטאַרגע... הע הע!"

„ארויס!"

ס'איז ווידער אמאָל שטיל געוואָרען אין מאַגאַזין. איליא האָט געפיהלט, אזוי ווי עפּעס וואָלט איהם ארומגעלאָפען איבער'ן געזיכט. מיט דער האַנד האָט ער זיך אָבגעווישט די טרעהרען פון די באַקען, האַט זיך ארומגעקוקט ארום זיך און האָט בעמערקט, אז דער בעל הבית קוקט פון הינטער זיין פּולט אויף איהם מיט א שאַרפען, בייזענדען בליק. דאַן האַט ער זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און מיט אונזיכערע טריט האָט ער זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר, אויף זיין געוועהנליכען פּלאַץ.

„שטעה! וואַרט אקאַרשט!" האַט זיך דער בעל הבית אָנגערופען.

„וואָלסט דו ווירקליך געהאַט די קראַפט איהם צו שטעכען מיט'ן מעסער?"

„איך וואָלט איהם געשטאָכען," האַט דאָס אינגעל געענטפערט אין דער שטיל, דאָך אבער מיט בעשטימטהייט.

www.libtool.com.cn



„אזוי, אזוי... פאַרוואָס איז דיין פאַטער פערשיקט געוואָרען קיין סיביר? פאַר מאָרד?"

„ניין — פאַר אונטערצינדען..."

„אויך גאַנץ שעהן..."

קאַרפּ, דער צווייטער קאַמי, איז נור וואָס אַריין צוריק פון אַ גאַנג, וואָס ער האָט ערגעץ געמאַכט. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף אַ בייכקעל לעבען טהיר און אַרויסגעקוקט אין גאַס.

„הער נור, קאַרפּושקאַ," האָט דער בעל הבית אָנגעפאַנגען, קוקענדיג אויף איהם מיט אַ שמייכעל — איך האָב נור וואָס אַרויסגעטריבען מישקאַ'ן..."

„איהר זייט דאָך בעל הבית, איהר קענט טהאָן וואָס איהר ווילט, קיריל איוואַנאָוויטש!"

„דיינק דיר נור: ער האָט מיך בע'גנב'עט!"

„ניט מעגליך!" האָט קאַרפּ אויסגערופען אין דער שטיל, אָבער דאָך מיט אַ צושראָקענער שטימע. „איז עס ווירקליך וואָהר? דער זשוליק!"

דער בעל הבית האָט זיך אַזוי שטאַרק צולאַכט הינטער זיין פּולט, אַז ער האָט זיך געמוזט האַלטען ביים בויך און זיין רויטע באָרד האָט זיך געשאָקעלט אַהין און אַהער.

„האַ האַ האַ!" האָט ער זיך אָנגערופען. „אַך, קאַרפּושקאַ... דו קושעניק איינער... כשר'ע נשמה דו!..."

נור פּלוצלונג האָט ער אויפגעהערט צו לאַכען, האָט זיך טיעף אָנגעזיפצט און מיט אַ שטרייענגע פערטראַכטע מיענע האָט ער געזאָגט:

„אַך חברה, חברה! מענשען־קינדער... אַלע ווילט איהר לעבען, אַלע מוזט איהר פרעסען, און יעטוועדער, פערשטעהט זיך, אַזוי גוט ווי מעגליך..."

ער האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און איז געבליבען שטיל.

איליאַ, וועלכער איז געשטאַנען לעבען פּולט, האָט זיך געפיהלט בעליידיגט וואָס דער בעל הבית קוקט זיך שוין גאָר ניט אום אויף איהם.

„נאַ, איליאַ," האָט זיך סטראַגאַני ענדליך אָנגערופען — „לאַ־

www.libtool.com.cn



מיר נאָך אביסעל פּלוידערן... זאָג מיר ראשית כל — האָסט דו שוין פריהער אמאָל בעמערקט, אַז מיכאַאילאַ גנב'עט?"

„פערשטעהסט זיך, אַז איך האָב עס בעמערקט... ער האָט תמיד גע'גנב'עט... פיש און אַלע אנדערע זאכען..."

„און פאַר וואָס האָסט דו מיר גאָרנישט געזאָגט דערפון?"

„אָט אזוי..." האָט איליא געענטפערט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך א ווײַלע איבערלעגט.

„האָסט אפּנים מורא געהאַט פאַר איהם, ווי?"

„ניין, כ'האָב גאָר קיין מורא ניט געהאַט..."

„אזוי, אזוי... פאַרוואָס זשע האָסט דו מיר ניט געזאָגט: בעל הבית, מען בע'גנב'עט דיך?..."

„ווײַס איך? כ'האָב עס ניט געוואָלט..."

„המ... האָסט מיר עס אצונד, הייסט עס, נור פון כעס און ער־גערניש דערצעהלט?

„יא", האָט איליא געענטפערט מיט א טאָן פון אן עקשן.

„זעהט נור, זעהט... וואָס פאַר א בחור'ל דאָס איז!" האָט דער סוחר געזאָגט. דערנאָך האָט ער זיך א היבשע ווײַלע געגלעט די רויטע באָרד זײַנע, און שטיל, מיט אן ערנסטער מיענע האָט ער געקוקט אויף איליא'ן.

„און דו אליין, איליא — האָסט אויך גע'גנב'עט?"

„ניין..."

„איך גלויב'ס דיר... דו — האָסט ניט גע'גנב'עט... נו, און קאָרפּ — אָט דער קאָרפּ, וואָס שטעהט דאָ—ע ר גנב'עט?"

„געוויס גנב'עט ער!" האָט איליא געענטפערט אין א בע־שטימטען טאָן.

קאָרפּ האָט איהם אָנגעקוקט פערוואונדערט, האָט א פּינטעל געטהאָן מיט די אויגען און זיך רוהיג אָבגעקעהרט אַן א זייט, פּונקט ווי די גאַנצע געשיכטע וואָלט איהם גאָר ניט אָנגעגאַנגען. דער בעל הבית האָט צוזאַמענגעדריקט די ברעמען פון זײַנע אויגען און האָט פון דאָס ניי גענומען גלעטען זיין באָרד. איליא האָט גאַנץ גוט גע־פּיהלט, אַז עטוואָס בעזאָנדערעס קומט דאָ פאַר און מיט נייגיריג־קייט האָט ער געוואַרט אויפ'ן סוף פון דער סצענע. אין דער שאַר־

www.libtool.com.cn



פער, געזאָלצענער לופט פון מאַגאַזין זיינען די פליגען אַרומגעפלוי־
גען אהין און אהער און געזשומזשעט, און אין בעקען האָט זיך גע־
הערט דאָס פּליושקען פון די לעבעדיגע פיש אין וואַסער.

„קאַרפּושקא!“ האָט דער בעל הבית אַ געשריי געטהאָן צום קאָמי, וועלכער איז געשטאַנען ווי אַ סטאַטוע לעבען טהיר און אַרויס־
געקוקט אין גאַס אַריין.

„וואָס זשע, מיין הערר?“ האָט זיך קאַרפּ אַ כאַפּ געטהאָן, צו־
לויפענדיג אויף גיך צום בעל הבית און אַריינקוקענדיג איהם גלייך אין געזיכט אַריין מיט זיינע אונטערטהעניג־פריינדליכע אויגען.

„האָסט געהערט, וואָס מען האָט געזאָגט וועגען דיר?“ האָט סטראַגאַני געפּרעגט מיט אַ שמייכעל.

„כ'האָב עס געהערט...“

„נו — און וואָס ווייטער?“

„גאָרנישט...“ האָט קאַרפּ געזאָגט און פערצויגען מיט די אַקס־
לען.

„גאָרנישט? וואָס הייסט דאָס?“

„גאַנץ איינפאַך, קיריל איוואַנאָוויטש. איך בין אַ מענש, וואָס האָט זעלבסטאַכטונג, קיריל איוואַנאָוויטש — און דערפאַר שטעהט מיר גאָר ניט אָן זיך צו פיהלען בעליידיגט פון אַ אינגעל. איהר זעהט דאָך אַליין, אַז דער יונג איז מורא'דיג דום און האָט קיין שום בע־
גריעף ניט פון קיין זאַך... דערפאַר קען איך איהם אויך מיט אַ לייכט הארץ מוחל זיין אויף זיין חוצפּה, זיין פרעכהייט...“

„שטעה, מיין פריינד! דערצעהל מיר נור קיין פּוסטע מעשיות ניט. זאָג מיר בעסער: האָט ער דעם אמת געזאָגט?“

„וואָס הייסט „דעם אמת“, קיריל איוואַנאָוויטש?“ האָט קאַרפּ געענטפערט אין דער שטיל, ציהענדיג מיט די אַקסלען און אָנבוי־
גענדיג דעם קאָפּ אָן אַ זייט. „יעטוועדער פערשטעהט דעם אמת אויף זיין שטייגער... אז איהר ווילט ניט אַנדערש, קענט איהר זיינע ווער־
טער אָננעהמען פאַר אַן אמת, אָבער אַז איהר ווילט ניט... דאָס געוועגדט זיך נור אָן אייך...“

דערביי האָט קאַרפּ אַ זיפץ געטהאָן. דערנאָך האָט ער זיך פער־
נייגט פאַר'ן בעל הבית און אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. דאָס איז

www.libtool.com.cn



געוועזן א צייכען, ווי טיעף די גאנצע מעשה קרענקט איהם.

„המ—יא—דאָס געוועגדט זיך, פערשטעהט זיך, אַז מיר...״ האָט סטראַגאני אַזוי ווי געגעבען אַ הסכמה אויף קאַרפּ׳ס רייד. „נאָך דיין מיינונג נאָך איז דער אינגעל דום, האַ?״

„מורא׳דיג דום!״ האָט קאַרפּ געענטפערט מיט איבערצייגונג.

„ניין, מיין פריינד — דאָס איז מחילה אַ ליגען...״ האָט זיך סטראַגאני אבגערופען און זיך צולאכט אויפ׳ן קול. „ווי ער איז דאָס דיר פריהער ארויסגעשפּרונגען מיט דער וואהרהייט גלייך אין גע־זיכט אריין! האָ האָ! און קאַרפּ — ער גנב׳עט? — געוויס גנב׳עט ער! האָ האָ האָ!״

איליא האָט זיך אָבגערוקט פון׳ם פערקויף־טיש צו דער טהיר. דאָרט איז ער געבליבען שטעהן און האָט זיך צוגעהערט צו דעם גע־שפּרעך, וואָס איז הינטער איהם פאָרגעגאַנגען און וועלכער האָט אין אָנפאַנג איהם אביסעל געקריינקט. אז ער האָט אבער דערהערט, ווי דער בעל הבית לאכט, האָט זיך ביי איהם אין הארצען דערוועקט א פרעהליכעם געפיהל פון נקמה, און מיט אַ טריאומפירענדען בליק האָט ער אלע ווייל א קוק געטהאָן אויף קאַרפּ׳ן און אויפ׳ן בעל הבית האָט ער געקוקט מיט אַן אויסדרוק פון דאנקבארקייט. סטראַגאני האָט פערמאַכט די אויגען און איז שיער ניט צופּלאַצט געוואָרען פון געלעכטער, און הערענדיג ווי דער בעל הבית לאכט אזוי שטאַרק, האָט קאַרפּ אויך ארויסגעלאָזען אַ טרוקענעם, פאַרזיכטיגען געלעכטער פון האַלז:

„הע הע הע!״

אָבער אַזוי גיך ווי סטראַגאני האָט דערהערט דעם קאַמי׳ס די־נעם, קווימשיגען געלעכטער, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטהאָן:

„פערשלים די קלייט!...״

אויפ׳ן וועג צום רייכען סוחר אין הויז, איז קאַרפּ געגאַנגען לעבען איליא׳ן, און שאַקלענדיג דעם קאָפּ האָט ער געזאָגט:

„אַ דומקאָפּ ביסט דו נאָך אַלעמען, אַז אמת׳ע בהמה! צו וואָס האָט דיר געטויגט אַנצופאַנגען אָט די גאנצע לאַנגווייליגע געשיכטע? זאָג מיר, איך בעט דיך! אָט אזוי לעקט מען זיך דאָס אונטער דעם בעל הבית? גולם דו! מיינסט אפשר, ער האָט ניט געוואוסט, אַז מיר

www.libtool.com.cn



ביידע, מישקא און איך, בע'גנב'ענען איהם? ער האָט דאָך אמאָל פונקט אזוי אַנגעהויבען ווי מיר... הע הע! דערפאר וואָס ער האָט ארויסגעטריבען מישקא'ן, קומט דיר, דעם אמת זאָגענדיג, א דאנק פון מיר. אָבער דאָס וואָס דו האָסט מיך אויך פער'מסר'ט — דאָס וועל איך דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין!... כ'זאָג דיר עס פאָראויס! דאָס הייסט אי דום, אי פרעך געוועזען. אזא זאך אויף מיר צו זאָגען, און נאָך דערצו מיר אין די אויגען! ניין, דאָס וועל איך דיר קיינמאָל ניט פערגעסען... דו האָסט דערמיט בעוויזען, אז דו האָסט פאר מיר קיין שום רעספּעקט ניט..."

שטיל האָט זיך איליא צוגעהערט צו די דאָזיגע טענות, אָבער ער האָט זיי ניט פערשטאַנען ווי עס דארף צו זיין. נאָך זיין איבער־צייגונג נאָך, האָט קארפּ גאָר אויף אן אנדער אופן געדארפט אויס־לאָזען צו איהם דעם כעס: ער האָט בעשטימט גערעכענט, אז דער קאָמי וועט איהם אויפ'ן וועג דורכבּרעכען די ביינער, און ער האָט זאָגאר מורא געהאַט צו געהן צוזאַמען מיט איהם אהיים. פון קארפּ'ס ווערטער אָבער האָט זיך ארויסגעהערט ניט קיין כעס, נאָר אן איינ־פאַכער שפּאָט, און איליא האָט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן וואָס עס בעטייט. נאָר דערמזעלבען טאָג איז איהם אַלצדינג קלאָהר געוואָרען און ער האָט בעגריפען דעם ריכטיגען זינען פון קארפּ'ס ווערטער. אין אָבענד האָט דער בעל הבית ארויפגערופען איליא'ן אויבען, צו זיך אין וואוינונג.

„אהאָ! זעהסט! גערה נור גערה!" האָט זיך קארפּ אָבגערופען מיט א טאָן, וואָס האָט איליא'ן אַנגעזאָגט, אז עס ערוואַרטעט איהם גאָר קיין גוטס ניט פון דער דאָזיגער איינלאַדונג.

אז איליא איז ארויפגעקומען אויבען, איז ער געבליבען שטעהן ביי דער טהיר פון א גרויסען צימער, וואו עס איז געהאַנגען א שווע־רער לאָמפּ און אונטער איהם איז געשטאַנען א גרויסער טיש, און אויפ'ן טיש א גרויסער סאַמאָוואַר. ארום טיש איז געזעסען דער בעל הבית מיט זיין פרוי און זיינע טעכטער, דריי מיידלעך מיט רויטע האָר און מיט זומער־שפּריינקלעך אויף די פּנים'ער, יעדע איינע מיט א קאָפּ נידעריגער פון דער צווייטער. בשעת איליא איז אריין, האָבען זיי זיך אַלע דריי צוזאַמענגעשפּאַרט איינע צו די אנדערע און

www.libtool.com.cn



האבען איהם מאדנע אנגעקוקט מיט זייערע דריי פאר בלויע אויגען, אזוי ווי זיי וואלטען זיך דערשראקען פאר איהם.

„אט איז ער!“ האט דער בעל הבית געזאגט.

„וואס איך זעה — אזא אינגעלע!“ האט זיך די בעל הבית'טע אנגערופען מיט א שרעקעדיגען טאן און האט אנגעקוקט איליא'ן מיט אזא מאדנעם בליק, פונקט ווי זי וואלט איהם נאך קיינמאל פריהער ניט געזעהן. סטראגאני האט געשמייכעלט, געגלעט די בארד, צוגעפויקט מיט די פינגער אויפ'ן טיש און ענדליך האט ער מיט א ערנסטען טאן געזאגט:

„איך האב געשיקט נאך דיר, איליא, כדי דיר צו לאזען וויסען, אז איך דארף דיך מעהר ניט האבען — נעהם דיר אלזא דיינע זיבען זאכען און געה געזונדערהייט...“

איליא איז פערציטערט געווארען און פון ערשטוינונג האט ער געעפענט דעם מויל, אבער ער האט קיין ווארט ניט געקענט ארויס־ברייגנען, ער האט זיך אויסגעדרעהט און זיך געלאזט ארויסגעהן פון צימער.

„שטעה!“ האט סטראגאני א געשריי געטהאן, אויסשטרעקענדיג דעם ארעם הינטער איליא'ן, און א קלאפ געבענדיג מיט דער פלאַ־כער האנד אן טיש, האט ער נאך אמאל אויסגעשריגען:

„שטעה!“

דערנאך האט ער אויפגעהויבען דעם פינגער און לאנגזאם און געלאסען האט ער געזאגט:

„ניט צוליעב דעם אליין האב איך דיך געשיקט רופען... ניין... אויך א לעקציאן וואלט איך דיר געוואלט מיטגעבען אויפ'ן וועג... איך האב דיר געוואלט ערקלעהרען, פארוואס איך קען דיך מעהר ניט האלטען ביי מיר. דו האסט מיר חלילה קיין שלעכטס ניט געטהאן... ביסט א אינגעל, וואס האט עפעס געלערענט... ביסט פלייסיג, עהרליך און קרעפטיג... וואס אמת איז אמת! אט די אלע מעלות, די אלע גוטע קארטען האסט דו — און דאך טויגסט דו ניט פאר מיר... פאסט זיך ניט פאר מיין געשעפט... ווי קומט עס — פרעגסט דו?... המ— יא...“

איליא האט נור בעגריפען איין זאך, אז אין דערזעלבער צייט

www.libtool.com.cn



וואָס מען לויבט איהם אזוי, טרייבט מען איהם פונדעסטוועגען דורך. דאָס האָט זיך איהם בשום אופן ניט געקענט לייגען אויפ'ן שכל, און אין איהם האָט זיך געיאָוועט א געדאנק: אפשר ווייס דער בעל הבית אליין אויך ניט וואָס ער טהוט... און סטראָגאני'ס געזיכט האָט ווי עס איז בעשטעטיגט דעם אינגעל'ס געדאנק. עפּעס איז דערויף געלעגען א מאָדנער אויסדרוק, אזוי ווי דער רייכער געשעפטס־מאַן וואָלט געהאט אין קאָפּ א מחשבה, א מערקווירדיגען געדאנק, וועלכען ער קען מיט ווערטער ניט ארויסברייננגען. ענדליך איז איליא צוגע־גאנגען נעהנטער צו איהם, און רוהיג, מיט א טאָן פון רעספּעקט האָט ער זיך אָנגערופען:

„איהר טרייבט מיך דורך, ווייל איך האָב זיך געוואָרפען אויף יענעם מיט'ן מעסער?..."

„אום גאָטעס ווילען!" האָט דעם בעל הבית' פרוי דערשראָקען א געשריי געטהאָן. „ווי פרעך ער איז דאָס! אָה גאָט!..."

„אָט דאָס איז דאָס טאָקי!" האָט דער בעל הבית מיט א צור־פרידענער מיענע געזאָגט און בשעת מעשה האָט ער געשמייכעלט צו איליא'ן און געטייטעלט צו איהם מיט'ן פינגער. „דו ביסט — פרעך! דאָס איז דאָס ריכטיגע וואָרט: פרעך ביסט דו... א יונג אינ־געל אבער, וואָס דיענט אין דער פרעמד, מוז זיין ביי זיך אראָבגעפּאַ־לען... אראָבגעפאלען, אונטערטהעניג און בעשיידען, אזוי ווי עס שטעהט אין דער הייליגער ביבעל... ער האָט נור צו טראַכטען, וואָס איז גוט פאר זיין בעל הבית... און דו האסט דיין אייגענעם קאָפּ אויף דיר... דאָס געהט אויף קיין פאל ניט, פערשטעהסט?... און דערי־בער ביסט דו פרעך... דו זאָגסט, למשל, א מענשען אין די אויגען — ער איז א גנב! דאָס איז ניט שעהן, דאָס איז פרעך... ווען דו ביסט שוין אפילו אזוי עהרליך, קענסט דו דאָך מיר דערצעהלען, וואָס מיט דעם מענשען טהוט זיך — אבער אין דער שטיל, בסוד... איך וואָלט שוין געוואוסט, וואָס איך האָב צו טהאָן, דערויף בין איך דאָך עפּעס — דער בעל הבית!.. און דו זאָגסט עס גאנץ הויך, אלע זאָלען הערען: ער גנב'עט!... ניין, וואָרט אקאָרשט, הער זיך צו!... ווען פון דריי איז בלויז איינער עהרליך, טויג עס פאר מיר גאָרנישט... דאָ מוז מען מאכען א גאנץ אנדערן חשבון... איז צווישען צעהן מענ־

www.libtool.com.cn



שען פאַראַן איין עהרליכער אויף ניין **גנבים**, דאַן האָט קיינער גאָר־ נישט דערפון... העכסטענס, קען דער איינער צו גרונד געהן. ווען ס׳זאָלען אָבער זיין זיבען עהרליכע אויף דריי גנבים — דאַן האָסט דו רעכט... אַ־ער אַז עס איז נור פאַראַן איין עהרליכער — צו וואָס טויג ער? אַזוי האַלט עס מיט ד׳ער עהרליכקייט, מיין פריינד! וואַרף זיך אַלזאָ ניט אַן אויף די מענשען מיט דיין עהרליכקייט, נאָר פרעג זיי אַפריהער, צי זיי דאַרפען זי האָבען!״

סטראַגאַני האָט זיך מיט דער האַנד אָבגעווישט דעם שווייס פון שטערן און האָט אַ זיפץ געטהאָן. דערנאָך האָט ער מיט אַן אויס־ דרוק פון שמערץ און זעלבסטצופרידענהייט צוזאַמען ווייטער געזאָגט:

„אחוץ דעם כאַפּסט דו זיך גלייך צום מעסער...״

„אַה, יעזוס קריסטוס!״ האָט די בעל הבית׳טע דערשראָקען אַ געשריי געטהאָן און די דריי מיידלאַך האָבען זיך בשעת מעשה נאָך ענגער צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע.

„ס׳שטעהט אין דער ביבעל: ווער עס נעהמט זיך צום שווערד, דער וועט דורך׳ן שווערד שטאַרבען... המ—יאַ... אַט צוליעב דעם טאַקי טויגסט דו ניט פאַר מיר... אַזוי איז דאָס... נאַ, נעהם אַט דעם האַלבען רובעל — און געה!... געה דיר דיין וועג... האָסט ניט וואָס בייז צו זיין אויף מיר — פונקט ווי איך ניט אויף דיר... זעה, איך שיינק דיר זאַגאַר אַט דעם האַלבען רובעל דאָ — נעהם איהם... און גערעדט האָב איך מיט דיר, ווי מען רעדט געוועהנליך ניט מיט אַ אינגעל — גאַנץ ערנסט, אַז דו זאָלסט עס אריינגעהמען שטאַרק אין זינען... און אַזוי ווייטער... כ׳האָב זאַגאַר רחמנות אויף דיר... נאָר דו פּאַסט זיך גאָר נישט פאַר מיר! פּאַסט דער טשוואַק ניט אריין אין אקס פון ראַד, דאַן איז דאָס בעסטע איהם אוועקצוואַרפען איידער מען פאַהרט ארויס פון אָרט... נאַ, אַצונד קענסט דו געהן!...״

„זייט געזונד!״ האָט איליא געזאָגט. ער האָט דעם בעל הבית׳ רעדע אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט, און פערטייטשט האָט ער זי גאַנץ איינפאַך: סטראַגאַני טרייבט איהם ארויס, מחמת ער קען ניט ארויסטרייבען קאַרפּ׳ן, וואָרים אָהן איהם וואָלט ער געבליבען גאָר אָהן אַ קאָמי אין געשעפט. דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהם אַזוי ווי אַראָבגענומען אַ שטיין פון האַרצען. ער האָט זיך געפיהלט גאַנץ

www.libtool.com.cn



פרעהליך ביי זיך, און דער בעל הבית האָט עפּעס ביי איהם אין די אויגען אויסגעקוקט אזוי מערקווירדיג — אזוי ליעב און איינפאך.

„האַלט נור פעסט דאָס געלד!“ האָט סטראַגאַני איהם נאָכגעשריגען.

„זייט געזונד,“ האָט איליא נאָך אמאָל געזאָגט, צוזאמענדריקענדיג בשעת מעשה די זילבערנע מטבעות פעסט אין זיין האַנד. „אַ שעהנעם דאנק אייך דערפאַר!“

„איי, איי! קיין איין טרעהר אפילו האָט ער ניט פערגאָסען!“ האָט דער איינגעל הינטער זיין רוקען געהערט די שטימע פון דער בעל הבית'טע.

אז איליא איז מיט'ן פּעקעל אויפ'ן רוקען ארויס פון'ם שווערען טהויער פון סטראַגאַני'ם הויז, האָט ער געפיהלט, אזוי ווי ער וואָלט געקומען פון אַ ווייט, גרוי און וויסט לאַנד, מכח וועלכען ער האָט געלעזען ערגעץ אין אַ בוך, און וואו עס איז קיין זאך ניט געוועזען, ניט קיין מענשען, ניט קיין דערפער, נאָר שטיינער — און אין מיטען, צווישען די דאָזיגע שטיינער, האָט געלעבט אַ גוטער, אַלטער צויבערער, וועלכער האָט יעדען איינעם, וואָס האָט פערבלאָנדזשעט אהין, געוויזען דעם וועג ארויסצוגעהן.

ס'איז געוועזען אבענד־צייט פון אַ קלאָהרען טאָג אין פריהלינג. די זון האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן און אין די פענסטער פון די הייזער האָט געפלאַמט איהר רויטער פייערדיגער שיין. דאָס האָט ביי איליא'ן אין מוח ארויסגערופען די עראינערונג אַן יענעם טאָג, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל, ביים ברעג טייך, די שטאָדט דערזעהן. דאָס שווערע בינטעל מיט זיינע שמאטעס האָט איהם אָבגעריסען דעם רוקען; ער האָט גענומען געהן לאנגזאמער. אויפ'ן טראָטואר האָבען זיך די מענשען געיאָגט, און אין איילעניש האָבען זיי זיך אָנגעשלאָגען אַן זיין פּעקעל. די עקיפּאַזשען זיינען מיט ליארם דורכגעפאָהרען פערביי איהם. אין די משופּע'דיגע שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זון האָט ארומגעטאַנצט דער שטויב, און אומעטום האָט געהערשט אַ מונטערקייט, אַ לעבעדיגקייט. ביים איינגעל אין זכרון האָט גענומען פריש אָבלעבען דאָס אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעמאכט זינט ער געפינט זיך דאָ אין שטאָדט. ער האָט גע־

www.libtool.com.cn



פיהלט ביי זיך, אז ער איז שוין א גרויסער, אן ערוואקסענער מענש. זיין הארץ האט זיך געהויבען פריי און שטאלץ, און אין זיינע אויערן האבען געקלונגען דעם סוחר'ס ווערטער:

„דו ביסט א אינגעל וואס האט עפעס געלערנט, ביסט ניט דום, ביסט געזונד און ניט פויל... דאס זיינען דיינע מעלות, דיינע גוטע קארטען...“

„מיר וועלען איינשטעלען אין קאן!“ האט זיך איליא געטראכט ביי זיך און האט גענומען געהן גיכער. א בערוישענדעס געפיהל פון פרייד האט אנגעפילט זיין הארץ, און ניט ווילענדיג האט ער געשמייכעלט ביי דעם געדאנק, אז ער וועט אויף מארגען אין דער פריה שוין ניט דארפען געהן מעהר אין פיש־קראם...

9.

אז איליא איז צוריקגעקומען צו פעטרוכא פילימאנאוו אין הויז אריין, האט ער זיך מיט צופרידענהייט איבערצייגט, אז ער איזווירקליך היבשליך אונטערגעוואקסען פאר דער צייט, וואס ער האט פערבראכט אין פיש־געשעפט. אלע איינוואוינער פון הויז האבען איהם מקבל פנים געווען מיט אויפמערקזאמקייט און עפעס מיט א מאדנער נייגיריגקייט, און פערפישקא האט איהם זאגאר געגעבען די האנד.

„מיין רעספעקט פאר דעם הערר קאמי!“ האט איהם דער שוס־טער בעגריסט. „נו, ברודער, האסט אבגעדיענט דיין צייט, הא? איך האב געהערט וואס פאר א פיין שטיקעל דו האסט אבגעטהאן — הא הא! זיי האבען חשק, ברודער, אז מען זאל זיי מיט דער צונג די פיא־טעס לעקען, אבער ניט וואהרהייט שטעקען...“

אז מאשא האט דערזעהן איליא'ן, האט זי מיט שמחה אויסגע־רופען:

„אהא! ביסט דו עס אביסעל אויסגעוואקסען!“

אויך יאקאוו האט זיך געפרעהט דערמיט, וואס ער זעהט זיך צוריק מיט זיין חבר.

www.libtool.com.cn



„דאָס איז שעהן," האָט ער געזאָגט. „אַצונד וועלען מיר ווידער קענען לעבען צוזאַמען, ווי פריהער... דו ווייסט? כ'האָב אַ בוך, „די אַלביגענזער" הייסט עס — אַ געשיכטע, זאָג איך דיר! דאָרט קומט פאָר איינער, סימאָן מאָנפאָר הייסט ער — אַן אמת'ער שד!"

און יאַקאָוו האָט זיך געסטאַרעט אויף גיך און מיט אַ פולען מויל, ווי זיין שטייגער איז געוועזן, איבערצוגעבען דעם אינהאַלט פון בוך. איליאַ האָט איהם אָנגעקוקט און ביי זיך אין הארצען האָט ער אמת הנאה געהאַט דערפון, וואָס זיין גרויס־קעפּיגער קאַמעראַד איז געבליבען דערזעלבער וואָס געוועזן. אין איליאַ'ס האנדלונג געגען דעם סוחר סטראַגאַני האָט יאַקאָוו ניט געזעהן קיין שום בעזאָנדערעס. ער האָט אויסגעהערט איליאַ'ס געשיכטע און האָט גאַנץ איינפאַך געזאָגט:

„גאַנץ גוט אַזוי..."

די דאָזיגע קיהלע בעמערקונג איז עפּעס ניט געוועזן נאָך איליאַ'ס געשמאַק. אַן איינפאַכע הסכמה אויף זיין האנדלונג האָט דאָך איליאַ געקראָגען אפילו פון פּעטרוכאַ'ן אַליין, וועלכער האָט גוטגעהייסען דעם אינגעל'ס אויפפיהרונג און האָט איהם געלויבט פאַר זיין מוטה.

„גאַנץ געשיקט האָסט דו'ס זיי דערלאַנגט, מיין טהייערער! זעהר געשיקט!... נו, פערשטעהט זיך, אַז קיריל איוואַנאָוויטש האָט דיר צו־ליעב זיין קאַרב ניט געקענט אַרויסטרייבען... קאַרב קען דאָס געשעפט און ס'איז שווער צו קריגען אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. דו אָבער האָסט נאָך אַזאַ געשיכטע ניט געקענט בלייבען מיט איהם אין איינעם... דו האָסט דעם אמת געזאָגט, מיט אָפענע קאָרטען האָסט דו געשפּיעלט... נו, האָט דער אַנדערער, פערשטעהט זיך, געמוזט געווינען..."

אין אַ טאָג אַרום אָבער רופט זיך פעטער טערענטי אין דער שטיל אָן צו זיין פּלימעניק:

„הערסט דו... זיי נור ניט אָפענהערציג מיט פּעטרוכאַ'ן... גיב נור גוט אַכטונג... ער האָט דיך ניט ליעב... האַלט אין איין זידלען... זעהט נור, זאָגט ער, ווי ליעב ער האָט עס דעם אמת! און פאַרוואָס, מיינט איהר, האָט ער אַזוי שטאַרק ליעב דעם אמת? ווייל ער איז אַ דומקאָפּ, פערשטעהט זיך! המ—יאָ... אַט אַזוי רעדט ער!..."

www.libtool.com.cn



איליא האָט אויסגעהערט דעם פעטער'ס ווערטער און האָט גע־לאַכט.

„און נעכטען האָט ער מיך געלויבט — כ'האָב עס זעהר גע־שיקט געמאַכט," האָט ער געזאָגט. „אָט אזוי זיינען זיי שוין, די מענ־שען: אין די אויגען לויבען זיי אייך, און הינטערן רוקען ריידען זיי דער שווארץ יאָהר ווייס וואָס..."

פעטרוכאַ'ס צוויי פנים'דיגקייט האָט בשום אופן ניט געקענט אבשוואכען איליא'ס שטאָלץ, וועלכער איז געוואקסען פון טאָג צו טאָג. ער האָט זיך געפיהלט אזוי ווי א העלד און איז געווען איבערצייגט, אז ער האָט זיך זעהר גוט אויפגעפיהרט ביי סטראַגאַני'ן און געשעפט — בעסער ווי יעטוועדער אנדערער וואָלט זיך אונטער דיזעלבע אומשטענדען אויפגעפיהרט.

אין צוויי מאָנאַט ארום, נאָכדעם ווי מען האָט אומזיסט געזוכט א שטעלע פאר איליא'ן און גאָר נישט געפונען, האָט זיך צווישען איהם און פעטער טערענטי געמאַכט אזא שמועס:

„יאָ, ס'איז גאַנץ ביטער," האָט דער הויקער געזאָגט טרויריג.

„מ'קען בשום אופן ניט געפינען פאר דיר קיין שטעלע... אומעטום קריגט מען דיזעלבע תשובה: ער איז צו גרויס!... וואָס הויבט מען אָן צו טהאָן, מיין ליעבינקער? וואָס דענקסט דו?"

מיט א געזעצטען טאָן, פול איבערצייגונג, האָט איליא גע־ענטפערט:

„מיר איז אצונד געוואָרען פּופצעהן יאָהר.. כ'קען לעזען און שרייבען, כ'בין ניט דום... און ווי באַלד איך בין פרעך, וועט מען מיר דאָך אויך פון יעדער אנדער שטעלע ארויסטרייבען... ווער קען דען האַלטען א פרעכען מענשען ביי זיך?"

„וואָס זשע הויבט מען פאָרט אָן צו טהאָן, מיין קינד?" האָט טערענטי געפרעגט פערזאָרגט, זיצענדיג אויפ'ן בעט און זיך אָנ־שפּאַרענדיג דערויף מיט זיינע אָרעמס.

„ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען? מאַך מיר א קאַסטעל און קויף מיר אביסעל סחורה: זייף, פּאַרפיום, נאָדלען, ביכער... אַלערליי קליינינגקייטען... איך וועל דאָן דערמיט ארומגעהן און מאַכען גע־שעפטען אויף מיין איינענעם חשבון..."

www.libtool.com.cn



„וואָס? ווי אַזוי מיינסט דו דאָס, איליושאַ? איך פֿערשטעה עס ניט ווי ס'דאַרף צו זיין... אין שיינק דאָ... אין'ם ליאַרם האָלט עס אין איין הוזשען: טוק, טוק, טוק!... דאָ איז מיר דער קאָפּ עפּעס שוואַך געוואָרען... און אַ חוץ דעם מוטשעט מיך כסדר אַ געשיכ־טע... אַלץ די אייגענע געשיכטע... קיין שום אַנדער זאַך קריכט מיר ניט אין מוח..."

ביים הויקער אין די אויגען איז ווירקליך געלעגען אַ מערק־ווירדיג שמערצליכער אויסדרוק — עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט בע־דאַרפֿט עפּעס בערעכענען אַ שווערען חשבון און ער האָט דערפֿון ניט געקענט אַרויסקריכען.

„פּרוביר עס נור, פּעטער, לאָמיך אַרויסגעהן דערמיט!" האָט זיך איליאַ געבעטען. ער איז געווען שטאַרק בעגייסטערט פֿון זיין גע־דאַנק, וועלכער האָט איהם פֿערשפּראָכען די פֿרייהייט.

„נו, זאָל דיר גאָט העלפֿען! מיר קענען דאָך מאַכען אַ פּראָבע..."

„אַט אַזוי איז גוט! וועסט זעהן, אַז ס'וועט געהן," האָט איליאַ אויסגערופֿען מיט שמחה.

„אַ—אַך," האָט טערענטי טיעף אָבגעזיפֿצט, און דערנאָך האָט ער מיט אַ שמערצליכען טאָן ווייטער געזאָגט:

„ווען דו וואָלסט גאָר אין גיכען געוואָרען אַ מענש פֿאַר זיך! אַ—אַך! דאַן וואָלט איך מיר געקענט געהן... אַזוי אָבער ביסט דו ווי אַן אַנקער, וואָס האַלט מיך צו פֿעסט... נור פֿון דיינעטוועגען שטעה איך דאָ אין דער דאָזיגער בלאָטיגער לוזשע... און געה צו גרונד! צו די הייליגע העלפֿער אין דער נויטה וואָלט איך געגאַנגען... כ'וואָלט זיי געזאָגט: איהר גאָט'ס דיענער! צדיקים און גוטע מליצים! כ'האָב געזינדיגט, איך רשע וואָס איך בין! שווער איז מיר אויפ'ן האַר־צען... ראַטעוועט מיך! בעט אוים גנאָד און לייטזעליגקייט פֿאַר מיר ביי מיין פֿאָטער!"

און דער הויקער האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען וויינען אין דער שטיל. איליאַ האָט פֿערשטאַנען פֿון וועלכער זינד דער פּעטער רעדט, און ער האָט זיך אַליין דערמאָנט אָן דער זינד. זיין האַרץ האָט אַ ציטער געטהאָן. ער האָט רחמנות געהאַט אויפ'ן פּעטער, אָבער ער האָט קיין ווערטער ניט געפֿונען איהם צו טרייסטען און ער איז דאַ־רום געבליבען שטיל. און ערשט ווען ער האָט געזעהן, אַז די טרעהרען

www.libtool.com.cn



פליסען אלץ מעהר און מעהר פון דעם הויקער'ס איינגעפאלענע, פינס־טערע אויגען, האט ער זיך אבגערופען:

„נו, הער שוין אויף צו וויינען! ס'וועט רעכט ווערען — וועל איך נור אויפטהאן עפעס אין געשעפט, דאן וועסט דו געהן צו זיי..."

ער האט געשוויגען און זיך פערטראכט א ווײַלע, דערנאך האט ער דעם פעטער ווייטער געטרייסט:

„נישקשה, זיי וועלען דיר מוחל זיין..."

„דיינקסט ווירקליך אזוי?" האט טערענטי געפרעגט אין דער שטיל, און דאס אינגעל האט ווידערהאלט נאך אין אן איבערצייג־טערן טאן:

„גאנץ געוויס וועלען זיי דיר מוחל זיין! פיעל אנדערע זאכען האבען זיי שוין מוחל געוועזן... איך וויים עס דאך!.."

אט אזוי האט זיך איליא אריינגעוואָרפען אין'ם הויזירער־האנ־דעל. פון אין דער פריה ביז'ן אבענד איז ער ארומגעגאנגען אין די גאסען פון דער שטאדט, מיט'ן קאסטען אויף דער ברוסט און מיט די צוגעהעריגע סטענדערס אין די הענד. די שווארצע אויגען זיינע האט ער כסדר געהאלטען צוזאמענגעדריקט און מיט דער נאז אין דער הויך האט ער שטאלץ און זעלבסטבעוואוסט געקוקט אויף די מענ־שען. דאס היטעל איז ער געגאנגען אראבגערוקט איבער'ן שטערן, און אויסשטרעקענדיג דעם האלז פאראויס האט ער מיט זיין יונגען קול געשריגען:

„זייף! שוה־וואקס! פאמאדע! שפיזלען, שפילקעס, נאדלען און פאדים! ביכער... זעהר שעהנע ביכער!"

ווי א רוישיגער טייך, אזוי האט דאס לעבען געשטראמט ארום איהם, און ער האט אין דעם דאזיגען טייך געשוואומען פריי און לייכט און האט עפעס געפיהלט, אז ער איז א מענש מיט אלע מענ־שען צוגלייך. ער איז ארומגעגאנגען אויף די באזארען, איז אפט אריינגעקומען אין די רעסטאראנען. מיט אן ערנסטער מיענע פלעגט ער זיך בעשטעלען א פארציע טהעע און פלעגט עם טרינקען לאנגזאם, צובייסענדיג דערביי א שטיק ווייס־ברויט, פונקט ווי א מענש, וואס פאלט ביי זיך ניט אראב און ווייסט, אז ער איז דאך עפעס ווערטה

www.libtool.com.cn



אויף דער וועלט. דאָס לעבען האָט איהם אויסגעזעהן זעהר אייג־פאַך, לייכט און אנגענעהם.

אויך זיינע פאַנטאַזיעס, זיינע טרוימערייען זיינען געוואָרען קלעה־דער און איינפאַכער. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי ער וועט אין אַ פּאָר יאָהר אַרום זיצען אין זיין אייגענע, קליין און ריין קליי־טעל, ערגעץ וואו אין אַ בעסערער, שטילערער גאַס — און דאָרט, אין קלייטעל, וועט ער האָבען צו פערקויפען אַלערליי פיינע, ריינע זאַכען, וואָס לאָזען ניט איבער קיין שמוציגע פלעקען און מאַכען ניט קיין תל פון די קליידער. און ער גופא וועט אויך אויסזעהן ריין, געזונד און שעהן. אַלע מענשען פון דער גאַס וועלען איהם רעספּעק־טירען און די מיידלעך וועלען קוקען אויף איהם מיט אַ פריינדליכען בליק. נאָכדעם ווי ער וועט פערמאַכען דעם מאַגאַזין זיינעם, וועט ער זיך זיצען אין זיין דיינעם, ליכטיגען צימערל, ניט וויים פון קלייט, וועט טרינקען טהעע און לייענען ביכער. ריינקייט אין אַלצדינג איז ביי איהם אין די אויגען געווען דאָס נייטיגסטע, דער עיקר פון אַ רעגעלמעסיגען, איינגעאָרדענטען לעבען.

אַזוי האָט ער געטרוימט, ווען זיין הויזירעריי איז איהם געגאַנ־גען כשורה און קיינער האָט איהם גראָב ניט אַנגעטראָטען. פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען פאַר אַ זעלבסט־שטענדיגען מענשען, איז ער געוואָרען זעהר פיהלענד; דאָס מינדעס־טע וואָרט האָט איהם אויפגעבראַכט. אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ טאָג, ווען ער פלעגט גאָר נישט לייזען און ער פלעגט זיצען אַ פער־מאַטערטער אין שיינק אָדער ערגעץ וואו אין גאַס, דאַן האָט ער זיך גלייך דערמאָנט אָן די גראָבהייטען פון די פּאָליציילייט, אָן זיי־ערע שטויסערייען, אָן די בעליידיגענדע ווערטער פון די קונים, אָן די קללות און זלזולים פון זיינע קאָנקורענטען, די אַנדערע הויזירער, און ביי איהם אין הארצען האָט זיך ערוועקט אַ געפיהל פון שמערץ און אונרוהיגקייט. זיינע אויגען האָבען זיך דאַן געעפענט און ער האָט אריינגעקוקט טיעפער אויפ׳ן גרונד פון לעבען. ער האָט געזעהן גאַנץ קלאָהר און דייטליך, אַז אַלע מענשען שטרעבען צו דעמזעלבען ציעל וואָס ער, אַז זיי זוכען דאָסזעלביגע רוהיגע, זאַטע און ריינע לעבען, צו וואָס ער גלוסט. און קיינער מאַכט קיין שום ווענען ניט דערפון,

www.libtool.com.cn



אבצושטויסען אן א זייט יעדען איינעם, וואס שטעהט איהם אין וועג. אלע זיינען אזוי עגאאיסטיש, אזוי זשעדנע, אזוי אונערבארמ־ליך, און זיי שעדיגען זיך איינער דעם צווייטען זאגאר דאן, ווען ס'איז גאר ניט נייטיג, גאר אהן א שום גרונד, אהן א שום אייגענעם נוצען, סתם אזוי פון פערגניגען וועגען, אויס פערגניגען יענעם שלעכטס צו טהאן. אפטמאל פלעגען זיי זאגאר לאכען, ווען זיי האט זיך איינ־געגעבען אימיצען אנצוטהאן עגמת נפש, און זעלטען האט געטראָ־פען, אז אימיצער האט רחמנות געהאט מיט דעם ליידענדען, מיט דעם געקרענקטען...

אט אזעלכע פארשטעלונגען האבען איהם פער'נמאס'ט זיין בעי־שעפטיגונג. דער חלום, די פאנטאזיע פון דעם קליינעם, ריינעם מאַ־גאזינדעל איז צורונען, איז געווארען צו נישט, און ער האט דער־פיהלט א שווערקייט, א דריקעניש אויפ'ן הארצען. איהם האט זיך אויסגעדוכט, אז ער וועט קיינמאל דורך זיין האנדעל ניט קענען אבשפארען גענוג געלד אויפצועפענען א קליין קלייטעל, און אז ער וועט ביז'ן טויט זיך דארפען אזוי ארומשלעפען איבער די הייסע, שטויביגע גאסען פון דער שטאדט, מיט'ן קאסטען אויף דער ברוסט און מיט'ן וויטאג, וואס דער רימען מאכט איהם אין די שולטערן. אבער יעדעם שטיקעל ערפאלג אין זיין געשעפט פלעגט פון דאס ניי ערוועקען אין איהם זיין מוטה און אויפלעבען זיינע טרוימען, זיינע פאנטאזיעס...

איינמאל האט איליא אונערווארטעט אנגעטראפען פאשקא גראַ־טשעוו אין א גרויסער, לעבעדיגער גאס. מיט די הענד אין די קעשע־נעם פון זיינע צוריסענע הויזען, אנגעטהאן אין א בלויער, צוריסענער און שמוציגער בלוזע, וואס האט געהאנגען אויף איהם ווי א זאק, איז זיך דעם שמיעד'ס זוהן געמיטליך געגאנגען איבער דער גאס, פונקט ווי איינער, וואס נעהמט זיך זיין שפאציר־גאנג נאך א גוטער, פעטער מאהל־צייט. די קנאפעל פון זיינע גרויסע, אויסגעטרעטענע שטיוועל האבען געקלאפט און אנגעמאכט א ליארם ביי יעדען טריט, וואס ער האט געמאכט אויף די אויסגעפלאסטערטע שטיינער. דאס קאסקעטעל מיט'ן צוריסענעם ראנד איז געזעסען חוצפה'דיג ביי איהם אויפ'ן לינקען אויער און א האלבער קאפ זיינער איז געבליבען אונבע־

www.libtool.com.cn



דעקט און אונבעשיצט געגען די הייסע זונען־שטראַהלען. דער פּנים און דער האַלז זיינען געווען פּערוואַקסען מיט בלאָטע. שוין פון דער־ווייטען האָט ער איליא׳ן דערקענט און האָט איהם צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, זיך געהענדיג זיין וועג מיט דיזעלבע טריט וואָס פריהער.

„זיי געגריסט!“ האָט איליא געזאָגט. „קוים אַמאָל מען זעהט דיך פּאָרט פאַר די אויגען!...“

פּאשקא האָט אָנגענומען זיין האַנד, האָט זי געדריקט פעסט און געלאַכט. די צייהן און די אויגען האָבען געבלישטעט מונטער און העל, אונטער דער שמוציגער מאַסקע, וואָס ער האָט געטראָגען.

„ווי געהט עס דיר פּאָרט?“ האָט איליא געפרעגט.

„אַזוי ווי מען טרייבט אָן, אַזוי געהט עס. איז דאַ וואָס צו פּי־קען, פּיקט מען, און אז ס׳איז ניטאָ, קריצט מען מיט די צייהן און מען קייט די ערד... הא הא! עס פרעהט מיך אַבער, וואָס איך האָב דיך געטראָפען, צו׳ן אַלדע שוואַרצע יאָהר!“

„פאַרוואָס ביסט דו שוין מעהר קיינמאָל ניט געקומען צו אונז?“ האָט איליא געפרעגט מיט אַ שמייכעל.

ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט צו זעהן, ווי זיין אַלטער חבר פאַלט ניט אַראָב ביי זיך און איז פרעהליך, כאָטש ער געהט אַזוי אָב־געריסען. ער האָט אַ קוק געטהאָן אויף פּאשקא׳ס צוריסענע שיך און דערנאָך אויף זיינע נייע, גלאַנציגע שטיוועל, וועלכע האָבען גע־קאָסט ניין רובעל, און ער האָט געשמייכעלט, צופריעדען מיט זיך אַליין.

„וואָס זשע! כ׳וויים דען וואו דו וואוינסט?“ האָט זיך פּאשקא אָנגערופען.

„נאָך אַלץ ביי פּילימאָנאָוו...“

„אַזוי—און יאשקא האָט דאָך געזאָגט, אז דו ביסט ערגעץ אין אַ פיש־קראָם...“

מיט שטאָלץ האָט איליא אַלזאָ דערצעהלט דעם אַלטען קאַמעראַד וואָס ער האָט דורכגעלעבט ביים סוחר סטראָגאַני אין געשעפט, און ווי אַזוי ער איז איצט געוואָרען זעלבסטשטענדיג.

„נאַ, דאָס איז גאָר ניט שלעכט!“ האָט פּאשקא אויסגערו־פען מיט שמחה. „און מיך האָבען זיי אויך אַרויסגעטריבען — פון

www.libtool.com.cn



דער דרוקעריי, הייסט עס, צוליעב מיין פרעכהייט... ביז איך דער־נאך געווען ביי א מאלער, כ'האב דארט די פארבען געמישט און דער־גלייכען.. ביז וואנען איך האב זיך אמאל ארויפגעזעצט אויף א נאר וואס אבגעפארבטען שולד, נו, האט דער עסק, פערשטעהט זיך, גע־פלאצט! געשלאגען האבען זיי מיך, די באנדע — דער בעל הבית, די בעל הבית'טע און דער לעהרען־יונג.. מיט אלע כוחות האבען זיי מיך ארויסגעיאגט צום טייוועל... אצונד בין איך ביי א ברונען־מאַ־כער... זעקס רובל א חודש האב איך.. כ'קום אקארשט פון וואַ־רעמעס, און אט מוז מען צוריקגעהן צו דער ארבייט.."

„אפנים דו יאגסט זיך ניט אזוי שטארק צו דער ארבייט?"

„אך, דער רוח זאל זי כאפען! ווער עס וויים וואס ארבייט איז, דער יאגט זיך ניט נאך דעם... איך מוז נאך אמאל אריבערקו־מען צו אייך..."

„נו געווים, קום נור!" האט איהם איליא איינגעלאדען מיט פריינדשאפט.

„איהר לייענט נאך אלץ ביכער?"

„געווים — און דו?"

„נא, אזוי, ווען ניט ווען..."

„און דו מאכסט נאך פערזען אויך אמאל?"

„יא, אויך פערזען מאך איך..."

פאשקא האט זיך פון דאס ניי צולאכט און מען האט געקענט זעהן, אז ער קוועלט גאר אַ פון נחת.

„ווערסט אלזא קומען, ניט וואהר? און פערגעס ניט די פער־זען?"

„געווים וועל איך קומען... כ'וועל אויך מיטברייגגען אביסעל שנאפס מיט מיר..."

„דו טרינקסט, הייסט עס?"

„נא, אזוי, אביסעל גיסט מען אריין... אבער זיי מיר געזונד!"

„זיי געזונד!" האט איליא געענטפערט.

ער איז זיך אוועק זיין וועג, פערזונקען אין א ים פון מחשבות וועגען פאשקא'ן. עס איז איהם עפעס פארגעקומען אזוי זאנדערבאר

www.libtool.com.cn



וואָס אָט דער אָרימער אינגעל, אָנגעטהאָן אין טראַנטעס, האָט איהם גאָר ניט מקנא געווען פאַר זיינע שעהנע שטיוועל און פאַר זיינע ריינע קליידער; ער האָט ניט אַמאָל אַ קוק געטהאָן אויף זיי. און אַז איליא האָט דערצעהלט, ווי זעלבסטשטענדיג פריי ער לעבט, האָט זיך פּאַשקאַ פון גאַנצען הארצען געפרעהט. דאָס האָט איליא'ן בעאונרוהיגט, כאָטש ער האָט אַליין ניט געוואוסט פאַר וואָס, און ער האָט זיך געטראַכט ביי זיך אין הארצען: וואָס זשע! אָט דער דאָזיגער פּאַשקאַ וויל אַפּנים ניט דאָסזעלבע וואָס אַלע אַנדערע?... וואָס קען מען נאָך בעסערס ווינשען אין לעבען ווי אַ ריין, רוהיג און אונאָבהענגיג לעבען?...

דער עיקר האָט איליא געפיהלט אָט די טרויעריגקייט און אונרוהיגקייט, ווען ער פלעגט אריינקומען אין קירכע. ער האָט זעלטען ווען דורכגעלאָזען אַ גאָטעסדיענסט. ער פלעגט ניט זאָגען דאָס געבעט גלייך מיט די אַנדערע, נאָר ער פלעגט איינפאַך שטעהן ערגעץ אין אַ ווינקעל, קוקען אויפן' פרומען, בעטענדען עולם און זיך צוהערען צום געזאַנג פון דער קירכע. שטיל און אונבעוועגליך זיינען די מענשען געשטאַנען, און אין זייער שטילקייט איז עפּעס געלעגען אַ מין איינהייטליכער געפיהל, פונקט ווי יעדער איינער וואָלט זיך געסטאַרעט דאָסזעלבע צו דענקען וואָס די אַנדערע האָבען געדענקט. די כוואַליעס פון'ם קירכען־געזאַנג האָבען געשוועבט איבער'ן גאַנצען גאָטעסהויז און האָבען זיך אויסגעמישט מיט די וואָלקענס פון ווייררויך אין דער לופטען. אין דער ערנסטער, יום טוב'דיגער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין קירכע, איז געלעגען אַ מין זיסקייט, אַ געפיהל פון פריידען און רוה, וואָס האָט געגלעט די נשמה און דערקוויקט דאָס הארץ און האָט קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט דעם טומעל און גערויש פון לעבען. אין אָנהויב איז דער דאָזיגער איינדרוק געבליבען אָבגעזונדערט אין איליא'ס זעלע, האָט זיך ניט געמישט מיט די אַלטעגליכע איינדריקע זיינע און האָט איהם כלל ניט בעאונרוהיגט. אָבער דערנאָך האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַזוי ווי אינעווייניג ביי איהם אין הארצען לעבט עטוואָס, וואָס קוקט איהם שטענדיג נאָך און גיט אויף איהם אַכטונג. בשעת ער האָט זיך אָבגעגעבען מיט זיינע געוועהנליכע געשעפטען, איז דער „עטוואָס“ געלעגען בעהאַל־

www.libtool.com.cn


טען אין א ווינקעלע ביי איהם אין הארצען און האט איהם געלאָזען צורוה, נאר אזוי גיך ווי ער פלעגט אריינקומען אין קירכע, פלעגט עס אָנהויבען וואקסען אין זיין נשמה און ארויסרופען א מערקווירדי־גען, אונרוהיגען געדאנק, וואס האט אין גאנצען פערניכטעט זיינע חלומות וועגען א בעקוועמען, ריינעם לעבען. אין אזעלכע מאָמענטען פלעגט ער זיך דערמאָנען אָן די ערצעהלונגען וועגען דעם גאָטספורכ־טיגען מאן אנטיפא און אָן די פרומע רייד פון'ם אלטען שמאטעס־קלייבער וועגען דעם ליעבען גאָט:

„גאָט דער האר איז איינער, א חוץ איהם איז ניטאָ קיינער. ער זעהט אלעס, ווייסט אלעס וואס עס טהוט זיך אויף דער וועלט!“

אונרוהיג און צומישט פלעגט איליא קומען אהיים. ער האט געפיהלט, אז זיין צוקונפטס־טרוים פערשווינדעט וואס ווייטער אלץ מעהר, און אז אין איהם גופא שטעקט עפעס אן „אימיצער“, וואס וויל ניט וויסען פון דעם קליינעם קרעמעל, נאך וועלכען ער בענקט אזוי שטארק. אבער דאס לעבען האט זיך געטהאן זיינס און האט בע־זיעגט אָט דעם מערקווירדיגען געפיהל ביי איליא'ן אין הארצען...

מיט יאקאוו'ן, וועמען איליא פלעגט פערטרויען אלצדינג וואס ער האט געהאט אויפ'ן הארצען, האט ער פונדעסטוועגען מכח די נייעס, וואס איז פארגעקומען ביי איהם אין דער זעעלע, קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער אליין פאר זיך אפילו האט קיינמאל קיין חשק ניט געהאט דערפון צו דיינקען.

זיינע אָבענדען האט ער פערבראכט זעהר אנגענעהם. יעדען טאָג, אז ער איז געקומען אהיים פון זיין האנדעל, איז ער אראָב אין קעלער צו מאשא'ן און עפעס אזוי ווי ער וואָלט געוועזען דער בעל הבית האט ער זיך געווענדעט צו איהר מיט דער פראגע:

„נו, מאשוטקא — דער סאמאָוואר איז פארטיג?“

און דער סאמאָוואר איז שוין געווען פארטיג און איז געשטאנען און געזונגען אויפ'ן טיש. איליא האט שטענדיג מיטגעבראכט עפעס צו פערבייסען: בייגעל, אדער פלעצלעך, אדער גאר איינגעמאכטס. און מאשא האט איהם דערפאר מכבד געווען מיט טהעע. דאס יונגע מיידעל האט אויך אָנגעהויבען צו פערדיענען געלד: מאטיצא האט איהר אויסגעלערנט צו מאכען בלומען פון פאפיר, און מאשא פלעגט

www.libtool.com.cn



קלייבען נחת צוזאמענצושטעלען רויטע רויזען פון די פּייניקע, רוי־שענדע בלעטלעך. זי פלעגט פערדיענען ביז צעהן קאָפּיקעס א טאָג. איהר פאָטער איז געווען קראַנק אויף טיפוס. איבער צוויי חדשים איז ער געלעגען אין שפּיטאָל און דערנאָך איז ער צוריקגעקומען אהיים א מאָגערער, אן אויסגעדאַרטער מיט שעהנע שוואַרצע לאָקען אויפ׳ן קאָפּ. ער האָט זיך גלייך געלאָזט אבגאָלען זיין צוקודעלטע באָרד, און כאָטש די באַקען זיינען איהם געווען געל און איינגעפאַלען האָט ער איצט פונדעסטוועגען אויסגעזעהן מיט פינף יאָהר אינגער ווי פריה־ער. געאַרבייט האָט ער ביי יענעם, אין פרעמדע ווערקשטעלען און שלאָפען זאָגאָר פלעגט ער זעלטען קומען אהיים. זיין טאָכטער איז אל־זאָ געווען די גאַנצע בעל הבית׳טע אין שטוב און האָט געקענט טהאָן דאָרט וואָס זי האָט געוואָלט. זי פלעגט איהם פעררייכטען די קליידער און האָט איהם גערופען, פונקט ווי אלע אנדערע, ביי זיין איינפאַכען נאָמען: פערפישקאַ. דער שוסטער האָט גאָר אָנגעקוואָלען דערפון. זיין טאָכטער׳ס בענעהמען זיך געגען איהם האָט איהם פערשאַפט שפּאַס און ער האָט איהר זאָגאָר רעספּעקטירט דערפאַר וואָס זי האָט געקענט לאַכען מיט אזא מונטערקייט און מיט אזוי פיעל האַרץ, פונקט ווי ער אליין.

די טהעע־אָבענדען ביי מאשא׳ן זיינען געוואָרען א גאַנץ גע־וועהנליכע זאַך פאַר איליא׳ן און יאַקאָוו׳ן. די קינדער פלעגען זיצען שטונדען־לאַנג ביים טיש און טרינקען, און פלוידערען פערשוויצטער־הייט איבער אלערליי זאַכען, וואָס האָבען זיי אינטערעסירט. איליא האָט יעדען אָבענד אָבגעגעבען א בעריכט פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזעהן א גאַנצען טאָג אין גאַס, און יאַקאָוו, וועלכער איז א גאַנ־צען טאָג געלעגען איבער זיינע ביכער, האָט דערצעהלט וואָס ער האָט געלייענט, און וואָס פאַר מעשים עס האָט זיך דעם גאַנצען טאָג אָב־געטהאָן אין שיינק. ער האָט זיך אויך שטענדיג בעקלאָגט אויף זיין פאָטער, און אָפטמאָל פלעגט ער אזוי פלוידערן, אז איליא און מאשא האָבען ניט געקענט פערשטעהן וואָס ער רעדט.

מאשא איז פון אין דער פריה ביז אין אָבענד געזעסען אין איהר קעלער־שטוב, געאַרבייט און געזונגען ליעדער. זי פלעגט זיך צוהע־רען צו דעם געשפּרעך פון די אינגלעך. אליין האָט זי זעהר ווייניג

www.libtool.com.cn



געדעדט, נאר אז עס איז געווען פון וואס צו לאכען האט זי שטענדיג געלאכט מיט אלעמען. דער טהעע האט זיי אלעמען גוט געשמעקט, און דער סאמאוואר, וועלכער איז געווען ווי בעצויגען מיט א גרינליכע הויט, האט זיי דורך זיין הויכען אלטען קוימען פריינדליך צוגעזונגען. יעדעס מאל כמעט, ווען די קינדער האבען ערשט ריכטיג חשק געקראגען צום טרינקען, פלעגט ער אנפאנגען מיט א גוטמוטהיגער בייזקייט צו זשומען און צו זשורען, און עס האט זיך ארויסגעצייגט, דאס עס איז מעהר קיין וואסער ניטא. מאשא פלעגט איהם א כאפ טהאן און אוועקלויפען צוגיסען פרישע וואסער — און דיזע ארבייט האט זי מעהרערע מאל דורכ'ן אבענד געדארפט ווידערהאלען.

אויך די לבנה האט מיט איהר שיין אנטהייל גענומען אין די פריינדליכע אונטערהאלטונגען פון די קינדער. אלע מאל מיט א גלייכע געשטאלט, ווי א גרויסער שימערענדער פלעק, פלעגט זי אריינקוקען דורך דעם פענסטער פון שטיבעל.

אין דיזער קליינער גרוב, איינגעפרעסט צווישען האלב פערפוילטע ווענד און דעם שווערען דיקען באלקען, האט כמעט שטענדיג געהערשט א מאנגעל אין לופט, ליכט, וואסער, ברויט, צוקער און פיעלע אנדערע זאכען; דערפאר אבער איז דארט שטענדיג געווען פרייליך און לוסטיג, און יעדען אבענד פלעגען דארט געבוירען ווערען פיעלע עדלע געפיהלען און יונגע, אונשולדיגע געדאנקען.

צייטענווייז פלעגט אויך פערפישקא פערברייננגען צוזאמען מיט זיי ביים טהעע. געוועהנליך פלעגט ער זיצען אין א טונקלען ווינקעל פון צימער, לעבען דעם נידעריגען, האלב אין דער ערד איינגעזונקענעם אויווען, אדער ער פלעגט גאר ארויפקלעטערן אויפ'ן אויווען און זיצען מיט'ן קאפ אראבגעהאנגען צו דער ערד, אזוי אז זיינע ווייסע קליינע צייהן האבען געבלישטשעט אין דער דונקעלהייט דאן, ווען ער פלעגט עפענען דאס מויל צו ריידען. זיין טאכטער פלעגט איהם, ווי דער שטיינער איז, דערלאנגען א גרויסע קאן טהעע, א שטיקעל צוקער און ברויט. לאכענדיג פלעגט ער עס צונעהמען און זאגען:

„א שעהנעם דאנק, מאריא פערפיליעוונא. כ'בין טיעף געריהרט פון אייער גוט הארץ...“

אפטמאל פלעגט ער מיט א זיפץ פון קנאה זיך אברופען:

www.libtool.com.cn



„איהר לעבט ווירקליך גרויסארטיג, קינדער — אז דער גוטער יאהר זאָל אייך וויסען! זעהר שעהן — גאר ווי מענשען, בנאמנות!"
און מיט א שמייכעל און א זיפץ צוזאמען האָט ער ווייטער געזאָגט:
„דאָס לעבען פון די מענשען ווערט אלץ שעהנער... אלץ אנגע־נעהמער ווערט עס פון יאהר צו יאהר! אין אייערע יאָהרען האָב איך מיך נור אונטערהאלטען מיט'ן רימען. געפּאסעוועט האָט מען מיין רוקען מיט איהם — און איך האָב פון פערגניגען געוואויעט און געשריגען, אזוי הויך ווי איך האָב נור געקענט. אז דער רימען האָט זיך אבגעשטעלט — דאן איז מיין רוקען געוואָרען בייז, האָט גענומען בורטשען און זיך קנייטשען, געביינקט האָט ער נאָך זיין ליעבען פריינד. נאָ, לאנג האָט ער אויף זיך ניט געלאָזט ווארטען — ס'איז, פערשטעהט איהר מיך, געווען א זעהר גוטער, ליעבהארציגער רימען. דאָס איז געווען מיין גאנצער נחת, מיין גאנצע אונטערהאלטונג אין דער צייט, וואָס איך האָב זיך די מלאכה געלערנט! אָט ווערט איהר באַלד גרעסער, גערן וועט איהר זיך תמיד דערמאָנען... אָז די גע־שפּרעכען, אָז די פערשיעדענע פּאסירונגען און דאָס גאנצע אנגענעה־מע לעבען, וואָס איהר האָט דאָ פערבראכט. און איך בין גרויס און אלט געוואָרען — כ'צעהל שוין, מישטיינס געזאָגט, זעקס און דריי־סיג יאהר — און איך האָב גארנישט, אָן וואָס איך וואָלט זיך געקענט דערמאָנען! ניט אמאָל א פּונקט! גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט איז אין מיין זכרון געבליבען. אקוראט ווי איך וואָלט געווען טויב און בלינד אין מיינע יונגע יאָהרען... נור אין דעם דערמאָן איך זיך יאָ, אז עס האָט מיך געוואָרפען א צאָהן אָן א צאָהן פאר הונגער און קעלט, און אז דאָס געזיכט איז מיר געווען ברוין און בלאָה... ווי אזוי מיינע ביינער, מיינע אויערן און מיינע האָר האָבען געקענט בלייבען גאנץ — דאָס קען איך בשום אופן ניט פערשטעהן. געשלאָגען, גע־ממית'ט האָבען זיי מיך, אז די שמאטעס, כ'בעט איבער אייער כבוד, זיינען שטיקער־ווייז פון מיין לייב געפלויגען אין דער לופט־טען. אך יאָ, דאָס איז אביסעל געווען א צייט... ווי א שטריק האָבען זיי מיך צונויפגעדרעהט... אבער כאָטש זיי האָבען מיך געשלאָגען. מיין בלוט ווי וואסער געזויגען און די פעל מיר איבער די אויערן

www.libtool.com.cn



אריבערגעצויגענע — דער רוס אין מיר איז פונדעסטוועגען לעבען גע־בליבען! אז עס קשה עורף, א געדולדיגע, אויסדויערענדע ראסע זיי־נען זיי, אַט די רוסען! אין א שטויסעל קען מען זיי צושטויסען — זיי וועלען שטענדיג זיין צוריק אויף זייער פלאַץ. אַט נעהמט מיך למשל: אין מעהל האָבען זיי מיך צומאָלען, אין דינע שפּענער צושפּאָלטען— און איך לעב פונדעסטוועגען אזוי פרעהליך, אזוי נחת'דיג, ווי דער רוח אין וואלד, פלאַטער ארום לוסטיג פון איין שענק אין צווייטען און כ'בין צופריעדען מיט דער גאנצער וועלט! גאָט דער האר, פער־שטעהט איהר מיך, האָט מיך גאַרנישט פיינט... איינמאָל האָט ער מיך דערזעהן, האָט ער זיך געמוזט צולאַכען... „אַה, דו ביסט עס!" האָט ער זיך אָבגערופען — און האָט מיך געלאָזט לויפען..."

די יונגע חברה־לייט האָבען אויסגעהערט דעם שוסטער'ס וויצי־גע רעדעס און האָבען געלאַכט. אויך איליא האָט געלאַכט, דאָך אבער האָט פערפּישקא'ס זינגענדיגער קול ארויסגערופען אין איהם א גע־דאנק, וועלכער האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָבטרעטען פון איהם און האָט איהם כסדר געעגבערט דעם מוח. איינמאָל האָט ער ביי זיך בעשלאָסען דעם דאָזיגען געדאנק ארויסצוגעבען און זוכען אן ער־קלעהרונג צו איהם. מיט א שמייכעל האָט ער אלזאָ דעם שוסטער געפרעגט:

„וואָס זשע, דו האָסט טאַקי אין דער אמת'ן קיין שום וואונש ניט אויף דער וועלט? בעגעהרסט גאַרנישט, פערפּישקא?"

„ווער זאָגט עס דען? א שנעפּסעל, למשל, האָב איך נאָך קיינ־מאָל ניט אויפגעהערט צו ווילען..."

„ניין, זאָג אקאַרשט דעם ריינעם אמת! דו מוזט דאָך וואָס עס איז ווילען אויף דער וועלט?" האָט זיך איליא איינגע'עקשן'ט.

„דעם אמת ווילסט דו וויסען? נאָ, אלזאָ... א נייע האַרמאָניקאָ וויל איך... א היבשע, שעהנע האַרמאָניקאַ — דערצו האָב איך חשק... אזוי, פאַר פינף און צוואַנציג רובל! האָ—דאָן וואָלט איך אייך שוין וואָס פאַרגעשפּיעלט!"

ער האָט געשוויגען און צופריעדען געלאַכט אין זיך. מיט אמאָל איז איהם דורכגעלאָפען א געדאנק אין קאָפּ. ער איז געוואָרען ערנסט, און מיט אן איבערצייגטען טאָן האָט ער זיך אָנגערופען צו איליא'ן:

www.libtool.com.cn



„נ—ניין, ברודער — אויך קיין נייע האַרמאָניקא ווייל איך ניט... ווייל ערשטענס: אויב זי איז א טהייערע כלי, דאן וועל איך זי גאנץ בעשטימט פערקויפען. און צווייטענס: ווען עס אקאַזיעוועט זיך, אַז זי איז ערגער ווי מיין איצטיגע — וואָס וועט דאן זיין? מיין איצ־טיגע האַרמאָניקא, פערשטעהסט דו מיך, איז אן אמת'ע טשאַטשקע! גאַרניט צו בעצאָהלען איז זי! אין איהר האָט זיך מיין נשמה בע־זעצט! זי פערשטעהט מיך אזוי גוט: כ'דאַרף נאָר צולייגען די פינ־גער צו די טאַסטען — און זי זינגט שוין! אַן אמת'ע זעלטענהייט איז מיין האַרמאָניקא — ניטאָ פילייכט קיין צווייטעם פון דעם סאָרט אויף דער וועלט... א האַרמאָניקא — איז פונקט ווי א פרוי... אויך א פרוי האָב איך געהאַט — זי איז געווען א מלאך און ניט קיין מענש! און אַז איך זאָל א שטייגער איצט ווענדען איבער א נייעם חתונה האָבען — ווי אַזוי קען איך עס דען? א צווייטע אַזאַ, ווי מיין זעלי־גע איז געווען, וועל איך שוין מעהר ניט געפינען... פון א נייער פרוי פערלאַנגסט דו, צי דו ווילסט צי ניט, דאָס וואָס דו האָסט פריהער געהאַט פון דער ערשטער — און אַז זי איז ניט גענוג פאַר דיר, קען עס ווערן ביטער אי פאַר מיר, אי פאַר איהר! אַזוי איז דאָס... אַך, ברודער, ניט דאָס איז גוט, וואָס גוט איז, נאָר דאָס, וואָס איינעם געפעלט...“

אַז פערפישקאַ'ס האַרמאָניקא איז ווירקליך ויערטה געלויבט צו ווערן — דערמיט איז איליא געווען איינשטימיג. דעם שוסטער'ס אינסטרומענט האָט ביי יעדען איינעם, וואָס האָט עס געהערט, ארויס־גערופען דיזעלבע בעוואונדערונג, דורך זיין פיין־קלינגענדען, צאַרטען טאָן. אָבער איליא'ן האָט אויך קיין פאַל ניט געקענט רעכט ווערן, אַז פערפישקא זאָל גאָר קיין ווינשע ניט האָבען אין לעבען. די פראַגע האָט זיך איהם געשטעלט גאַנץ קלאָהר און שאַרף: קען א מענש אָבלעבען זיין לעבען לאַנג אין שמוץ, ארומגעהן אָבגעריסען און אָב־געשליסען, אין טראַנטעם, טרינקען בראַנפען, שפּיעלען אויף דער האַרמאָניקא און ווייטער קיין שום אנדער זאַך, קיין שום בעסערע זאַך ניט בעגעהרען? עס האָט זיך ביי איהם געיאוועט א געדאַנק, אַז דער וואונשלאָזער פערפישקא מוז נאָך אַלעמען זיין אביסעל געריהרט פון זינען. דאָך האָט ער דעם דאַזיגען לוסטיגען און זאָרגלאָזען מענ־

www.libtool.com.cn



שען כסדר בעטראכט מיט גרויס אינטערעסע און ער האט געפיהלט, אז דעם שוסטער איז אסך גרינגער אויפ'ן הארצען ווי די איבעריגע לייט פון הויז, כאטש ער איז א שכור און א טויגעניכטס.

צייטענווייז האבען עס די יונגע חברה אויך געוואגט זיך אריינ־צולאזען אין אזעלכע פראגען, וועלכע עפענען זיך ווי טיעפע אבגרונ־דען פאר'ן מענשען און ציהען אראב מיט מאכט זיין דורסטיגען גייסט און זיין הארץ אין זייער געהיימניספולע טיעפעניש. יאקאוו האט עס שטענדיג בעריהרט אט די פראגען. ער האט געקראגען א מאדנע טבע: איבעראל, וואו ער איז געשטאנען אדער געזעסען, האט ער זיך אן עפעס געמוזט אנהאלטען, פונקט ווי ער וואלט זיך עפעס ניט גע־פיהלט זיכער אויף זיינע פיס. אז ער איז געזעסען, האט ער זיך אימער אנגעשפארט מיט די שולטערן אן עפעס, אדער ער האט זיך גאר אנגעהאלטען דערין מיט זיינע הענד. אז ער איז געגאנגען מיט זיינע שנעלע טריט אין גאס, האט ער תמיד געמוזט בעריהרען מיט דער האנד די שטיינער פון די וואנד, אזוי ווי ער וואלט זיי גע־צעהלט. אז ער איז געווען ביי מאשא'ן צום טהעע, איז ער שטענדיג געזעסען ביים פענסטער, מיט'ן רוקען אנגעשפארט צו דער וואנד און די לאנגע פינגער פון זיינע הענד האט ער אימער געהאלטען, ענט־ווערער אויפ'ן שטוהל אדער אויפ'ן ראנד פון טיש. זיין גרויסען קאפ, מיט פיינע, גלאטע, בלאנדע האר, אן א זייט, האט ער געקוקט אויף די, וואס האבען גערעדט צו איהם, און די בלויע אויגען אין זיין בלייך געזיכט זיינען ענטוועדער געווען האלב צוגעמאכט אדער גאר אויפגעריסען, אין גאנצען אפען. ער האט אלץ ליעב געהאט צו דער־צעהלען זיינע חלומות, און ער האט קיינמאל ניט געקענט איבערגע־בען דעם אינהאלט פון א בוך, וואס ער האט געלייענט, ניט מוסיף זייענדיג עפעס פון זיך אליין, עפעס וואס איז געווען אונפערשטענד־ליך און דונקעל פאר זיינע צוהערער. איליא פלעגט איהם כסדר אויס־ריידען דערפאר, אבער יאקאוו האט זיך דערפון ווייניג וואס געמאכט און האט איינפאך געזאגט:

„אזוי ווי איך דערצעהל עס, איז'ס בעסער. נור די הייליגע ביבעל טהאר מען ניט ענדערן, ווי מען וויל — מיט אנדערע ביכער אבער איז עס ערלויבט. זיי זיינען געשריבען געווארען פון מענשען — און

www.libtool.com.cn



איך בין דאָך אויך א מענש! כ'קען זיי אויסבעסערן, ווען זיי געפעה־
לען מיר ניט... אבער זאָג מיר אקאָרשט עפּעס אַן אנדער זאַך: אַז דו
שלאָפסט — וואו איז דעמאָלט דיין נשמה?"

„פון וואַנעז זאָל איך עס וויסען?" האָט געענטפערט איליא, וועלכער האָט ניט ליעב געהאַט אַזעלכע פראַגען, ווייל זיי פלעגען אין איהם ארויסרופען א שמערצליכען געפיהל, וואָס האָט איהם בעאונרוהיגט.

„איך מיין גאַנץ בעשטימט — זי פליהט אוועק!" האָט יאַקאָוו ערקלעהרט.

„פערשטעהט זיך, אַז זי פליהט אוועק," האָט איהם מאשא געגעבען איהר הסכמה מיט אַן איבערצייגטען טאָן.

„פון וואַנען ווייסט דו'ס דען?" האָט איהר איליא געפרעגט שטרענג.

„אַזוי... כ'מיין, עס מוז אַזוי זיין..."

„נו, געווים פליהט זי אוועק," האָט יאַקאָוו ווידערהאָלט מיט א שמייכעל. „זי מוז זיך דאָך אויך אויסרוהען... דערפון נעהמען זיך די חלומות..."

איליא האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן אויף דער דאָזי־גער בעמערקונג און ער האָט געשוויגען, כאָטש ס'האָט זיך איהם זעהר שטאַרק געוואָלט עפּעס ענטפערן זיין פריינד. א ווייל'ע זיינען זיי אַלע דריי געבליבען שטיל. אין דעם טונקעלען קעלער־שטיבעל איז דערווייל געוואָרען נאָך דונקעלער. דער קנויט פון לאָמפ האָט זיך געהויבען און אראָבגעלאָזען און עס האָט זיך אין שטוב געהערט דער שטיקענדער ריח פון די קוילען אונטערן סאַמאָוואַר. פון דערווייטען איז אריבערגעקומען אהער א מאָדנער טומעל: דער ליאַרם פון שענק, וואו עס האָט געוויִשט און געטומעלט, טויב צו ווערן, און ווידער אמאָל האָט זיך געלאָזט הערען יאַקאָוו'ס פיינע שטימע:

„אַט ליאַרעמען די מענשען... און אַרבייטען... און אַזוי ווייטער. דאָס רופט מען—לעבען! און דאַן, מיט אמאָל—קלאַפּ! איז דער מענש טויט. וואָס הייסט דאָס? וואָס דענקסט דו דעריבער, איליא?"

„דאָס בעדייטעט גאָרנישט... זיי זיינען איינפאַך אַלט געוואָרען, מוזען זיי שטאַרבען..."

www.libtool.com.cn



„דאָס שטימט ניט... עס שטאַרבען דאָך אויך יונגע מענשען און קינדער... אויך געזונדע מענשען שטאַרבען.“

„אַז זיי שטאַרבען, זיינען זיי אודאי ניט געווען געזונד...“

„און פאַרוואָס לעבען די מענשען איבערהויפּט ?“

„דאָס איז מיר יאָ כיטרע געפרעגט !“ האָט זיך איליא אָבגערו־פען מיט א שפּאָטישען טאָן, מחמת ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק גענוג די דאָזיגע פראַגע צו פערענטפערן. „זיי לעבען, כדי צו לעבען! זיי אַרבייטען און ווילען מאַכען זייער גליק. יעדער מענש וויל לעבען גוט, זוכט א געלעגענהייט זיך אָרויפּצואַרבייטען. אַלע זוכען אַזעלכע געלעגענהייטען, רייך צו ווערען און צו לעבען אין פערגניגען...“

„דאָס טהוען די אָרעמע. אָבער די רייכע ? זיי האָבען דאָך שוין אַלצדינג... וואָס האָבען זיי נאָך צו זוכען ?“

„אוי, ביסט דו א קלוגער קאָפּ ! די רייכע ! אַז זיי וואָלטען ניט געווען — פאַר וועמען זשע וואָלטען די אָרעמע געאַרבייט ?“

יאַקאָוו האָט נאָכגעדיינקט א ווייַלע און האָט געפרעגט :

„וואָס זשע ! דו מיינסט אַלזאָ, אַז אַלע לעבען נור פון דער אַרבייט וועגען ?“

„נאָ, פערשטעהט זיך... ס'הייסט, ניט גראָד אַלע... א טהייל אַר־בייטען, און די אַנדערע — לעבען פּשוט אַזוי. זיי האָבען שוין פריה־ער געאַרבייט, האָבען אָנגעשפּאָרט געלד... און געניסען איינפאַך דאָס לעבען.“

„און צו וואָס לעבט מען איבערהויפּט ?“

„אָה, צום טייפעל ! ווייל ס'ווילט זיך לעבען ! ווילט זיך דיר אפשר ניט לעבען ?“ האָט איליא אויסגערופען, אויפגעבראַכט אויף זיין פריינד. ער האָט זיך פונדעסטוועגען כמעט אַליין ניט געקענט אָבגעבען קיין רעכנונג, פאַרוואָס אייגענטליך ער איז אין כעס — צי דערפאַר ווייל יאַקאָוו פרעגט איבערהויפּט אַזעלכע קשיות, אָדער מחמת ער פרעגט זיי אַזוי אומגעלומפּערט. ער האָט געפיהלט, אַז יאַ־קאָוו'ס פראַגען האָבען אין איהם ערוועקט געוויסע ספקות, צווייפלען. וועלכע ער האָט זיך ניט געקענט פערענטפערן.

„פאַרוואָס לעבסט דו אַליין אַלזאָ ? זאָג פאָרט פאַרוואָס ?“ האָט זיך איליא צושריען אויף יאַקאָוו'ן.

www.libtool.com.cn



„אַט דאָס ווייס איך טאַקי אַליין ניט," האָט זיך יאַקאָוו אונטער־געגעבען. „פון מיינעטוועגען וואָלט איך אויך געקענט שטאַרבען. ס'מוז אפילו זיין שרעקליך... אָבער ס'ווילט זיך דאָך וויסען, ווי אַזוי עס איז."

און דערנאָך האָט ער פּלוצלונג אָנגעפאַנגען מיט אַ טאָן פון אַ פריינדשאַפטליכען אויסרייד:

„דו ווערסט אין כעס גאָר אָהן אַ שום אורזאַכע. דיינק נור אָקאָרשט נאָך: די מענשען לעבען צוליעב דער אַרבייט, און די אַר־בייט ווידער עקזיסטירט די מענשען צוליעב... דאָס איז אַקוראַט ווי ווען מען דרעהט אַ ראָד... אַלץ אויף איין און דעמזעלבען אָרט, און פאַרוואָס עס דרעהט זיך, קען מען ניט בעגרייפען... וואו בלייבט אָבער גאָט? ער איז דאָך דער אַקס, דער שטאַנג אויף וואָס אַלץ דרעהט זיך! ער האָט געזאָגט צו אָדם און חוה'ן: זייט פרוכטבאַר, מעהרט זיך און פילט אָן די ערד מיט מענשען — אָבער צו וואָס?"

און זיך צובויגענדיג צו איליא'ן, האָט ער איהם, מיט אַן אויס־דרוק פון שרעק אין די בלויע אויגען זיינע, שטילערהייט געזאָגט:

„ווייסט וואָס? איך גלויב, אַז דער ליעבער גאָט האָט זיי טאַקי געזאָגט צו וואָס... איז אָבער אימיצער געקומען און האָט די ער־קלעהרונג אוועקגערויבט... אוועקגע'גנב'עט האָט ער זי און ערגעץ פערשטעקט.... און דאָס איז געווען דער שטן! ווער דען זשע האָט עס געזאָלט זיין, אַז ניט ער? און דעריבער ווייס טאַקי קיין מענש ניט, צו וואָס ער לעבט אויף דער וועלט..."

איליא האָט זיך צוגעהערט צו זיין פריינד'ס אָבגעריסענע רייד, וועלכע האָבען זיך ניט געבונדען איינע אָן די אַנדערע: ער האָט גע־פיהלט ווי זיי קריכען איהם טיעף אין דער נשמה אריין, און ער האָט געשוויגען.

יאַקאָוו אָבער האָט וואָס ווייטער אַלץ האַסטיגער גערעדט, און אַלץ שטילער איז געוואָרען זיין שטימע. זיינע אויגען האָבען אַרויס־געשטאַרטשעט, זיין בלאַס געזיכט האָט געציטערט פון שרעק און זיי־נע ווערטער זיינען וואָס ווייטער אַלץ אונפערשטענדליכער געוואָ־רען.

„וואָס וויל גאָט איינענטליך פון דיר — ווייסט דו עס? אהא?"

www.libtool.com.cn



האָט ער מיט אמאָל אויסגעשריען, פּיהלענדיג, אז ער האָט בעזיעגט זיין שוויינענדען חבר. און פון דאָס ניי האָבען זיך פון זיין מויל גע־נומען שיטען האַלבע ווערטער, אָהן א שום צוזאַמענהאַנג. מאַשאַ האָט ערשטוינט, מיט אן אָפענעם מויל, געקוקט אויף איהר פריינד און בעשיצער. איליא איז געוועזן שטאַרק געערגערט, און פאַר פער־דרוס האָט ער צונויפגעצויגען דעם שטערן. עס האָט איהם פערדראָסען וואָס ער פערשטעהט ניט יאַקאָוו'ס רייד. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר קליגער פון יאַקאָוו'ן. וועלכער האָט איהם אבער שטענדיג איבער־ראַשט מיט זיין וואונדערבאַרען זכרון און מיט דער געשיקטקייט, מיט וועלכער ער פלעגט ריידען איבער אלערליי העכערע פראַגען. אז עס איז איהם ענדליך געוואָרען איבערדריסיג זיך צוצוהערען צו זיין חבר'ס אונפערשטענדליכע ווערטער, וועלכע האָבען איהם ארומגע־נומען און געדריקט, אזוי ווי א געדיכטער טומאַן, דאַן האָט ער איינפאַך איבערגעשלאָגען דעם רעדנער און מיט כעס געזאָגט:

„אָבער הער שוין אמאָל אויף, צו'ן אלדע שוואַרצע יאָהר! וואָס ער האָט עס דאָ אזוינס צונויפגעפּלאָפּעלט! האָסט צופיעל געלייענט, דאָס איז די צרה... פערשטעהסט אליין ניט, וואָס דו רעדסט!...“

„הערסטו! אָט טאַקי דערפון רעד איך דאָך, אז איך פערשטעה גאָרנישט,“ האָט יאַקאָוו געענטפערט ניט ווילענדיג און פערוואונ־דערט.

„טו זאָג זשע עס גאָר פּשוט ארויס: „איך פערשטעה גאָרנישט“ — אָנשטאָט כסדר צו פּלוידערן ווי א פעררוקטער... און איך זאָל דאָ זיצען און דיך אויסהערען!...“

„ניין, וואַרט אקאָרשט!“ האָט יאַקאָוו ווייטער גערעדט. „איי־גענטליך איז דאָך אונז אלצדינג אונבעגרייפליך. אָט למשל... לאָ־מיר נעהמען דעם לאָמפּ. איך זעה, אז ס'איז פאַראַן פייער אין איהם, אָבער פון וואַנען נעהמט זיך דאָס פייער? מיט איין מאָל איז'ס דאָ — און דערנאָך איז עס ווידער מיט אמאָל ניטאָ, פערשוואונדען! רייבסט אָן א שוועבעלע... עס ברענט... דאָס פייער האָט אלזאָ שטענדיג גע־מוזט זיין דעריין... אפשר פליהט עס גאָר ארום אין דער לופט, נאָר מיר זעהען עס ניט?“

אָט די נייע פראַגע האָט איליא'ן שטאַרק פעראינטערעסירט. דער

www.libtool.com.cn



פערדריס'ליכער, פערקרימטער אויסדרוק איז איהם פערשוואונדען פון געזיכט, און בעטראכטענדיג דעם לאָמפּ האָט ער געזאָגט:

„אז ס'וואָלט געווען אין דער לופט — דאן וואָלט דאָ תמיד געווען ווארים. דאָס שוועבעלע אבער ברענט דאָך אויך, ווען ס'איז א פראָסט.. אלזאָ איז עס ניט אין דער לופט...“

„און וואו זשע דען איז עס?“ האָט יאקאָוו געפרעגט, קוקענדיג מיט אָפענע אויגען אויף זיין קאמעראד.

„אין'ם שוועבעלע איז עס!“ האָט זיך געלאָזט הערען מאשא'ס פיין קול'כעל. אבער אין די ערנסטע, וויכטיגע ויכוחים פון די צוויי פריינד זיינען דעם מיידעל'ס בעמערקונגען שטענדיג געבליבען אונבעמערקט; איליא און יאקאָוו האָבען זיך גארניט צוגעהערט צו זיי. מאַשאַ האָט זיך שוין צוגעוואוינט דערצו און האָט זיך ניט געפיהלט בעליידיגט דערפון.

„וואו זשע דען איז עס?“ האָט איליא א געשריי געגעבען מיט אויפרעגונג. „דאָס ווייס איך ניט, און איך וויל עס גאָר ניט וויסען! איך ווייס נור, אז מען דאַרף די האנד אהין ניט ארייןשטעקען, און אז עס וואַרמט, ווען מען שטעהט לעבען דעם. דאָס איז גענוג פאַר מיר...“

„קוק איהם נור אָן, דעם חכם מיינעם!“ האָט זיך יאקאָוו אָנגערופען אין א לעבעדיגען טאָן. „איך וויל עס ניט וויסען! דאָס קען איך אויך זאָגען — און יעדער דומקאָפּ קען עס... ניין, דו ערקלעהר מיר נור — פון וואנען נעהמט זיך דאָס פייער? ווענען ברויט וויל איך גאָרנישט פרעגען; דאָ איז מיר אלץ קלאָהר. פון'ם קאָרן ווערן קערנדלעך, פון די קערענדלעך מעהל, פון מעהל טייג — און דאָס ברויט איז פאַרטיג. אבער ווי אזוי ווערט דער מענש געבוירען?“

מיט בעוואונדערונג און קנאה האָט איליא בעטראכט זיין פריינד'ס מעכטיגען קאָפּ. צייטענווייז, אז יאקאָוו פלעגט איהם צושפּאַרען צו דער וואנד מיט זיינע פראגען, פלעגט ער אויפשפּרינגען פון זיין פּלאַץ און ארויספּלאַצען מיט א מבול פון גראָבע שימפּפ־ווערטער. געוועהנליך פלעגט ער זיך דערנאָך ווידער אוועקזעצען לעבען אויווען, פלעגט אָנשפּאַרען זיין ברייטע, הויכע געשטאַלט, און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ פלעגט ער זאָגען:

www.libtool.com.cn



„דו צוטומעלסט מיר גאר דעם קאפ... מיט דיינע פוסטע זאכען! ביסט ווירקליך עפעס ניט ביים ריינעם זינען. דאס קומט דערפון, וואס דו האסט גארנישט וואס צו טהאן. מישטיינס געזאגט, וואס פאר א לעבען דו פיהרסט! שטעהן הינטערן בופעט — דאס איז אויך מיר א גרויסער קונץ! דאס גאנצע לעבען לאנג וועסט דו דארט שטעהן, ווי א גולם... דו וואלסט געדארפט ארומוואנדערן איבער דער שטאדט. אזוי ווי איך, פון אין דער פריה ביז אויף דער נאכט, טאג איין טאג אוים, און אליין פערדיענען דיין שטיקעל ברויט — דאן וואלט דיר אין זינען ניט געלעגען אזעלכע נארישע, פוסטע זאכען! דו וואלסט דאן נור איין זאך געהאט אין זינען ווי זיך ארויפצוארבייטען, ווי אזוי צו מאכען דיין גליק. קיין וואונדער ניט וואס דיין קאפ איז אזוי גרויס, אז דו פאקסט איהם אן מיט אזוי פיעל דומע געשיכטען. קלוגע געדאנקען זיינען קליין — פון זיי ווערט דער קאפ ניט אזוי אנגע־בלאזען..."

איינגעבויגען איבער'ן שטוהל, מיט די הענד אנגעשפארט אן טיש, איז יאקאוו אין דער גאנצער צייט געזעסען און האט קיין ווארט ניט אויסגערעדט. צייטענווייז נור האבען זיך זיינע ליפען שטילער־הייט בעוועגט און זיינע אויגען האבען געבלישטשעט. און אז איליא האט געענדיגט און האט זיך צוריק אנידערגעזעצט אויפ'ן שטוהל, האט יאקאוו פון דאס ניי אנגעפאנגען צו פילאזאפירען:

„מען זאגט, אז עס איז פאראן א בוך, א וויסענשאפט —„שווארץ קינסטלעריי" הייסט עס. דארט איז אלצדינג ערקלעהרט... ווי אזוי, און פאר־וואס און נאך־וואס... דאס דאזיגע בוך וואלט איך נאך אמאל געוואלט געפינען און עס דורכלייענען... וואלסט דו חשק געהאט עס צו לעזען... שרעקליך מוז עס זיין..."

בשעת די צוויי פריינדע האבען אזוי גערעדט, האט זיך מאשא צוגעזעצט אויף איהר בעט און מיט איהרע שווארצע אויגען האט זי פון דאנען געקוקט דא אויף איינעם און דא אויפ'ן צווייטען. באלד האט זי אנגעפאנגען צו געגעצען, דערנאך האט זי זיך צוגעשפארט, און ענדליך האט זי זיך אין גאנצען אויסגעשטרעקט אויף איהר גע־לעגער.

„נא, ס'איז צייט צו געהן שלאפען," האט זיך איליא אבגערופען.

www.libtool.com.cn



„וואַרט... כ'וועל נור זאָגן מאַשאַ'ן אַ גוטע נאַכט און וועל פערלעשען דעם לאָמפּ."

אַז ער האָט דערזעהן, ווי איליא שטרעקט שוין אויס די האַנד צו עפענען די טהיר האָט ער מיט אַ וויינענדיגען טאָן געזאָגט:

„נו וואַ—אַרט זשע! כ'שרעק זיך אַליין... אין דער פינסטער..."

„אוי, ביסט דו מיר אַ העלד! האָט לונעוו געזאָגט מיט שפּאָט.

„זעכצעהן יאָהר איז דיר געוואָרען און דו ביסט נאָך אַלץ אַזוי ווי אַ קליין קינד. איך האָב גאָר קיין מורא ניט — און אַז דער טייוועל אַליין זאָל מיר אפילו אין וועג קומען! קיין האָר וועל איך מיר ניט לאָזען צונעהמען. און דו..."

ער האָט אַ מאַך געטהאָן צו יאַקאָוו'ן מיט דער האַנד, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פון איהם אין גאַנצען מיאוס געווען. דיזער האָט נאָך אַמאָל, פּונקט ווי אַ געטרייער וועכטער, אַ קוק געטהאָן אויף מאַשאַ'ן און האָט אויסגעבלאָזען דעם לאָמפּ. דער פלאַם האָט אַ צוק געטהאָן און האָט זיך פערלאָשען. אין צימער האָט זיך שטילינקערהייט אריינגע־גנב'עט די פינסטערנים פון דער נאַכט און האָט זיך גלייך צושפּרייט אין אַלע ווינקעלאַך. און אַז די לבנה פלעגט שטעהן אין דרויסען, אויפ'ן הימעל, דאַן פלעגט איהר מילדע, בלויע שיין אריין דורכ'ן פענסטער און זיך אָבשלאָגען אויף דער פּאָדלאָגע פון צימער.

## 10.

איינמאָל, ס'איז געווען אַ יום טוב, איז איליא לונעוו געקומען אַהיים גאַנץ בלאַס, מיט אַ פּערביסענעם אויסדרוק אויפ'ן געזיכט. ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען, אין די קליידער האָט ער זיך אַני־דערגעוואָרפען אין זיין בעט. אַזוי ווי אַ שטיק האָלץ איז דער צאָרן געלעגען אין זיין ברוסט. דער רוקען האָט איהם אַזוי שטאַרק וועה געטהאָן, אַז ער האָט ניט געקענט דעם קאָפּ אויסדרעהען, און ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז דער גאַנצער קערפּער טהוט איהם וועה פון דעם ביטערן עגמת נפש, וואָס ער האָט אין יענעם טאָג געהאַט.

יענעם טאָג, אין דער פריה, האָט איהם אַ פּאָליציסט ערלויבט

www.libtool.com.cn


צו שטעהן מיט זיין סחורה ביים צירק, וואו מען האט דאן געגעבען א פארשטעלונג ביי טאג. דערפאר האט ער פון איליא׳ן געקראגען א שטיק זייף און א דוצענד האטשיקעס. דער אינגעל האט זיך אוועקגעשטעלט ביים סאמע אריינגאנג פון צירק און האט זיך דארט צולייגט מיט זיין וואארע, אזוי ווי ביי זיך אין דערהיים. מיט אמאל איז אנגעקומען דער משרת פון׳ם צירק־אויפזעהער, האט איליא׳ן דערלאנגט א זעץ איבער׳ן רוקען, האט אומגעווארפען דעם געשטעל, אויף וואס זיין קאסטען איז געשטאנען — און דאס גאנצע ביסעל סחורה איז גע־לעגען אויף דער ערד. עטליכע זאכען זיינען אריינגעפאלען אין בלאטע און זיינען קאליע געווארען, אנדערע זיינען גלאט פערשוואונדען. בשעת איליא האט אויפגעהויבען זיין וואארע פון דער ערד, האט ער צום משרת געזאגט:

„דאס איז אונגעזעצליך, גנעדיגער העהר...“

„וואס—אס?...“ האט דער בעלידיגער געפרעגט, דרעהענדיג די רויטע וואנצעס זיינע.

„איהר האט קיין רעכט ניט צו שלאגען...“

„טאקי? — פיהר איהם אב אין אוטשאסטאק!“ האט דער משרת רוהיג געזאגט.

און דערזעלבער פאליציי־מאן, וועלכער האט ערלויבט איליא׳ן צו שטעהן לעבען צירקוס, האט איהם אבגעפיהרט אין אוטשאסטאק, וואו איליא איז פערהאלטען געווארען ביז אבענד.

מיט דער פאליציי האט איליא שוין פריהער געהאט קליינע סכסוכים, אבער אין אוטשאסטאק האט מען איהם ביז אהער ניט גע־פיהרט. ס׳איז געווען דאס ערשטע מאל וואס איהם איז אויסגעקומען דארט צו זיצען, און צום ערשטען מאל האט ער דערפיהלט ביי זיך אין הארצען דעם ביטערן געפיהל פון שאנדע און פון האס.

מיט צוזאמענגעלייגטע אָרעמס איז ער אלזא געלעגען אויף זיין בעט און האט זיך פערטיעפט אין דעם שמערצליכען געפיהל, וואס האט אזוי שטארק געדריקט זיין ברוסט. הינטער דער וואנד, וואס האט אבגעטהיילט זיין צימער פון שענק, האט ער געהערט א מורא׳־דיגען טומעל און א מיש־מאש פון קולות, עפעס אזוי ווי גאנצע שטראמען וואסער וואלטען אראב מיט שטורם פון א בארג; מען האט

www.libtool.com.cn



געהערט דאָס קלאַפּען פון די בלעכענע טעלער, די קלינגעריי פון די גלעזער, די קולות פון די געסט, וועלכע האָבען זיך געהייסען דער־לאַנגען בראַנפען, טהעע אָדער ביער... די קעלנער האָבען געשריגען:
„גל—לייך, גלייך! איין מאָמענט!..."
און דעם דאַזיגען ליאַרם האָט דורכגעשניטען אַזוי ווי אַ שטאָלע־נע סטרונע, אַ הויכע האַלז־שטימע, וועלכע האָט געזונגען טרויעריג:
„כ'האָב ניט געהאָפט צו פערליערען דיך..."
אַ צווייטע שטימע, אַ פולער באַס, וועלכער איז צוגאַנגען אין'ם מורא'דיגען טומעל פון שענק, האָט געזונגען שטיל און האַרמאָניש ווייטער:
„אַה יוגענד, און אַט ביסטו אוועק!"
דערנאָך האָבען זיך ביידע שטימען צונויפגעגאָסען אין איינעם און האָבען זיך פעראייניגט אין אַ ריינעם, פליסענדען שטראָם פון טענער, וועלכע האָבען פאַר אַ פּאָר סעקונדען צייט אריבערגעשטיגען דעם גאַנצען ליאַרם:
„ניט רייכטהום ז'מיר געווען בעשעהרט,
„גאַנץ איינזאַם וואַנדער איך מיט שרעק."
דאָ האָט אימיצער אַ געשריי געטהאָן מיט אַ שטימע, וואָס איז אַרויס עפּעס פון אַ טרוקענעם, הילצערנעם און איבערגעריסענעם האַלז:
„רייד ניט קיין נאַרישקייטען! מחמת עס שטעהט געשריבען: האָב בטחון אין מיר, און איך וועל דיך שטאַרקען אין אַן עת־צרה..."
„רעדסט אליין דומהייטען," איז אַריינגעפאַלען אין די רייד אַ צווייטע לעבעדיגע און שאַרפע שטימע. „ווייל ס'שטעהט טאַקי דאָרט געשריבען: „מחמת דעם וואָס דו ביסט ניט קאַלט און ניט וואַרם, וועל איך דיך אויסשפּייען פון מיין מויל..." זעהסט שוין! וואָס זשע זאָגסט דו דאָ אויפגעטהאָן?..."
דער עולם האָט זיך צולאַכט אויפ'ן קול, און גלייך נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ קוויטשיגע שטימע:
„און איך האָב איהר גלייך דערלאַנגט איינס אין איהר פּיין נים'ל, און אין אויער, און אין די צייהן — קנאַק, קנאַק, קנאַק!"

www.libtool.com.cn



„הא הא הא! דו טייוועל איינער! און וואָס ווייטער?“
די קוויטשיגע שטימע האָט געשריגען נאָך העכער און שטאַר־קער:

„פאַלט זי — הינטערווייַלעכס! אויף דער ערד, און איך שלאָג זי ווייטער אין איהר שעהנער צורה אריין — נאַ, אַט האָסט דו דיר! האָב איך דיך פריהער געקושט, מעג איך דיר אויך ברעכען די ביי־נער...“

„היידא, דו—תורה־זאָגער! האָט זיך אימיצער אָבגערופען מיט שפּאָס.

„ניין, כ'קען מיך ניט איינהאַלטען: איך בין צו היציג! א מענש טהאָר ניט אַריינקומען אין כעס!“

„כ'ליעב, כ'קלאָג אָן און כ'שטראָף“... האָסט פערגעסען?... און נאָך וואָס: „ניט משפּט, כדי דו זאָלסט ניט גע'משפט ווערן“... און דוד המלך'ס ווערטער — האָסט דו גאָר פערגעסען?“

א היבשע צייט נאָכאַנאַנד האָט איליא געהערט די קריגערייַ. דאָס ליעד און דאָס געלעכטער, אבער דאָס אַלצדינג האָט אויף איהם ניט געמאַכט קיין רושם און האָט ניט ערוועקט אין איהם קיין שום פאַרשטעלונג. פאַר איהם, אין דער פינסטער, האָט געשוועבט דאָס מאָגער געזיכט פון'ם פּאָליציסט, וואָס האָט איהם אזוי טיעף בעליי־דיגט — דער פּאָליציי־בעאַמטער מיט דער גרויסער אויסגעקרימטער נאָז, מיט די בייזע, בליצענדע, גרינליכע אויגען און מיט די רויטע וואָנציעס. ער האָט געקוקט אין דעם דאָזיגען פּנים אריין און וואָס ווייטער האָט ער אַלץ שטאַרקער פערביסען מיט די צייהן. אבער דאָס ליעד הינטער דער וואַנד האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ העכער געלאָזט הערען. די זינגער זיינען געוועזען זעהר בעגייסטערט און זייערע שטי־מען האָבען וואָס ווייטער אַלץ פרייער און העכער געקלונגען. די וואָ־רעמע, טרויעריגע טענער האָבען געפונען א וועג אין איליא'ס ברוסט און האָבען צושמאָלצען דעם צאָרן און די ביטערקייט, וואָס זיינען געלעגען דאָרט פערוואָרפען און פערהאַרטעוועט ווי א שטיק אייז.

„געוואונדערט האָב איך וואוילער בחור...“ האָט די הויכע שטי־מע געזונגען.

„פון הויכען באַרג צום ברעג פון'ם ים...“ האָט געענטפערט די

www.libtool.com.cn



צווייטע שטימע. און דערנאָך האָבען זיךביידע פעראייניגט אין דעם קלאָג־ליעד:

„כ'האָב גאַנץ סיביר דורכגערייזט,

„דעם וועג אהיים האָב איך געזוכט..."

איליא האָט א זיפץ געטהאָן און האָט זיך גענומען בעסער צוהע־רען צו די ווערטער פון ליעד. אין דעם שרעקליכען ליארם פון שענק האָבען זיי אויסגעזעהן אזוי ווי קליינינקע שטערנדלאַך אויף א פער־כמארעטען הימעל, און די שטערען בעוויזען זיך אַלע ווײַלע און פערשווינדען און קומען ווידער ארויס, אום באַלד צו פערשווינדען...

„דער הונגער האָט מיין צונג פערברענט,

„דער פראָסט מיין קערפער שטייף געמאכט..." האָט דאָס ליעד קלאָהר און דייטליך מיטגעטהיילט.

„זינגט נור, זינגט, איהר סאַלאָווייטשיקלעך!" האָט אימיצער פריינדליך אויסגערופען.

„אָט זינגען זיי, דוכט זיך, אזוי שעהן," האָט זיך איליא גע־טראכט ביי זיך. „אז דאָס ליעד נעהמט פשוט אָן ביים הארצען... און דערנאָך שכור'ן זיי זיך אָן און צושלאָגען זיך אפשר נאָך אויך דער־צו... ניט לאַנג האַלט אָן דעם מענשען'ס גוטסקייט..."

„אך דו מיין הארטער, שווערער מזל," האָט די הויכע שטימע נעקלאָגט.

און דער באַס האָט בעגלייט טיעף און קרעפטיג:

„ביסט מיר א לאַסט פון שטאָהל..."

ביי איליא'ן אין זכרון איז מיט אמאָל ארויפגעשוואומען דעם זיידע יערעמעי'ס בילד. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער אַלטער פלעגט שאָקלען מיט'ן קאָפּ, און בשעת די טרעהרען האָבען זיך איהם גענאָ־סען פון די אויגען, פלעגט ער זאָגען:

„געקוקט האָב איך, געקוקט — און כ'האָב דאָך קיינמאָל די וואהרהייט ניט דערזעהן..."

איליא האָט געטראכט דערפון, אז אפילו יערעמעי, וועלכער האָט ליעב געהאַט גאָט פון גאַנצען הארצען, האָט אָנגעקליבען געלד בסוד. און פעטער טערענטי האָט, דוכט זיך, אזוי מורא פאַר גאָט און דאָך האָט ער דאָס געלד גע'גנב'עט. און אַלע מענשען זיינען פונקט אזוי צושפּאַלטען אין זיך. א וואָג־שאָל איז דאָ ביי זיי אין ברוסט, און דאָס

www.libtool.com.cn



האריץ שאָקעלט זיך אזוי ווי דאָס צינגעל פון דער וואָג; אָט בויגט עס זיך אויף דער זייט און באלד אויף דער אנדערער זייט, און אזוי וועגט עס אָב דאָס גוטע און שלעכטע פון'ם מענשען.

„אהאַ־אַ!" האָט זיך דערהערט אַ מורא'דיגער געשריי אין שענק. און גלייך נאָכדעם איז עפּעס אראָבגעפאלען אויף דער ערד מיט אזא מין קראַך, אז זאָגאר דאָס בעט אונטער איליא'ן האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן.

„שטעה!.. אום גאָטעסווילען..."

„האלט איהם!... אַ־אַה!"

„צו הילף! פּאָליציי!..."

דער ליארם איז מיט אמאָל שטארקער און קאָכעדיגער געוואָרען. נייע קללות האָבען זיך געלאָזט הערען, און אזוי ווי דאָס וואויען פון אַ וויסטען שטורם ווינד האָבען זיי אָבגעקלונגען אין דער לופט; פונקט ווי דאָס בילען פון אַ מחנה בייזע, הונגעריגע הינט, וואָס זיינען פּעסט צוזאַמענגעשמידט איינע צו די אנדערע. די איינצעלנע שטימען זיינען דערטרונקען געוואָרען אין דעם מיש־מאַש פון'ם ווילדען טו־מעל.

מיט אַ געפיהל פון צופרידענהייט האָט זיך איליא צוגעהערט צום מורא'דיגען ליארם: ס'האָט איהם הנאה געטהאָן צו הערען, אז גראָד דאָס וואָס ער האָט פריהער געדיינקט איז מקוים געוואָרען. עס איז געווען אַ מין בעשטעטיגונג אויף זיין אורטהייל, וואָס ער האָט וועגען די מענשען אָבגעגעבען. ער האָט זיך אומגעדרעהט אויפ'ן בעט, האָט ארונטערגעלייגט די הענט אונטער'ן קאָפּ און איז ווידער אריינ־געפאלען אין ים פון זיינע אייגענע מחשבות.

„....מיין זיידע אנטיפּא האָט אפנים געמוזט בעגעהן אַ גרויסען חטא, ווען ער האָט אכט יאָהר נאָכאנאַנד שטומערהייט דערויף תשובה געטהאָן.. און אלע האָבען איהם מוחל געווען אויף זיינע זינד, האָבען גערעדט מיט רעספּעקט פון איהם און צדיק האָבען זיי איהם גערופען... נאָר די קינדער זיינע האָבען זיי גע'רודפ'ט עד חרמה. איין זוהן האָ־בען זיי קיין סיביר פערשיקט און דעם אנדערן האָבען זיי פערטריבען פון דאָרף..."

„דאָ מוז מען מאַכען אַ גאַנץ אנדער חשבון" — אָט די ווערטער

www.libtool.com.cn



פון׳ם פיש־הענדלער סטראַגאַני זיינען איליא׳ן מיט אמאָל אויפגעקו־
מען אויף׳ן זינען. „איז צווישען צעהן מענשען פאַראַן איין עהרליכער
אויף ניין גנבים, דאַן האָט קיינער גאַרנישט דערפון... העכסטענס, קען
דער איינער צו גרונד געהן... דאָרט וואו די מעהרצאָהל איז דאָ, דאָרט
איז אויך דאָס רעכט..."

איליא האָט א שמייכעל געטהאָן. א קאַלט, בייז געפיהל געגען
די מענשען איז איהם דורך ווי א שלאַנג דער ברוסט. די גרויסע,
שווערע מאַטיצא האָט זיך אנידערגעוואַליעט אין מיטען הויף אין
בלאָטע און האָט געקרעכצט:

„א—אַך, מאַמוניו מיינע!... מיין טהייער מאַמעלע! אז דו
זאָלסט מיר כאָטש מוחל זיין!"

דער שכור׳ער פערפישקא איז געשטאַנען דערביי, האָט זיך קוים
געהאַלטען אויף די פיס, זיך געוואָרפען אהין און אהער און האָט
מיט א פאַרוואורף געזאָגט:

„ווי זי האָט זיך דאָס אביסעל אָנגעטרונקען! דער חזיר..."

און אויף די טרעפ פון שענק, צום הויף צו, איז געשטאַנען פע־
טרוכא און געקוקט אויף זיי, א געזונדער, מיט רויטע באַקען און מיט
א שפּאָטישען שמייכעל אויף די ליפּען...

איליא האָט נאָכגעדיינקט וועגען אָט די אַלע זאַכען און זיין
האַרץ האָט זיך צוזאַמענגעדריקט און איז וואָס ווייטער געוואָרען
אַלץ ניכטערער, אַלץ האַרטער...

דער סקאַנדאַל אין שענק איז אריבער. דריי שטימען — צוויי
ווייבערשע און איין מאַנסבילישע — האָבען פּרובירט זינגען א
ליעד, ס׳איז זיי אבער ניט געגאַנגען. אימיצער האָט אריינגעטראָגען א
האַרמאָניקא — ער האָט א ווייַלע געשפּיעלט דערויף, זעהר שלעכט
געשפּיעלט און דערנאָך איז ער אנשוויגען געוואָרען. ביי דער וואַנד,
וואו איליא׳ס בעט איז געשטאַנען, זיינען געזעסען צוויי מענשען און
גערעדט אין דער שטיל. פון צייט צו צייט האָט מען געקענט הערען
זייערע טיעפע, שווערע זיפצען. מיט א מערקווירדיג פיינדליכען גע־
פיהל האָט זיך איליא צוגעהערט צו זייער געשפּרעך.

„אָט לעבט מען אויף דער וועלט... און מ׳ארבייט... מ׳מוטשעט
זיך אָב דאָס גאַנצע לעבען לאַנג... און ס׳האָט קיין שום זינען ניט... אַלע

www.libtool.com.cn


אנדערע לעבען פונדעסטוועגען ווי מענשען — און אונזער איינער הונגערט... מיר שטעהען גארניט פעסט, ברודער־לעבען, כאטש די פיס הויבען זיך ביי אונז...“

„ריכטיג, בנאמנות...“

„און מען זעהט גארניט, ווי אזוי ס'קען בעסער ווערן... מיט עהרליכער ארבייט מאכט מען ווייניג וואס... מ'בויט זיך דערפון קיין שטיינערנע הייזער ניט.. ווי לאנג, מיינסט דו, קען מען עס אויסהאל־טען, אט דאס הינטישע לעבען? איידער מען קוקט זיך נאך ארום, זיינען די ביסעל כוחות פערביי — דאן, ברודער, איז ניטא קיין אנ־דער ברירה נור: קראפירען...“

„אך, יא, יא! וואס איז דא וואס צו ריידען?“

„און צו אונעהרליכע ארבייט איז מען ניט סמיעלע, ניט גע־שיקט געננג. זי וואלט שוין ווי עס איז געוואלט פערזוכען די נוס, די זשאבע — האט זי אבער קיין צייהנער ניט...“

„אה, האר און פאטער אין הימעל!...“

ניט ווילענדיג האט איליא אויך א זיפץ געטהאן. פלוצלונג האט זיך אין שענק דערהערט פערפישקא'ס העלע שטימע, וועלכע האט אבגעקלונגען גאנץ דייטליך, זאגאר אין רעכטען מיטען פון'ם ליארם און גערויש. הויך, מיט א זינגענדיגען, שנעלען טאן האט דער שוסטער געזאגט:

„איי, טו גיס אריין אין גלעזעל גיס, גיס אריין!
ס'איז דעם בעל הבית', זאגסט דו — פ'קען זיך זיין!
נו זעהסט דו — בין איך בדלות
פונקט ווי איהם קומט אלעס
לאמיר זשע טרינקען און לוסטיג לעבען
און נעמען פון דער וועלט וואס זי קען געבען
און וועמען עס שטייט דער משא ומתן ניט אן,
דער קען זיך מיט א שטריק א מעשה אנטהאן
און טאמער געפעלט איהם ניט דער שטריק
טו מעג ער ברעכען האלז און געניק...“

געלעכטער און געשרייען פון פרייד האבען זיך געלאזט הערען נאך פערפישקא'ס גראמען. דערנאך האט די שטילע שטימע לעבען

www.libtool.com.cn



וואַנד פון דאָס ניי אָנגעהויבענע צו ריידען:

„אַט אַזוי אַרבייט איך פון קליינווייז אויף... שוין באַלד פערציג יאָהר בין איך אַלט. און אויף קיין ברויט צומאָל סטייעט עס מיר ניט. שוויים, זעהסט דו, דאָס איז דאָ אַלע טאָג — אָבער ניט קיין באַרשטש, און אין דערהיים איז יאָמער און נויטה. די קינדער וויינען, דאָס ווייב קלאָגט... ס'אַ צער צו קוקען אויף זיי. נו, פּלאַצט ביי איינעם די גע־דולד, מען געהט אַרויס פון די כלים און מען שכור'ט זיך אָן. און אַז מען ניכטערט זיך אויס, דערזעהט מען ערשט, אַז די צרות זיינען דערווייל נאָך גרעסער געוואָרען ווי פריהער..."

„יאָ, אַט אַזוי איז עס ווירקליך, ניט אַנדערש..."

„נו, שטעלט מען זיך אַוועק פאַר גאָט און מ'איז מתפּלל צו איהם: טאַטע אין הימעל! באַרמהערציגער פאָטער! צו וואָס מוטשעסט דו אונז אַזוי?... אָבער אָט אַפּנים, ער הערט עס ניט..."

„נ—ניין... ער הערט עס ניט, ווייזט אויס..."

איליאַ'ן איז נמאס געוואָרען צו הערען דאָס דאָזיגע טרייסטלאָ־זע קלאָג־ליעד פון דעם איינעם און די מאָנאָטאָנע צושטימונג פון צוויי־טען, וועלכע האָט נאָך געקלונגען אומעטיגער ווי יענעם'ס קלאָג־ליעד. ער האָט זיך אַרומגעוואָרפען אויף זיין בעט, האָט מיט אַ כיוון אַ קלאַפּ געגעבען מיט'ן עלענבויגען אָן וואַנד, און די צוויי שטימען זיינען אַנשוויגען געוואָרען.

ער האָט שוין אָבער מעהר ניט געקענט איינשלאָפען אויף אַן אָרט: אַ מוטשענדעס געפיהל פון אונרוהיגקייט האָט איהם אַרויסגעריסען פון בעט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און איז אַרויס אין הויף. אויף די פאָדערשטע טרעפּ איז ער געבליבען שטעהן און אַ בייגקעניש האָט אָנגעפילט זי'ן האַרץ. אַ טיעפער וואונש ערגעץ וואו צו אַנטלויפען— וואוהין, האָט ער אַליין ניט געוואוסט. ס'איז שוין געווען שפּעט; מאַ־שאַ איז געשלאָפען; מיט דעם טשודאַק יאַקאָוו איז ניט געווען וואָס צו ריידען, און אַ חוץ דעם איז ער שוין מן הסתם אויך געלעגען אין בעט ביי זיך אין דערהיים. איליאַ האָט איבערהויפּט ניט געהאַט קיין חשק איהם צו בעזוכען, מחמת יעדעס מאָל וואָס ער פלעגט אַריינקו־מען צו יאַקאָוו'ן, פלעגט פּעטרוכאַ מאַכען אַ פערקרימטע מיענע און פלעגט פערקנייטשען דעם שטערן. אַ קאַלטער הערבסט־ווינד האָט

www.libtool.com.cn



געבלאָזען. אין הויף איז געווען פינסטער, חושך, אז מען האָט אזש דער הימעל ניט געקענט ארויסזעהן. די פערשיעדענע בנינים אין הויף האָבען אויסגעזעהן ווי גרויסע שטיקער פינסטערניס. אין דער פייכטער לופט האָט מען געקענט הערען אלערליי מאָדנע קללות — א הוזשעריי, א גערויש און שטילע געשפּערכען, וואָס האָט צוזאמען דער־מאָנט אָן דעם מענשען'ס קלאָגען און וויינען איבער דעם יאָמער פון לעבען. דער ווינד האָט איליא'ן געשניטען אין דער ברוסט, געפּאטשט אין פנים, איהם געבלאָזען מיט זיין קאַלטען, פייכטען אָטהעם הינטער'ן קאָלנער... א פּראָסט האָט דורכגענומען איליא'ן, אָבער ער האָט זיך דאָך פון אָרט ניט גערירט. אונמעגליך ס'זאָל אזוי געהן ווייטער, האָט ער ביי זיך געטראכט, אבסאָלוט אונמעגליך! אנטלויפען מוז ער פון דעם גאנצען שמוץ, פון דער דאָזיגער אונרוהיגקייט, פון דעם דאָזיגען תוהו ובוהו! איינזאם, פאר זיך וויל ער לעבען, ריין און שטיל...

„ווער שטעהט עס דאָ?" האָט זיך מיט אמאָל געלאָזט הערען א האלב פערשטיקטע שטימע.

„איך... איליא... און ווער רעדט עס דאָ?"

„איך... מאטיצא..."

„וואו ביסט דו דען אייגענטליך?"

„אָט דאָ זיץ איך, אויף די קלעצער..."

„פאַרוואָס?"

„אזוי..."

און ביידע זיינען געבליבען שטיל.

„היינט איז מיין מאמע'ס יאָהר־צייט", האָט זיך אין א ווײלע ארום דערהערט מאטיצא'ס שטימע.

„שוין לאנג, אז זי איז טויט?" האָט איליא געפּרעגט פון יוצא וועגען, כדי וואָס עס איז צו זאָגען.

„שוין זעהר לאנג... אז ערך פופצעהן יאָהר... אָדער נאָך מעהר... און דיין מאמע לעבט נאָך?"

„ניין.. זי איז שוין אויך טויט... ווי אלט ביסט דו שוין?"

„אזוי, ארום דרייסיג," האָט מאטיצא געענטפערט אין א ווײלע ארום... „כ'בין שוין אלט... דער פּוס טהוט מיר וועה... אנגעשוואָ־

www.libtool.com.cn



לען איז ער, ווי א דיניע, און טהוט אזוי וועה... כ'האָב שוין איינ־
געריבען, איינגעריבען מיט אלערליי זאכען. ס'ווערט ניט בעסער."
„פארוואָס געהסט דו ניט אין שפּיטאָל?"
„ס'איז צו ווייט... כ'קען אזוי ווייט נישט געהן..."
„נעהמט מען א דראָשקע!"
„ניטאָ קיין גראָשען..."
אימיצער האָט געעפענט די טהיר פון שענק; א ים פון משונה־
דיגע קולות האָט זיך ארויסגעשפּארט אין הויף. דער ווינד האָט זיי
אויפגעכאפּט און האָט זיי פערזייט און פערשפּרייט ארום און ארום
אין דער פינסטערניס.
„און דו... פארוואָס שטעהסט דו דאָ?" האָט מאַטיצא געפרעגט.
„אזוי... כ'האָב זיך געלאַנגווייליגט..."
„פּונקט ווי איך... ביי מיר אויבען איז'ס אזוי ווי אין א טויטענ־
קאסטען..."
איליא האָט דערהערט א שווערען זיפץ. דערנאָך האָט מאַטיצא
ווייטער געזאָגט:
„ווילען מיר אפשר ארויפגעהן צו מיר?"
איליא האָט זיך אומגעקוקט אין דער זייט, פון וואנען די פרויען־
שטימע איז געקומען, און האָט גלייכגילטיג געענטפערט:
„לאָמיר געהן..."
פאַראויס, פאר איליא'ן האָט זיך מאַטיצא געלאָזט ארויפגעהן
די טרעפּ צו איהר אין דאכשטיבעל. זי האָט אלץ געשטעלט דעם
רעכטען פוס אויף די טרעפּ און דערנאָך האָט זי לאנגזאם, קרעכצענדיג,
נאָכגעשלעפּט דעם לינקען. איליא איז איהר נאָכגעגאנגען, אויך לאנג־
זאם, עפּעס אזוי ווי עס וואָלט איהם, דורך זיין אינערליכע אומעטיג־
קייט, אויך שווער געווען ארויפצוגעהן די טרעפּ, פּונקט ווי מאַטיצא'ן
דורך איהר קראנקען פוס.
מאַטיצא'ס שטיבעל איז געווען שמאָל און לאנג, און די סטעליע
האָט ווירקליך געהאט א פּנים ווי דער דעק פון אן ארון. לעבען טהיר
איז געשטאנען א האָלענדישער אויווען, און ביי דער וואנד מיט'ן
צוקאָפּענס צום אויווען־צו האָט זיך געפונען א ברייט בעט; אנטקעגען
בעט — א טיש און צוויי שטוהלען ביי ביידע זייטען. א דריטער

www.libtool.com.cn



דיענט... ווייל איך קען דאך גאר אין גאס ניט ארויסגעהן... וואס איך האב געהאט, האב איך אויפגעצעהרט.. שוין דעם פינפטען טאג, אז איך זיץ אין דערהיים, וואס פאר א וואונדער איז עס ?... נעכטען נאך איז שוין געווען קנאפ וואס... און היינט האב איך איבערהויפט גאר־נישט געגעסען... ביי גאט, ס'איז אמת !"

איצט ערשט איז איליא'ן איינגעפאלען, אז מאטיצא איז א גאַ־סען־פרוי. ער האט א שארפען קוק געטהאן אין איהר גרויסען פנים און האט געזעהן, אז איהרע אויגען שמייכלען עפעס אזוי בעהאלטען, קוים וואס מען קען עס בעמערקען, און איהרע ליפען שאקלען זיך, פונקט ווי זי וואלט געזויגען עפעס, וואס מען קען ניט זעהן מיט די אויגען... מיט אמאל האט ער דערפיהלט עפעס א מין רחמנות און אין דערזעלבער צייט אויך א סארט אונבעקאנטע אינטערעסע אין איהר.

„כ'ברייננ דיר גלייך עפעס... אויך ביער וועל איך ארויפטראַ־גען !..."

ער האט זיך שנעל אויפגעהויבען פון ארט. האסטיג איז ער אראבגעלאפען די טרעפ און איז געבליבען שטעהן לעבען שענק, ביי דער טהיר פון קיך. פלוצלונג האט ער דערפיהלט אן עקעל צוריק ארויפצוגעהן אויבען אויפ'ן בוידים. אבער דיזער אבשטויסענדער גע־פיהל איז בלויז דורך אזוי ווי א קליינער פונק אין דער פינסטערניס פון זיין ארעמער זעעלע און האט זיך גלייך פערלאשען. ער איז אריין אין קיך, האט ביים קעכער געקויפט פאר צעהן קאפיקעס עטליכע שטיקער פלייש, א פאר רייפטלאך ברויט און נאך עפעס צו עסען. דער קעכער האט אלצדינג אריינגעלייגט אין א שמוציגע זיפ. איליא האט עס גענומען אזוי ווי א שיסעל איןביידע הענד, איז ארויס אין הויף און דארט האט ער זיך אבגעשטעלט אויף א וויילע, זיך פערטראכט וועגען דעם, ווי אזוי מען קריגט ארויס דאס ביער פון שענק. ער אליין האט ניט געקענט געהן צום בופעט עס נעהמען. טערענטי וואלט איהם גלייך גענומען אויספרעגען פאר וועמען דאס איז. ער האט אלזא ארויס־גערופען דעם געפעס־וואשער פון קיך און האט איהם געבעטען, ער זאל איהם ברייננען דאס ביער. יענער איז געלאפען צום בופעט און אין א ווייליע ארום איז ער געקומען צוריק, דערלאנגט איליא'ן די פלעשער און האט זיך געלאזט צוריק אין קיך אריין.

www.libtool.com.cn



שטוהל איז געשטאַנען ביים פענסטער, וואָס האָט איינפאַך אויסגע־זעהן, ווי א דונקעלער פלעק אויף דער גראָער וואנד. גאַנץ דייטליך האָט מען דאַ איבען געהערט דאָס וואויען און דעם גערויש פון ווינד. איליא האָט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן שטוהל, וואָס איז געשטאַנען לעבען פענסטער, האָט בעטראַכט די וואנד און אָנצייגענדיג מיט די פינגער אויף א קליין בילד, וואָס איז געהאַנגען אין א ווינקעל, האָט ער געפרעגט:

„וואָס פאַר א בילד איז דאָס?"

„די הייליגע אננאַ..." האָט מאַטיצא געענטפערט שטיל און מיט א פרומער מיענע.

„און ווי הייסט דו אייגענטליך?"

„אויך אננאַ... האָסט עס ניט געוואוסט, וואָס?"

„ניין..."

„קיינער ווייס עס ניט!" האָט מאַטיצא געזאָגט. א וואָרף טהאָנ־דיג זיך אויפ'ן בעט. איליא האָט זי אָנגעקוקט, אבער ער האָט קיין שום חשק ניט געהאַט מיט איהר צו ריידען. אויך מאַטיצא האָט גע־שוויגען. אזוי זיינען זיי ביידע געזעסען ווי שטומע א היבשע ווייל, אַן ערך דריי מינוט, און עס האָט אויסגעזעהן, אזוי ווי קיינער פון זיי וואָלט גאַרניט בעמערקט די אנוועזענהייט פון צווייטען. ענדליך האָט מאַטיצא געפרעגט:

„נו, וואָס וועלען מיר עפּעס טהאָן?"

„כ'ווייס וואָס?..." האָט איליא אונענטשלאָסען געענטפערט.

„א שעהנע זאַך, כ'לעבען!" האָט זיך די פרוי אָבגערופען און האָט א ביטרען שמייכעל געטהאָן.

„וואָס זשע?"

„קענסט מיר פריהער פון אלצדינג בעדיענען אביסעל. געה, ברענג א קריגעל ביער... אָדער ניין: קויף מיר ליבערשט עפּעס צו עסען! ווייטער גאַרנישט, נור עפּעס עסען..."

דער הוסט האָט איהר איבערגעשלאָגען די רייד, און דערנאָך, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פערענטפערן פאַר איליא'ן, האָט זי געזאָגט:

„זינט דער פּוס טהוט מיר וועה, זעהסט, האָב איך גאַרנישט פער־

www.libtool.com.cn



„הער נור,“ האָט זיך איליא אָבגערופען — „דאָס איז ניט פאַר מיר... א פריינד איז ביי מיר צו גאַסט... פאַר איהם איז עס...“

„ווי?“ האָט דער געפּעס־וואַשער געפּרעגט.

„א פריינד בעדיען איך דאָס...“

„אזוי... נו, וואָס מאַכט עס אוים?“

איליא האָט געפיהלט, אז קיינער צווינגט איהם גאָר ניט צו זאָגען ליגען, און ס'האָט איהם פערדראָסען פאַרוואָס ער האָט עס דאָך געטהאָן. די טרעפּ איז ער ארויפגעגאַנגען לאַנגזאַם, אָהן א שום איילעניש. ער האָט זיך צוגעהערט, צי אימיצער רופט איהם ניט. אָבער אחוץ דאָס וואויען פון שטורם האָט זיך קיין הויך ניט גע־הערט. קיינער האָט ניט צוריקגעהאַלטען דעם איינגעל אויף זיין וועג. און מיט א פאַלשטענדיג קלאָהרען, כאָטש ציטערנדען געפיהל פון ליי־דענשאַפט איז ער ארויף צוריק אויפ'ן בוידעם, צו דער פרוי.

מאַטיצא האָט אוועקגעשטעלט די זיפּ אויפ'ן שוים. מיט איהרע גרויסע פינגער האָט זי פון דאָרט ארויסגענומען די גרויע שטיקער פלייש, זיי אריינגעשטעקט אין מויל און גענומען עסען מיט אפּעטיט, צוקנאַקענדיג מיט דער צונג און מיט די ליפּען אויף וואָס די וועלט שטעהט. איהרע צייהן זיינען געווען גרויס און שאַרף, און איי־דער זי האָט אריינגענומען א ביסען אין מויל האָט זי איהם ארומגע־קוקט און בעטראַכט פון אַלע זייטען, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט געוואָלט אויסזוכען דעם געשמאַקסטען פּלאַץ אין איהם.

איליא האָט אויף איהר געקוקט מיט ביסטרע אויגען. ער האָט זיך גענומען פאָרשטעלען, ווי אזוי ער וועט זי ארומנעהמען און קו־שען, און ער האָט מורא געהאַט, אז ער וועט ניט וויסען ווי אזוי אָנ־צוגעהן דערביי און זי וועט איהם נאָך אויך אויסלאַכען. ביי דעם דאָ־זיגען געדאַנק איז איהם געוואָרען אי היים, אי קאַלט; ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך פאַר אויפרעגונג.

אויפ'ן דאַך פון הויז האָט דער ווינד אָנגעגעבען מעשים. ער האָט זיך אריינגעריסען דורכ'ן דאַך־פענסטער אין שטיבעל אריין אָדער ער האָט גאָר געטרייסעלט די טהיר; און יעדעם מאָל וואָס די טהיר האָט זיך א טרייסעל געטהאָן, איז איליא געבליבען א פערציטערטער

www.libtool.com.cn



פון שרעק. ער האָט מורא געהאַט, אימיצער זאָל ניט אַריינקומען פּלוצ־לונג און איהם דאָ דערטאַפּען.

„זאָל איך ניט אַקאָרשט פערריגלען די טהיר?“ האָט ער זיך אָבגערופען.

מאַטיצא האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. דערנאָך האָט זי אוועקגעשטעלט די זיפּ אויפ'ן אויוועז, האָט זיך איבערגע'צלם'ט פאר'ן בילד פון דער היילינער אַננאַ און מיט אַ פרומער מיענע האָט זי געזאָגט:

„געלויבט זאָל זיין דיין נאָמען, אָה היילינע — נו, איז מען ווייניגסטענס זאַט! מישטיינס געזאָגט, וואָס דער מענש דאַרף אין גאַנצען האָבען!“

איליא האָט געשוויגען. די פרוי האָט איהם אָנגעקוקט, האָט אַ זיפץ געטהאָן און ווייטער געזאָגט:

„און ווער ס'פערלאַנגט אַ סך, פון דעם וועט אויך פיעל פערלאַנגט ווערן...“

„ווער אַ שטיינער וועט עס פון איהם פערלאַנגען?“

„נאַ—גאָט! ווייסט עס גאָרניט, וואָס?“

איליא האָט ווידער ניט געענטפערט. גאָט'ס נאָמען אויף איהרע ליפּען האָט אַרויסגערופען אין איהם עפּעס אַ מאָדנעם, ניט קלאָהרען געפיהל, אַ געפיהל וואָס קען גאָר ניט ערקלעהרט ווערען אין ווער־טער. און דאָס דאָזיגע געפיהל האָט אָבגעקיהלט אביסעל זיין ליידענ־שאַפט, זיין לוסט צו דער פרוי. מאַטיצא האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענד אָן בעט, האָט אויפגעהויבען איהר גרויסען קערפּער און האָט איהם אַ רוק געטהאָן צו דער וואַנד. דערנאָך האָט זי מיט אַ גלייכגילטיגען טאָן געזאָגט:

„כ'האָב נור וואָס, בשעת'ן עסען, געטראַכט וועגען פערפישקאַ'ס טאָכטער... שוין לאַנג, אַז איך טראַכט וועגען איהר... זי לעבט דאָ מיט אייך צוזאַמען — מיט דיר און מיט יאַקאָוו'ן... קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויסקומען, דוכט מיר... איהר וועט דאָס מיידעל פער־דאַרבען נאָך פאַר דער צייט — דאַן וועט זי זיך אַוועקלאָזען אויפ'ן זעלבען וועג וואָס איך געה... און מיין וועג — איז אַ שמוציגער, אַ פערפלוכטער וועג... און די ווייבער און די מיידלעך, וואָס לאָזען זיך

www.libtool.com.cn



אוועק אויף איהם, געהען ניט גלייך ווי מענשען, נאר זיי קריכען, ווי די ווערים קריכען זיי אויף איהם..."

זי איז אנשוויגען געוואָרען אויף א ווייל, האָט בעטראכט איהרע הענד, וועלכע זיינען געלעגען ביי איהר אויף די קניע, און דערנאָך האָט זי פון דאָס נייע אנגעהויבען:

„דאָס מיידעל איז באלד גרויס. כ'האָב זיך שוין נאָכגעפרעגט ביי מיינע בעקאנטע, קעכינס און אנדערע ווייבער, צי איז ניט פאראן ערגעץ־וואו א שטעלע פאר'ן מיידעל. ניין, ניטאָ קיין שטעלע, האָבען זיי געזאָגט... דו פערקויף זי ליבערשט! ס'וועט זיין בעסער פאר איהר, האָבען זיי געזאָגט... זי וועט קריגען געלד, וועט האָבען קליידער און — א קווארטיר... ס'קומט אפילו פאָר, דאָס איז ריכטיג... ס'מאכט זיך אָפט א רייכער מאן, מיט א שוואכען, האלב־צופאלענעם קערפער און מיט א שמוציגע ליידענשאפט דערצו... קויפט ער זיך דאן, ווען די ווייבער ווילען שוין פון איהם ניט וויסען, א יונג מיידעל... און פערדארבט עס, דער לומפּ... ס'קען זיין, אז דעם מיידעל איז גאָר ניט שלעכט, זאָגאר גוט ביי איהם... נאָר ס'איז דאָך פראָסטיטוציע, אין גרונד גענומען.. און ס'איז שוין כ'לעבען בעסער אָהן דעם... בעסער, זי זאָל לעבען הונגעריג און אין עהרע, איידער..."

זי האָט גענומען הוסטען, עפּעס אזוי ווי א וואָרט וואָלט איהר געבליבען שטעקען אין האלז, און מיט אנשטריינגונג, אבער דאָך מיט דעמזעלבען גלייכגילטיגען טאָן האָט זי געענדיגט איהר רעדע:

„...איידער אין שאנדע און אויך הונגעריג... ווי איך צום ביי־שפּיעל..."

דער ווינד האָט נאָך אלץ ניט אויפגעהערט צו פּייפען דורך די שפּאלטען פון דער פּאָדלאָגע און מיט עזות האָט ער געריסען די טהיר. אויבען, אויפ'ן בלעכענעם דאך, האָט געקלאפּט א פּיין רעגענדעל און פון דרויסען האָט זיך געלאָזט הערען א שטילע פּייפעריי:

„אי—אי—אי..."

דער גלייכגילטיגער טאָן, מיט וועלכען מאָטיצא האָט גערעדט, און איהר אנגעבלאָזענע, גולם'דיגע געשטאַלט האָט געהאט א מאָדנע ווירקונג אויף איליא'ן, וועלכער האָט פריהער געברענט פאר לוסט צו דער פרוי. דאָס האָט ביי איהם צוגענומען דעם גאנצען מוטה אויסצו־

www.libtool.com.cn



פיהרען זיין וואונש. וואָס ווייטער האָט איהם מאַטיצא אַלץ מעהר אָב־געשטויסען, און ער האָט עס בעמערקט און איז געוואָרען בייז אויף איהר...

„גאָט, מיין גאָט!" האָט זי אין דער שטיל געזיפצט. „הייליגע מוטער..."

איליא האָט זיך פאַר פערדרוס ארומגעקוקט אויפ'ן שטוהל אהין און אהער, און מיט א בייזען טאָן האָט ער געזאָגט:

„זאָגסט אליין, אז דו ביסט אַן אונריינע — און דערביי האלסט דו אַלץ אין איין דערמאָנען: גאָט! גאָט! מיינסט אין דער אמת'ן, ער האָט דיך שטאַרק אין זינען, וואָס דו לאָזט איהם ניט ארויס פון מויל?"

מאַטיצא האָט איהם אָנגעקוקט און געשוויגען.

„כ'פערשטעה ניט וואָס דו רעדסט," האָט זי זיך אין א ווײלע ארום אָבגערופען, שאָקלענדיג דערביי מיט'ן קאָפּ.

„וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס צו פערשטעהן?" האָט איליא ווייטער גערעדט, זיך אויפהויבענדיג פון שטוהל. „אָט אזוי זייט איהר אַלע! פריהער מאַכט איהר אַלערליי פאַסקודסטוואָ — און דערנאָך שרייט איהר: אָה גאָט! אז דו האָסט שוין יאָ צו טהאָן מיט גאָט— טו וואַרף אוועק די שמוץ!..."

„וואָס הייסט?" האָט זיך מאַטיצא מיט א רוהיגען טאָן אָבגערופען. „וואָס הייסט, איך בעט דיך! ווער דען זאָל האָבען גאָט אין הארצען, אז ניט די זינדיגע? ווער דען זשע?"

„כ'וויים ניט, ווער דען," האָט איליא געענטפערט, און בשעת מעשה האָט ער דערשפירט אין זיך א ברענענדען חשק צו בעליידיגען, טיעף און ביטער בעליידיגען ניט נור די דאָזיגע פרוי אליין, נור אי־בערהויפּט אַלע מענשען. „כ'וויים נור איין זאַך, אז ס'פּאַסט פאַר אייך גאַר ניט צו ריידען פון גאָט. פאַר אייך אודאי און אודאי ניט. איהר נעהמט איהם נור פאַר א מאַנטעל צו פערדעקען אייערע זינד... כ'זעה דען ניט, וואָס? כ'בין דאָך שוין ניט קיין קינד מעהר... כ'האלט די אויגען אָפען!... אַלע יאָמערען, אַלע קלאָגען... אָבער פאַרוואָס זיינען זיי אזוי געמיין? פאַרוואָס בעשווינדלען זיי און בעראַבעווען איינע די אנדערע, און דעם ליעבען גאָט דערצו..."

www.libtool.com.cn



מיט אן אויפגעריסענעם מויל און אן אויסגעשטרעקטען האלז האט איהם מאטיצא אנגעקוקט און אין איהרע אויגען איז געלעגען אן אויסדרוק פון ערשטוינונג. איליא איז צוגעגאנגען צו דער טהיר. מיט כח האט ער ארויסגעצויגען דעם ריגעל און איז ארויס, פערקלאפענדיג די טהיר הינטער זיך. ער האט געפיהלט, אז ער האט מאטיצא'ן שטארק בעליידיגט, און דאס האט איהם הנאה געטהאן — ס'איז איהם דערפון געווארען לייכטער אויפ'ן הארצען און קלאהרער אין קאפ. מיט פעסטע טריט איז ער אראפ פון די טרעפ, צופייפענדיג דערביי דורך די צייהן. אבער זיין צארן האט זיך נאך ניט איינגעשטילט, און אלע נייע ווערטער זיינען איהם ארויף אויפ'ן זינען, בעליידיגענדע, הארטע ווערטער ווי שטיין. עס האט זיך איהם געדוכט, אז אט די דאזיגע ווערטער גליהען אזוי ווי פלאמען און בעלייכטען די פינסטערנים פון זיין זעעלע, און אז זיי ציינגען איהם אויף דעם וועג, וואס פיהרט איהם ערגעץ אנדערש, ניט דארט, וואו די מענשען געהען. און זיינע ווערטער האט ער איצט געשליידערט ניט נור אויף יענער מאטיצא'ן אליין, נור אויך אויפ'ן פעטער טערענטי און אויך אויף פעטרוכא'ן, און אויף דעם סוחר סטראגאני — הקיצור, אויף אלע מענשען.

„אט אזוי איז דאס!" האט ער זיך געטראכט, ווען ער איז אראבגעקומען אין הויף. נור נישט קיין גרויסען פאראד געמאכט פאר אייך... באנדרע!..."

דער ווינד האט געוואויעט און געפייפט איבער'ן הויף. פון ערגעץ וואו האט זיך געהערט א קלאפעריי און האט אנגעפילט די לופט מיט קורצע, אבגעריסענע טענער, וועלכע האבען אויסגעוויזען אזוי זוי א קאלטער געלעכטער.

באלד נאכ'ן בעזוך ביי מאטיצא'ן האט איליא אנגעהויבען צו האבען צו טהאן מיט פרויען. דאס ערשטע מאל איז עס געשעהן אויף אזא אופן: איינמאל, אין אבענד, בשעת ער איז געגאנגען אהיים, האט איהם א מיידעל אבגעשטעלט און געפרעגט:

„געהסט מיט מיר?..."

ער האט זי אנגעקוקט און קיין ווארט ניט געענטפערט. שטיל איז ער געגאנגען ווייטער לעבען איהר. אבער געהענדיג האט ער אראבגע-

www.libtool.com.cn



לאָזען דעם קאָפּ, און אַלע ווײַלע האָט ער זיך אומגעקוקט, מורא האָבענדיג, אימיצער א בעקאַנטער זאָל איהם ניט דערזעהן. אז זיי זײַנען אָבגעגאַנגען א פּאָר טריט אײַנע לעבען די אַנדערע, רופט זיך דאָס מיידעל אָב צו איהם מיט א וואָרנענדיגען טאָן:

„דו מוזט אָבער בעצאָהלען א רובל !..."

„גוט, גוט !" האָט אילא געזאָגט. „נאָר לאָמיר געהן אביסעל גיכער..."

און ביז דעם מיידעל'ס קוואַרטיר האָבען זיי מעהר קיין וואָרט ניט אויסגערעדט אײַנע צו די אַנדערע. דאָס איז געווען אַלעס...

די בעקאַנטשאַפט מיט די פרויען האָט אָבער מיט אמאָל אַרײַנגעטריבען איליא'ן אין צו גרויסע הוצאות, און אַלץ עפּטער איז ער געקומען אויפ'ן געדאַנק, אז זיין הויזיר־האַנדעל איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט; עס פערצעהרט נור אומזיסט און אומנישט זיין צייט און זיין קראַפט, און אַרויפאַרבייטען וועט ער זיך דורכדעם קיינמאָל ניט. דאָס וועט איהם ניט געבען די מעגליכקייט צו פיהרען א בעקוועמען לעבען, נאָך זיין וואונש נאָך. א היבשע צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגען מיט א געדאַנק נאָכצוטהאָן די אַנדערע הויזירער: מאַכען לאָטערייען און אָבנאַרען דעם עולם, פּונקט ווי די איבעריגע. אָבער אז ער האָט זיך איבערלייגט וועגען דעם, האָט ער געפונען, אז דער עסק איז געווען צו קליינליך און איז נאָך דערצו פערבונדען מיט גרויסע שוועריגקייטען. ער וואָלט זיך ענטוועדער געמוזט בעהאַלטען פאַר דער פּאָליציי אָדער איהר צוזוואַרפען „לא יחרץ געלד." און ביידע זאַכען זײַנען געווען איליא'ן דערווידער. ער האָט ליעב געהאַט צו קוקען אַלע מענשען גלײַך אין די אויגען און האָט זיך געפיהלט צופרידען דערפון, וואָס ער איז שטענדיג געגאַנגען אָנגעטהאָן ריינער און בעסער ווי די איבעריגע הויזירער, דערפון וואָס ער האָט ניט געטרונקען קיין בראַנפען און ניט געמאַכט קיין שווינדלערייען, ווי אַלע אַנדערע. געלאָסען און מוטהיג איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען פון דער שטאָדט, און זיין שאַרף געזיכט, מיט די שטאַרקע באַקען־ביינער, האָט אימער געהאַט אַן ערענסטען, ניכטערן אויסדרוק. אז ער האָט געדאַרפט ריידען, פלעגט ער צוזאַמענדריקען די דונקעלע אויגען זײַנע, אָבער ער האָט איבערהויפּט גערעדט ווייניג און שטענ־

www.libtool.com.cn



דיג מיט איבערלעגונג. אַפּט האָט ער געטרוימט דערפון, ווי שעהן עס וואָלט פונדעסטוועגען געווען, ווען ער געפינט אמאָל א טויזענד רובעל אָדער נאָך מעהר. אַלע מעשיות וועגען גנבים האָבען אין איהם ער־וועקט א ברענענדע אינטערעסע. ער פלעגט כסדר קויפען צייטונגען און פלעגט מיט אויפמערקזאמקייט לייענען אַלע איינצעלהייטען וועגען די גנבות, וואָס האָבען זיך געמאכט אין שטאָדט, און דערנאָך פלעגט ער זוכען אין די נאָטיצען און די נייעס, צי האָט מען שוין געפונען די גנבים אָדער ניט. האָט זיך געמאכט, אז מען האָט זיי דערטאפּט, דאַן פלעגט איליא ווערן שרעקליך בייז און פלעגט זיי שעלטען מיט טויטע קללות, ריידענדיג וועגען דעם מיט יאקאָוו'ן:

„אזעלכע עזלען! האָבען זיך געלאָזט פאקען! זיי האָבען בעסער גאָרנישט געדארפט אָנפאנגען, אז זיי פערשטעהן ניט ווי אזוי אָנ־צוגעהן... די בהמות!"

איינמאָל, ווען ער איז געזעסען מיט יאקאָוו'ן צוזאמען אין זיין צימער, רופט ער זיך אָב צו איהם:

„די זשוליקעס לעבען פּאָרט א בעסערן טאָג ווי די עהרליכע לייט..."

יאקאָוו'ס געזיכט האָט אָנגענומען א געהיימניספאָלען אויסדרוק. זיינע אויגען האָבען געבלישטשעט, און מיט דעם זעלבען האַלב אונ־טערדריקטען טאָן, מיט וועלכען ער פלעגט שטענדיג ריידען איבער אויסערגעוועהנליכע זאכען, האָט ער געזאָגט:

„אייער - נעכטען איז דיין פעטער געזעסען אין שענק און גע־טרונקען טהעע צוזאמען מיט אַן אַלטען מאַן... א ביבעל־קענער האָט עס מן הסתם געמוזט זיין. און דער דאָזיגער אַלטער מאַן האָט גע־זאָגט, אז אין דער ביבעל שטעהט געשריבען: „פריעדליך זיינען די געצעלטען פון די רויבער און גראם און בעקוועם די הייזער פון די, וואָס דערצאָרענען גאָט אין דער שטיל און טראָגען איהם ארום אויף די הענד אין דער עפענטליכקייט, פאַר אַלעמען אין די אויגען..."

„וואָס זשע! דו פאנטאזירסט שוין ווידער?" האָט איליא א פרעג געטהאָן, קוקענדיג אויפמערקזאם אויף יאקאָוו'ן.

„דאָס זיינען עפּעס מיינע ווערטער, וואָס?" האָט יאקאָוו גע־ענטפערט, אויסשטרעקענדיג די אָרעמס אין דער הויך, עפּעס אזוי

www.libtool.com.cn



ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פּאַקען אין דער לופטען. „איך גלויב עס דאָך אויך ניט, אַז ס'שטעהט טאַקי אַזוי אין דער ביבעל... אפשר האָט ער עס גאָר אויסגעקלעהרט... דער אַלטער פוקס... כ'האָב איהם אי־בערגעפּרעגט איינמאָל, צווייטמאָל.. און יעדעס מאָל האָט ער איבער־געחזר'ט דיזעלבע ווערטער, פּונקט ווי פריהער. און עס ליעגט עט־וואָס ריכטיגעס אין די דאָזיגע ווערטער! מען מוז אמאָל נאָכזוכען אין דער ביבעל, צי ס'שטעהט טאַקי ווירקליך דאָרט..."

און זיך אָנבויגענדיג צו איליא'ן האָט ער אין דער שטיל גע־זאָגט:

„אַט לאָמיר למשל נעהמען מיין טאַטען... ווי רוהיג ער לעבט עס אַביסעל — און דאָך דערצאָרנט ער גאָט און טהוט איהם אויף להכעיס..."

„און נאָך ווי אַזוי!" האָט איליא אויסגעשריגען.

„אַט האָבען זיי איהם איצט גאָר אויסגעקליבען פאַר א שטאָדט־טאַטע..."

יאקאָוו האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ איבער דער ברוסט, האָט א שווערען זיפץ געטהאָן און ווייטער גערעדט:

„יעדע זאַך, יעדע מענשליכע אַנגעלעגענהייט האָט געדאַרפט זיין אַזוי קלאָהר פאַר'ן געוויסען פּונקט ווי קוואַל־וואַסער! און דאָ... אָך, עס עקעלט מיך אָב!... כ'ווייס גאָר ניט וואָס מען הויבט אָן צו טראַכ־טען אפילו... איך קען מיך גאָר ניט צופּאַסען צום דאָזיגען לעבען, כ'האָב גאָר קיין שום חשק ניט דערצו... דער טאַטע הערט ניט אויף מיר צו האַקען אין מוח: „ס'איז שוין צייט אמאָל", זאָגט ער, „דו זאָלסט אָוועקוואַרפען דיינע שפּילערייען און ווערן פערנינפטיגער און זיך מאַכען ניצליך..." אָבער ווי אַזוי מאַכט מען זיך ניצליך? אפּטמאָל שטעה איך הינטערן בופעט, ווען טערענטי איז ניטאָ... און כאָטש עס איז מיר אַזוי דערווידער, פונדעסטוועגען טהו איך עס דאָך פאָרט... אָבער אָנפאַנגען עפּעס פון זיך אַליין — דאָס קען איך בשום אופן ניט..."

„דאָס מוזטו טאַקע אויסלעהרנען," האָט איליא געזאָגט מיט א געזעצטען טאָן.

www.libtool.com.cn


„דאָס לעבען איז אזוי שווער," האָט זיך יאקאָוו אָנגערופען אין דער שטיל.

„שווער? פאַר דיר... רייד ניט קיין נאַרישקייטען!" האָט זיך איליא אָבגערופען, און בשעת מעשה איז ער אויפגעשפּרונגען פון בעט און איז צוגעגאַנגען צו זיין פריינד, וועלכער איז געזעסען ביים פענס־טער. „זעהסט דו, מ י י ן לעבען איז טאַקע שווער — אבער דיינס? וואָס געהט דיר אשטייגער אָב? ווערט דיין פאָטער אַלט, אָדער ער שטאַרבט — דאַן נעהמסט דו איבער ס'געשעפט און ביסט זיך דיין אייגענער בעל הבית... און איך? איך דרעה מיך דעם גאַנצען טאָג אַרום אין גאַס, אין די גרויסע פענסטער זעה איך הויזען, וועסט־לאַך, זייגערס און נאָך אַזעלכע זאַכען... כ'קוק זיי אָן און טראַכט זיך: „איך קען זיך ניט קויפען אזא זייגער..." פערשטעהסט? און ווילען וואָלט איך עס גאָר גערן געוואָלט... פאַר אַלעמען אבער וואָלט איך ווילען, אז די מענשען זאָלען מיך רעספּעקטירען. מיט וואָס בין איך דען ערגער ווי די אַנדערע? כ'בין בעסער פון זיי! בין איך אפשר א זשוליק, א גנב? כ'קען מענשען, וואָס ווייזען זיך אַרוים פאַר ווער וויים וואָס, און אין דער אמת'ן זיינען זיי גנבים... און אָט די דאָזיגע קלייבט מען דערנאָך אויס פאַר שטאָדט־טאַטעס. זיי האָבען הייזער... שיינקען... פאַרוואָס האָבען גראָד אַזעלכע שווינדלער גליק, און פאַר־וואָס האָב איך קיין גליק ניט? אויך איך וויל געהן פּאַרוועדטס, כ'וויל אָניאָגען מיין גליק..."

יאקאָוו האָט אָנגעקוקט זיין פריינד, און שטילערהייט אבער דאָך מיט א שאַרפען טאָן האָט ער געזאָגט:

„הלוואי זאָל גאָט געבען, זאָלסט קיין גליק ניט האָבען!"

„וואָס? פאַרוואָס דען ניט!" האָט איליא א געשריי געטהאָן, און בעת מעשה איז ער געבליבען שטעהן אין מיטען צימער און האָט מיט אויפגערעגטע בליקען געקוקט אויף יאקאָוו'ן.

„ביסט צו זשאַדנע, צו גייציג... וועסט קיינמאָל ניט האָבען גע־נוג," האָט יאקאָוו ערקלעהרט.

„איך וועל קיינמאָל ניט האָבען גענוג? זאָג נור אקאָרשט דעם טאַטען דיינעם, ער זאָל מיר נור אָבגעבען א העלפט פון'ם געלד, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט מיין פעטער ארויסגע'גנב'עט ביי זיידע יערע־

www.libtool.com.cn



מעי — דאן וואָלט איך שוין געהאַט גענוג! יאָ!... איך בין גייציג! און דיין טאַטע...."

יאַקאָוו האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און שטיל, מיט אַן אראָבגעלאָזטען קאָפּ איז ער צוגעגאַנגען צו דער טהיר. איליא האָט געזעהן, ווי די אַקסלען האָבען זיך איהם געצויגען און ווי דער האַלז זיינער האָט זיך אויסגעבויגען, אַקוראַט ווי אימיצער וואָלט איהם דערלאַנגט אַ מורא'דיגען זעץ אין האַלז און נאַקען אריין.

„וואָס אַנטלויפסט דו?" האָט זיך איליא אָנגערופען אַ צומישטער, אָננעהמענדיג דעם פריינד זיינעם ביי דער האַנד. „וואוהין ווילסט דו געהן?"

„לאָז מיך, ברודער!" האָט יאַקאָוו געשעפּטשעט. ער איז פונ־דעסטוועגען געבליבען שטעהן און האָט געקוקט אויף איליא'ן. זיין געזיכט איז געווען בלייך, די ליפּען צוזאַמענגעפּרעסט איינע אויף די אַנדערע, און די געשטאַלט זיינע האָט אויסגעזעהן געבראָכען, אַזוי ווי פון אַ שווערער, ערדריקענדער לאַסט.

„נאַ, זיי ניט בייז אויף מיר... בלייב דאָ," האָט איליא געזאָגט מיט אַ טאָן פון חרטה, זיך פיהלענדיג שולדיג, און ער האָט אוועקגע־נומען יאַקאָוו'ן פון דער טהיר און איהם צוריק אַנידערגעזעצט אויף זיין שטוהל. „האָב קיין פּאַראיבעל ניט אויף מיר. נאָך אַלעמען איז עס דאָך אמת..."

„כ'ווייס עס," האָט יאַקאָוו געזאָגט.

„דו ווייסט עס? ווער האָט'ס דיר געזאָגט?"

„אַלע זאָגען עס..."

„הם—יאָ... אָבער די וואָס זאָגען עס, זיינען אַליין אויך גנבים..."

יאַקאָוו האָט איהם אָנגעקוקט מיט טרויעריגע אויגען און האָט אַ זיפץ געטהאָן.

„כ'האָב עס אַלץ ניט געוואָלט גלויבען... כ'האָב אַלץ געטראַכט, זיי זאָגען עס נור פון רשעות, פון שלעכטסקייט; די קנאה רעדט אין זיי. דערנאָך אָבער האָב איך עס אָנגעהויבען גלויבען, און אַז דו זאָגסט עס שוין אויך — דאַן..."

ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אויסדריקען דערמיט דעם גאַנצען יאוש, די גאַנצע

www.libtool.com.cn


פערצווייפלונג, וועלכע האָט איהם געדריקט דאָס הארץ. דערנאָך האָט ער זיך אָבגעקעהרט פון איליא'ן און איז געבליבען שטעהן שטיל, זיך אָנשפּארענדיג מיט די אָרעמס אויפ'ן שטוהל און אראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ איבער דער ברוסט.

איליא האָט זיך אנידערגעזעצט אויף זיין בעט איג דערזעלבער פּאָזע ווי יאקאָוו. ער האָט געשוויגען, ניט וויסענדיג מיט וואָס דעם פריינד זיינעם צו טרייסטען.

הינטער דער וואנד האָבען זיי געשריגען און געליארעמט, אז די גלעזער האָבען זיך אָנגעקלאפּט איינע אָן די אנדערע, און א פערשכור'טע פרויען־שטימע האָט געזונגען א ליעדעל:

„איך קען ניט שלאָפען, כ'קען ניט רוהען,
„דער שלאָף כסדר אנטלויפט פון מיר...״

„און אָט דאָ דארף מען דאָס לעבען!״ האָט זיך יאקאָוו אָבגעררופען אין דער שטיל.

„אָך, יאָ—אָ,״ האָט איליא געענטפערט אין'ם זעלבען טאָן. „כ'קען גאנץ גוט פערשטעהן, ברודער, אז דו פּיהלסט זיך ניט גוט דאָ. די איינציגע טרייסט איז נאָר, וואָס ס'איז אומעטום אזוי ווי דאָ. די מענשען האָבען נאָך אלעמען איין פּנים.״

„דו ווייסט עס טאקע אזוי ריכטיג — אָט דאָס וועגען מיין פאָטער און יערעמעי?״ האָט יאקאָוו געפרעגט מיט א צושראָקענעם טאָן, ניט קוקענדיג אין איליא'ס זייט אריין.

„איך? כ'האָב עס דאָך אליין מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן!... געדיינקסט ניט ווי איך בין ארויסגעלאָפען? דורך א שפּאַלט האָב איך געזעהן ווי אזוי זיי האָבען צונויפגענעהט דעם קישען... דער אלטער האָט נאָך גע'גוסס'עט...״

יאקאָוו האָט געצויגען מיט די אקסלען און האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. א היבשע ווייל׳ע זיינען זיי אזוי געזעסען שטיל,ביידע אין דערזעלבער האלטונג, איינער אויפ'ן בעט, דער צווייטער אויפ'ן שטוהל. מיט אמאָל האָט זיך יאקאָוו אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צו דער טהיר און האָט געזאָגט צו איליא'ן:

„זיי געזונד!״

„געה געזונטערהייט, ברודער!... ניט נעהם זיך צום הארצען

www.libtool.com.cn


דערפון! וואָס קענסט דו נאָך אַלעמען העלפען דערצו?"
„איך? לײדער גאַרנישט..." האָט יאַקאָוו געענטפערט, אויפּפע־נענדיג די טהיר.

איליא האָט איהם בעגלייט מיט די אויגען. דערנאָך איז ער אַני־דערגעפאַלען ווי א גע'הרג'עטער אויפ'ן בעט. ער האָט רחמנות געהאָט אויף יאַקאָוו'ן, און פון דאָס ניי האָט אויסגעבראָכען אין איהם דער האַס געגען זיין פעטער, געגען פּעטרוכאַ'ן, געגען אַלע מענשען. ער האָט איינגעזעהן, אז אזא שוואַכע בריאה ווי יאַקאָוו קען צווישען זיי ניט לעבען — אַט דער יאַקאָוו, וואָס איז אזא גוט, שטיל און ריין מענשען־קינד. איליא האָט זיך פערטיעפט אין א ים מחשבות איבער די מענשען, און אין זיין מח האָבען גענומען אַרויפשווימען פערשיע־דענע זכרונות, עראינערונגען, וועלכע האָבען איהם וואָס ווייטער אַלץ דייטליכער געצייגט, וואָס פאַר רשעות'דיגע, גרויזאַמע, ליגנערישע ברואים די מענשען זיינען. ער האָט געהאַט א סך ביישפּיעלע, פיעלע געלעגענהייטען זיי אזוי צו זעהן, און ס'איז איהם עפּעס לייכטער גע־וואָרען אויף דער נשמה, דאָ אין דער שטיל אויסצולאָזען צו זיי זיין ביטער האַרץ. און וואָס שוואַרצער די מענשען זיינען איהם פאָרגעקו־מען, אַלץ שווערער האָט איהם פון דער אַנדער זייט געדריקט א מאָד־נעם געפיהל, א מין מורא, ער זאָל ניט בלייבען אזוי איינזאַם דאָ, אין מיטען פון'ם דאָזיגען פינסטערן, טרויעריגען לעבען, וואָס קאָכט און זידט אזוי ווי א ווילדער צווישעטער ים אַרום איהם.

ענדליך האָט ער פערלאָרען די געדולד צו ליגען אליין אין'ם קליי־נעם צימער און הערען דעם וויסטען ליאַרם, וואָס דרינגט אַריין דורך דער וואַנד פון שענק. ער האָט זיך אַלזאָ אויפגעהויבען און איז אַרויס אין גאַס. לאַנג איז ער אין דער נאַכט אַרומגעלאָפען איינזאַם אין די גאַסען פון דער שטאָדט, מיטטראַגענדיג מיט זיך די שווערע לאַסט פון זיינע פינסטערע, מוטשענדע געדאַנקען. איהם האָט זיך עפּעס גע־פיהלט, אזוי ווי אימיצער, זיינער א שונא, געהט איהם נאָך אין דער פינסטער און שטויסט איהם און טרייבט איהם אַלץ אַהין, וואו עס איז אומעטיג און לאַנגווייליג. אַט דער דאָזיגער אונזיכטבאַרער פיינד זיינער צייגט איהם אַלץ דוקא אזעלכע זאַכען, וואָס רופען אַרויס פערדרוס און ביטערקייט אין זיין נשמה. ס'איז דאָך אויך פאַראַן

www.libtool.com.cn



גוטס אויף דער וועלט — גוטע מענשען, און פרעהליכע פּאסירונגען און א לוסטיגעס לעבען — פּארוואָס זשע זעהט ער דאָס אַלעס ניט? פּארוואָס קומט ער אַלץ אין בעריהרונג מיט פינסטערע און שלעכטע זאַכען? ווער טרייבט דאָס איהם אַלץ ארום אויף די שמוציגע, טרייסטלאָזע און רשעות'דיגע זייטען פון לעבען?

פערזונקען אין אַזעלכע מחשבות האָט ער מאַרשירט איבער די פעלדער און איז פערבייגעגאַנגען א שטיינערנע מויער פון א קלויס־טער, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער שטאָדט. ער איז געגאַנגען און געקוקט פּאַראויס. אנטקעגען איהם פון ערגעץ ווייט, ווייט, האָ־בען זיך געצויגען די וואָלקענס, שווער און לאַנגזאַם. דאָ און דאָרט האָט זיך פון צווישען די וואָלקענס ארוים בעוויזען דער הימעל, און קליינינקע שטערנדלעך האָבען מיט א ציטער געבלישטשעט אין אי־ליא'ס אויגען. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך פון צייט צו צייט נור געהערט דער מעטאַלענער קלונג פון דעם וועכטער־גלאָק אויפ'ן טהורם פון קלויסטער — ס'איז געווען דער איינציגער קלאַנג אין דער טויטען־שטילקייט, וועלכע האָט אַזוי ווי ארומגענומען די גאַנצע ערד. זאָגאַר פון דעם פינסטערען הויפען פון הייזער, וואָס איז געלעגען הינטער איליא'ן, האָט זיך ניט געהערט קיין שום ליאַרם, כאָטש עס איז נאָך גאַר ניט געווען אַזוי שפּעט. ס'איז געווען א קאַל־טע, פּראָסטיגע נאַכט. געהענדיג האָט זיך איליא אָנגעשטויסען אָן דער האַרטער פערפראָרענער בלאָטע. א מאָדנע געפיהל פון איינזאַמקייט און די מורא, וואָס זיינע געדאַנקען האָבען אין איהם ארויסגערופען, האָבען איהם אָבגעהאַלטען; ער האָט קיין חשק ניט געהאַט צו געהן ווייטער. ער האָט זיך אָנגעשפּארט מיט'ן רוקען אָן דער שטיינערנער וואַנד פון קלויסטער און האָט זיך פון דאָס ניי פערטיעפט אין'ם זעל־בען געדאַנק: ווער קען עס פּאָרט זיין דער, וואָס פיהרט איהם דורכ'ן לעבען און שיקט אויף איהם אָן, אַזוי ווי אויף להכעיס, אַל די בייזע און מיאוס'ע זאַכען...

אַ קאַלטער שוידער איז איהם אריבער איבער'ן לייב, און עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט פּאַראויס געפיהלט, אַז עטוואָס שרעקליכעס שטעהט איהם פּאָר, האָט ער זיך אַ ריס געטהאָן פון דער וואַנד און האָט גענו־מען געהן מיט האַסטיגע טריט צוריק אין שטאָדט אריין. מיט די

www.libtool.com.cn



אָרעמס פּעסט צוגעדריקט צום קערפּער איז ער געלאָפען אין איין אָטהעם, און פאַר מורא האָט ער ניט געוואַגט אפילו איין איינציגעס מאָל א קוק צו טהאָן הינטער זיך...

## 11.

א פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך איליא צונויפגעטראָפען מיט פּאַש־קא גראַטשעוו. ס'איז געווען אָבענד־צייט. אין דער לופט האָבען ארומ־געטאַנצט קליינע שטיקלעך שנעע, וועלכע האָבען זיך אָבגעשלאָגען אין'ם שיין פון די אָנגעצונדענע לאָמטערנעס. כאָטש עס איז געווען אזוי קאַלט, איז פּאַוועל געגאַנגען אָנגעטהאָן נור מיט א באַנוועלנע העמד אָהן א גאַרטעל. לאַנגזאַם איז ער זיך געגאַנגען, מיט'ן קאָפּ אראָבגעלאָזען איבער דער ברוסט, די הענד אין די קעשענעס, דעם רוקען אויסגעקרימט, פּונקט ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויפ'ן וועג. אז איליא האָט אָנגעיאָגט דעם אַלטען קאַמעראַד זיינעם און האָט איהם אָנגערופען ביים נאָמען, האָט פּאַשקא אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט אריינגעקוקט איליא'ן גלייך אין געזיכט אריין און גלייכגילטיג גע־זאָגט:

„אַה, דו ביסט עס!"

„ווי געהט'ס דיר?" האָט איליא געפרעגט, צוגעהענדיג נעהנטער צו איהם.

„ס'האָט נאָך געקענט ערגער געהן, ווען ס'וואָלט איבערהויפּט מעגליך געווען... און וואָס מאַכסט דו עפּעס?"

„אַט אזוי, ניש־קשה'דיג..."

„אויך ניט געהויבען, ווייזט אויס..."

זיי זיינען געגאַנגען שטילערהייט אזוי נאָהנט איינער לעבען דעם אַנדערען, אז זייערע עלענבויגענס האָבען זיך אָנגעריהרט.

„פאַרוואָס ביסט דו ניט געקומען צו אונז?" האָט איילא גע־פרעגט. „איך האַלט דיך אַלץ אין איין איינלאַדען..."

„כ'האָב קיינמאָל ניט די געלעגענהייט, ברודער... ווייסט דאָך, אז מען לאָזט אונזער איינעם ניט איבער קיין סך צייט פאַר זיך..."

„נישקשה, וואָלסט שוין געקענט קומען, ווען דו וואָלסט נור גע־

www.libtool.com.cn


וואָלט!״ האָט איליא געזאָגט מיט אַ פאַרוואָרפענדען טאָן.

„גלייך ווערט ער אין כעס... טענה׳סט אימער, איך זאָל קומען — און דערביי האָסט דו נאָך קיין איינציג מאָל ניט געפרעגט, וואו איך וואוין, און דו האָסט גאָרניט אין זינען אפילו, מיך צו בעזו־כען...״

„כ׳לעבען, דו האָסט רעכט,״ האָט זיך איליא אָבגערופען מיט אַ שמייכעל. „זאָג מיר טאַקע, וואו דו וואוינסט!״

פּאַוועל האָט איהם אָנגעקוקט, האָט אויך אַ שמייכעל געטהאָן און ווידער אָנגעפאַנגען נאָך לעבעדיגער ווי פריהער:

„איך לעב פאַר זיך, כ׳האָב ניט קיין פריינד — כ׳געפין ניט אַזעלכע, וואָס פּאַסען זיך צו מיר. קראַנק בין איך געווען, דריי חדשים כמעט בין איך געלעגען אין שפּיטאָל... קיין מענש איז אין דער גאַנ־צער צייט ניט געקומען, געוואָהר ווערן וואָס איך מאַך...״

„וואָס איז דיר אַזוינס געווען?״

„פערקיהלט האָב איך זיך, איינמאָל, בשעת איך האָב זיך אָנגע־שכור׳ט... מאָגען־טיפוס איז עס געווען... און אַז ס׳איז מיר בעסער געוואָרען, האָט זיך ערשט פאַר מיר געעפענט אַ ריכטיגער גיהנום! איינינקער אליין בין איך געלעגען דעם גאַנצען טאָג און די גאַנצע נאַכט... ס׳דוכט זיך אויס, אַז מען איז שטום און בלינד... עפּעס קומט מען זיך פאַר אַזוי ווי אַ יונג הינטעל, וואָס מען האָט אַריינגעוואָרפען אין לאָך. אַ דאַנק דעם דאָקטאָר האָב איך כאָטש געהאַט ביכער צום לעזען... אַניט וואָלט איך אַראָב פון זינען פאַר לאַנגווייליגקייט..״

„דאָס זיינען עפּעס געווען שעהנע ביכער?״ האָט לונעוו געפרעגט.

„יאָ — אָ, זעהר שעהן זיינען זיי געווען! ס׳רוב האָב איך גע־לייענט געדיכטע — לערמאָנטאָוו, נעקראַסאָוו, פּושקין... אָפּטמאָל, בשעת איך האָב געלעזען, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַזוי ווי איך וואָלט געטרונקען מילך. הערסט דו, פּאַראָן אַזעלכע פערזען, ברודער — אַז דו לייענסט זיי, פּיהלסט דו עפּעס אַזוי ווי די געליעבטע וואָלט דיך געקושט. אָפּטמאָל גיט דיך אַ פּערז אַ פּאַק ביים הארצען, אַז פונ־קען שפּריצען: פלאַם־פייער ווערסט דו...״

„און איך האָב אויפגעהערט לעזען ביכער,״ האָט איליא געזאָגט מיט אַ זיפץ.

www.libtool.com.cn



„פאַרוואָס?“

„אַזוי... וואָס שטעהט דען נאָך אַלעמען דאָרט? לייענסט דו אין בוך — קוקען דיר די זאַכען אויס אַזוי, און זעהסט דו זיי אין דער ווירקליכקייט — זיינען זיי גאַנץ אַנדערש.“

„ביסט כ'לעבען געראַכט... מיר וועלען אפשר אַריינגעהן ערגעץ וואו? מיר קענען דאָרט ווייטער פּלוידערן... איך מוז נאָך געהן ערגעץ, אָבער ס'האָט נאָך צייט... אפשר קענסט דו דערנאָך גאָר מיטגעהן מיט מיר אַהין...“

איליא איז צופרידען געווען מיט פּאַשקאַ'ס פאָרשלאָג און האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם. פּאַוועל האָט איהם ווידער אַמאָל אַריינגעקוקט אין געזיכט און מיט אַ שמייכעל האָט ער געזאָגט:

„מיר זיינען אייגענטליך קיינמאָל ניט געווען שטאַרק בעפריינ־דעט, אָבער ס'פרעהט מיך אימער, ווען איך טרעף דיך.“

„דאָס איז דיין געשעפט,“ האָט איליא געזאָגט אויף שפּאַס... „פון מיינעטוועגען זאָל עס דיך ניט פרעהען!“

„אַך ברודער,“ האָט איהם פּאַוועל איבערגעשלאָגען די רייד. „דיר לאַכט זיך אפּנים! איך האָב נור וואָס געהאַט עטוואָס אַנדערש אין זינען, ווען דו האָסט מיך אַנגעיאָגט. אָבער לאָז זייז...“

זיי זיינען אַריין אין דעם ערשטען בעסטען שענק, וואָס זיי האָ־בען געטראָפען, האָבען זיך דאָרט אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל און זיך בעשטעלט ביער. ביים שיין פון לאָמפּ האָט איליא דערזעהן, אַז פּאַ־וועל'ס געזיכט איז מאָגער און איינגעפאַלען. — זיינע אויגען האָבען געהאַט אין זיך עטוואָס אונרוהיגעס, און די ליפּען זיינע, וועלכע פלעג־גען פריהער כסדר זיין האַלב אָפען, גרייט צו לאַכען, זיינען אַצונד געווען פעסט צוגעמאַכט.

„וואו אַרבייטסטו דו דען?“ האָט איליא געפרעגט.

„ווידער אין אַ דרוקעריי,“ האָט פּאַוועל געענטפערט מיט אַן אור־מעטיגען טאָן.

„ס'איז שווער דאָרט?“

„ניין, דאָס ניט... מעהר זיך געשפּיעלט ווי געאַרבייט...“

איליא האָט עפּעס געפיהלט אַן אונבעשטימטע צופרידענהייט, זעהענדיג דעם אמאָליגען לוסטיגען און פרעכען פּאַשקאַ אַזוי אומע־

www.libtool.com.cn


טיג און פער׳דאגה׳ט. עס האט זיך איהם געוואלט דערגעהן, וואס האט פאוועל׳ן אזוי פערענדערט, און אנגיסענדיג פאשקא׳ס גלאז, האט ער איהם אנגעהויבען אויספרעגען:

„נא — און ווי האלט עס מיט דיינע פערזען?"

„דאס האב איך איצט אוועקגעווארפען... אבער פריהער האב איך געמאכט א סך געדיכטע. כ׳האב זיי געצייגט דעם דאקטאר — האט ער זיי געלויבט. איינס האט ער זאגאר געלאזט אבדרוקען אין א צייטונג. ניין און דרייסיג קאפיקעס האב איך געקראגען דערפאר..."

„אהא!" האט זיך איליא אבגערופען. „דאס איז גאר ניט מיאוס, כ׳לעבען! וואס זיינען דאס געוועזען פאר פערזען? זאג זיי אקארשט איבער!"

איליא׳ס ברענענדיגע נייגירינקייט און א פאר גלעזער האבען אויפגעמונטערט גראטשעוו׳ן. זיינע אויגען האבען געפונקעלט און די געלע באקען זיינע האבען גענומען רויט ווערן.

„וואס זאל איך דיר איבערזאגען?" האט ער זיך אנגערופען, זיך רייבענדיג דעם שטערן. „איך האב אלץ פערגעסען! ווארט אקארשט, אפשר וועל איך זיך פארט דערמאנען... איך האב שטענדיג אזוי פיעל פון די פערזען אין קאפ — אזוי ווי די ביהנען שווערמען זיי דארט ארום... זשומען און זשימזשען דארט! אפטמאל, אז איך הויב אן צו דיכטען, ווערט מיר היים ווי פייער... ווי א קעסעל קאכט עס אין מיין זעעלע, און די טרעהרען קומען מיר אין די אויגען..."

„וואס דו זאגסט? ווי קומט עס?" האט איליא געפרעגט ער־שטוינט.

„אזוי.. ס׳ברענט און פלאקערט עפעס אין דיר, דו ווילסט עס אויסדריקען ווי ס׳דארף צו זיין און דו געפינסט ניט קיין ווערטער דערצו... נא, ווערסט דו מלא רציחה אויף זיך אליין..." דערביי האט ער זיך אבגעזיפצט, א שאקעל געטהאן מיט׳ן קאפ און ווייטער געזאגט:

„איידער דו האסט עס ארויסגעבראכט, האט עס אויסגעוויזען אזוי גוט און געשמאק, און אז דו שרייבסט עס אויף, איז עס ניט ווערטה קיין פיטאק..."

„לאמיך פארט הערען א פאר פון דיינע פערזען," האט זיך איליא ביי איהם געבעטען.

www.libtool.com.cn



וואָס געניויער ער האָט אָנגעקוקט פּאַוועל'ן, אַלץ שטאַרקער איז געוואַקסען זיין נייגיריגקייט, און וואָס ווייטער איז צו דער דאָזיגער נייגיריגקייט אויך צוגעקומען אַן אַנדער געפיהל, אַ גוט, ווארם און וועהמוטהיג געפיהל.

„כ'מאַך דאָס רוב אַלץ אַזעלכע קאָמישע פערזען... וועגען מיין אייגענעם לעבען," האָט זיך גראַטשעוו אָבגערופען און אַ שמייכעל האָט זיך אויסגעגאָסען איבער זיין געזיכט.

„גוט, לאָמיך זיי אַקאָרשט הערען, אָט די קאָמישע פערזען דיי־נע!" האָט איליא זיך איינגע'עקשן'ט.

דאָ האָט זיך גראַטשעוו אומגעקוקט, האָט זיך אויסגעהוסט, זיך אַ ריב געטהאָן ביי דער ברוסט, און מיט אַ פערדריקטער שטימע האָט ער שנעל אָנגעהויבען דעקלאַמירען, זיך גאָר ניט אומקוקענדיג אויף זיין פריינד:

„ס'איז נאַכט... און טרויריג! דורך'ן פענסטער אריין
וואַרפט די לבנה מיר אין חדר'ל איהר שיין,
זי שמייכעלט און ווינקט מיר גאָר פריינדליך צו,
און מאָלט בלויאינקע בלימלעך וואו ניט וואו.
אָן דער שטיינערנער וואַנד, אַזוי נאָס און קאַלט,
אויף די אביצעם צוריסענע און אַלט,
כ'זיץ אין פינסטערע געדאַנקען פערטראַכט —
און קיין שלאָף נעהמט מיך ניט אַ גאַנצע נאַכט..."

פּאַוועל האָט זיך אָבגערוהט אַ ווייל'ע, האָט געגעבען אַ טיעפען זיפץ און דערנאָך ווידער אָנגעפאַנגען לאַנגזאַמער און שטילער צו דעקלאַמירען:

„אַזוי גרויזאַם האָט מיך ס'מזל געפּאַקט,
ס'האַרץ מיר צוריסען, דעם קאָפּ מיר צוהאַקט,
אָוועקגערויבט מיין לעצט — מיין זיס לעבען,
און צום טרייסט מיר נור די פלאַש געגעבען...
אָט שטעהט זי, מיט בראַנפען געפילט, און שיקט
דער לבנה אַ גרוס, און שמייכעלט און ווינקט...
איך הייל מיט בראַנפען מיין האַרץ, אַזוי קראַנק,
מיין מוח פערדולט דער פייעריגער טראַנק —

www.libtool.com.cn



ס'פליהען די געדאנקען, ס'קומט אָן דער שלומער...
אפשר נאָך אַ גלעזעל... פאר'ן קומער?...
און כ'טרינק נאָך איינס... ווער ס'שלאָפט, קען זיך בעגעהן—
איך אָבער קען די שמערצען ניט אויסשטעהן..."

אז גראטשעוו האָט געענדיגט זיין געדיכט, האָט ער מיט א פּאָר־שענדען בליק א קוק געטהאָן אויף איליא'ן, דערנאָך האָט ער אראָב־געלאָזען דעם קאָפּ נאָך טיעפער און האָט שטילערהייט געזאָגט:

„פון דעם סאָרט, זעהסט דו, זיינען זיי ס'רוב, מיינע פערזען... אונזיניג זיינען זיי, ניטאָ וואָס צו הערען..."

ער האָט גענומען פּויקען מיט די פינגער אויפ'ן טיש און האָט זיך ארומגערוקט אונרוהיג אויפ'ן שטוהל אהין און אהער.

א פּאָר סעקונדען האָט איליא געקוקט מיט דורכדרינגענדע אוי־גען אויף גראטשעוו'ן, און אויף זיין געזיכט האָט מען געקענט לעזען דעם אויסדרוק פון אן אונגלויבליכע ערשטוינונג. אין זיינע אויערן האָבען נאָך געקלונגען ביטערע, גלאַטע גראַמען, און ער האָט זיך גאָרניט געקענט גלויבען, אז דער דאָזיגער מאָגערער אינגעל אָהן א באָרד, מיט די אונרוהיגע אויגען; אז אָט דער אינגעל מיט דעם באַנ־וועלנעם העמד און מיט די שווערע שטיוועל האָט דאָס ווירקליך פער־פאסט אזעלכע פערזען.

„נאָ, ברודער, אונזיניג איז עס גראָד ניט," האָט ער געזאָגט לאַנגזאַם און פערטראַכט און האָט נאָך אַלץ ניט אראָבגענומען די אוי־גען פון פּאַוועל'ן. „אין געגענטהייל, ס'איז שעהן... ביים הארצען האָט עס מיר פערכאַפּט... ווירקליך! זאָג עס נאָך אמאָל, איך בעט דיך..."

פּאַוועל האָט מיט אמאָל א הויב געטהאָן דעם קאָפּ, האָט מיט א פרעהליכען בליק אַנגעקוקט זיין פריינד, און זיך צורוקענדיג נעהנ־טער צו איהם, האָט ער גאַנץ שטיל געפרעגט:

„ניין, אָהן א גלעכטער — ס'געפעלט דיר?"

„ביי גאָט! וואָס פאר א מאָדנער מענש דו ביסט... איך וועל דאָך ניט זאָגען קיין ליגען?!"

„נאָ, איך גלויב דיר.. דו ביסט עהרליך... ביסט איבערהויפּט אן אויסגעצייכענטער מענש!"

„זאָג עס נאָך אמאָל איבער!"

www.libtool.com.cn



פּאַווועל האָט דעקלאַמירט אין דער שטיל, מיט אַ טרויעריגען, מרה־שחורה׳דיגען טאָן. עפּטערס איז ער געבליבען שטעקען אין מי־טען און האָט טיעף אָבגעזיפצט, ווען די שטימע האָט זיך איהם אי־בערגעריסען. אַז ער האָט געענדיגט, איז נאָך איליא׳ס צווייפעל שטאַר־קער געוואָרען, און ס׳האָט זיך איהם נאָך וויינינגער געגלויבט, אַז פּאַ־ווועל איז דער דיכטער פון די דאָזיגע פּערזען.

„און די איבעריגע?“ האָט איליא געפרעגט.

„אָך, ווייסט וואָס — “ האָט פּאַווועל געענטפערט, „כ׳וועל בע־סער אריבערקומען צו דיר אמאָל מיט מיין העפט... מחמת דאָס רוב פון מיינע געדיכטע זיינען לאַנג... און איך האָב אצונד קיין צייט ניט! איך קען זיי גאָר אויך ניט געדיינקען אויסענווועניג, די אָנהויבען און די סוף׳ן פערפּלאָנטערן זיך מיר אימער אויף דער צונג.. איינס, צום ביישפּיעל, ענדיגט זיך אַזוי: איך געה אין וואַלד, ס׳איז נאַכט, און איך האָב פערבלאָנדזשעט און בין מיעד... נאָ, און עס ווערט מיר אַזוי קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצען... אַרום און אַרום איז אַזוי שטיל, איך בין אַליין... נו, זוך איך אַן אויסוועג פון מיין נויטה, און איך קלאָג:

„אַזוי מאַט די פיס,
ס׳האַרץ אַזוי מיעד,
כ׳זעה ניט קיין שום וועג!
אָה מוטער ערד,
קענסט דו מיר ווייזען,
וואו איז דער ברעג?!
איך לייג זיך אַוועק
אין דיין וואַרעמען שויס
מיט אַ קלאַפּענד הערץ —
און פון דער טיעפקייט
הער איך אַ שטימע:
דאָ בעהאַלט דיין שמערץ!...“

„עס איז דאָך ריכטיג, ניין?“ האָט פּאַווועל ווייטער געזאָגט. „אַט אַזוי לעבט זיך דאָס, מען בלאָנדזשעט אַרום אַזוי ווי אין וואַלד... אין דער פינסטער. מיט אמאָל דערזעהט מען פון ווייטען אַ ליכט און קיין

www.libtool.com.cn



וועג צוצוקומען אהין קען מען ניט געפינען!... הער אקארשט, איליא — ווילסט מיטגעהן מיט מיר? קום! איך וואלט זיך נאך ניט וועלען אבגעזעגענען מיט דיר..."

גראטשעוו האט האסטיג זיך אויפגעהויבען פון שטוהל, האט א צופ געטהאן איליא'ן ביים ארבעל און האט איהם ארייגגעקוקט פריינדליך אין געזיכט אריין.

„כ'געה מיט," האט איליא געזאגט. „כ'וואלט נאך אויך וועלען פלוידערן מיט דיר אביסעל... דעם אמת זאגענדיג: כ'ווייס נאך ניט, צי זאל איך דיר'ס גלויבען, אז דו האסט געמאכט די פערזען..."

„דו גלויבסט מיר ניט? וואס זשע מאכט עס אויס?... וועסט דאך זעהן, אז איך האב זיי געמאכט," האט פאוועל געזאגט, אין דער צייט וואס זיי זיינען ארויסגעקומען פון שענק אין גאס אריין.

„אויב ס'זיינען דיינע פערזען — דאן ביסט דו א גאנצער מענש!" האט זיך איליא אנגערופען מיט אויפריכטיגער בעוואונדערונג. „געה נור פריש און מונטער ווייטער אויף דעם וועג! ווייז זיי, די לייט, ווי ס'זעהט ווירקליך אויס, דאס לעבען פון די מענשען!"

„מעגסט זיך פערלאזען אויף מיר, ברודער — לאמיך זיך אקארשט ריכטיג אויסלערנען — דאן וועל איך שוין שרייבען! ניש־קשה, זיי וועלען קריגען זייער חלק!"...

„גוט אזוי! נעהם זיך נור ווי ס'דארף צו זיין צו זיי! זאלען זיי וויסען..."

„אפטמאל טראכט איך זיך אזוי שטילינקערהייט פאר מיר: „אך, איהר!... איהר זייט זאט און ווארם אנגעטהאן — און איך?"

„דאס איז אונגערעכט!"

„בין איך דען קיין מענש ניט, וואס?"

„מיר זיינען אלע גלייך!"

„ווער ס'געהט אנגעטהאן ווי אן אדון, דער עסט אויך פון בעס־טען פלאדען — און ווער ס'מוז שמאטעס טראגען, דער האט אויך א מכה אין מאגען. אך, ס'א חברה צבוע'אקעס!"

„צי זיי זיינען צבוע'אקעס! אלע מיט אנאנדער!..."

מיט שנעלע טריט זיינען זיי געגאנגען איבער דער גאס און אויפגעכאפט מיט חשק די שנעלע, היציגע ווערטלאך, וואס איינער האט צוגעווארפען דעם צווייטען. און וואס צוקאכטער זיי זיינען

www.libtool.com.cn



וואָרען, אַלץ נעהנטער האָבען זיי זיך צוגערוקט איינער צום אַנדערן. יעדער פון זיי האָט זיך פון גאַנצען האַרצען געפּרעהט, וואָס דער אַנ־דערער האָט דיזעלבע מיינונגען וואָס ער, און די דאָזיגע פרייד האָט זיי נאָך מעהר צוזאַמענגעבראַכט. דער שנעע, וואָס איז געפאַלען אין גרויסע שטיקער, איז צוגאַנגען אויף זייערע גליהענדע פּנים׳ער, האָט זיך פעסט געלייגט אויף זייערע קליידער און אויף זייערע שטיוועל. אַזוי האָבען זיי געבראָדזשעט אין אַ בלאָטע, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד.

„איך זעה די זאַכען גאַנץ דייטליך פאַר מיינע אויגען!“ האָט זיך פּאַוועל אַנגערופען פול מיט איבערצייגונג.

„אַזוי קען מען ניט לעבען!“ האָט איהם איליאַ אונטערגעהאַל־טען.

„ביסט דו געגאַנגען אין גימנאַזיע — דאַן האַלט מען דיך פאַר אַ גאַנצען פּריץ, אַפילו ווען דיין פאָטער איז אַ קוימענקעהרער גע־ווען.“

„אָט אַזוי איז דאָס טאַקע. און וואָס בין איך שולדיג, אַז איך בין ניט געגאַנגען אין גימנאַזיע? האַ?“

„פאַר יענע איז די סמיעטענע, די וויסענשאַפט, און פאַר מיר — אַ ביסעל זויער־מילך!“ האָט גראַטשעוו אויסגערופען מיט כעס. „נאַ וואַרט אַקאָרשט!“

„צום טייוועל אויך!“ האָט איליאַ אַ געשריי געטהאָן אריינטרע־טענדיג אין אַ געדיכטע בלאָטע.

„האַלט זיך מעהר לינקס...“

„וואוהין געהען מיר דען אייגענטליך, צו׳ן אַלדע שוואַרץ יאָהר?“

„צו סידאָריכאַ׳ן...“

„וואוהין?“

„צו סידאָריכאַ׳ן... דו קענסט זי גאָר ניט?“

„נ—ניין...“ האָט איליאַ געענטפערט אין אַ ווייַלע אַרום, און נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט נאָך אַ צוויי, דריי טריט האָט ער וויי־טער געזאָגט:

„קורץ זיינען זיי יעדענפאַלס ניט, די וועגען, וואו מיר געהען...“

„אַך,“ האָט זיך פּאַוועל אַנגערופען אין דער שטיל — „איך

www.libtool.com.cn



מוז אריבערגעהן אהין... כ'האב דארט וואס צו טהאן..."

„איך זאג דיר דען עפעס?... פערשטעהסט זיך, אז איך געה מיט דיר.."

„איך וויל דיר'ס דערצעהלען, איליא... כאטש ס'איז מיר אזוי ביטער דערפון צו ריידען..."

ער האט א שטארקען שפיי געטהאן און איז אנשוויגען געווארען אויף א ווײלע.

„וואס איז דאס אזוינס?" האט לונעוו געפרעגט, אנשטעלענדיג די אויערן צו הערען בעסער.

„זעהסט דו..." האט פאוועל אנגעהויבען מיט א האלבען מויל. „ס'איז א מיידעל... נא, דו וועסט דאך זי זעהן... דאס הארץ קען זי איינעם אוועקנעהמען... זי איז געוועזען א דיענסט־מיידעל ביי דעם דאקטאר, וועלכער האט מיך קורירט. איך פלעג נעהמען ביכער ביי איהם... דעמאלט, ווען ס'איז מיר שוין בעסער געווארען... נו, פלעגט מען קומען, זיך אוועקזעצען אין קיך און װארטען... און זי פלעגט מיט אמאל אויסוואקסען... פלעגט ארומשפרינגען ווי א האזעל און לאכען. מיר איז געװען אויפ'ן הארצען אזוי ווי דעם האלץ־שפענדעל אויפ'ן פייער... נא — האבען מיר זיך צונויפגערעדט... ס'איז צוגעגאנגען זעהר שנעל, איינס און צוויי, אהן א סך טענות. אך, איז דאס געװען א גליק... עפעס אזוי ווי דער הימעל וואלט צו אונז אראבגעקומען!... אזוי ווי די פעדער אין פייער אריין — אזוי בין איך צו איהר צוגעפלויגען... געקושט האבען מיר זיך, הערסט דו? אז די ליפען האבען אונז געגומען וועה טהאן — אך! אזוי ריין און שעהן איז זי געװען ווי א טשאטשקע, א שפיעלצייג. אז איך פלעג זי ארייננעהמען אין מיינע ארעמס, האט זיך מיר עפעס אויסגעדוכט, אזוי ווי זי וואלט פערשווינדען! ווי א פויגעלע איז זי ארייגעפלויגען צו מיר אין הארצען און געזונגען דארט..."

ער איז אנשוויגען געווארען, און א מאדנער קול, עפעס אזוי ווי א שלוכצען, איז איהם ארויס פון מויל.

„און וואס ווייטער?" האט א פרעג געטהאן איליא, וועלכער איז שטארק פעראינטערעסירט געווארען אין פאוועל'ס ערצעהלונג.

„דעם דאקטאר'ס ווייב האט אונז איינמאל געפאקט... כאפט

www.libtool.com.cn



איהר דער רוח! זי איז אויך געווען א שעהנעם פּרויענצימער און פלעגט פריהער ריידען אזוי פריינדליך מיט מיר.. נו, איז פער־שטעהט זיך, געווען א מיאוס׳ער סקאנדאל. וויערקא׳ן האט מען דורכ־געטריבען, און מיך מיט איהר צוזאמען. און אויסגעזידעלט האבען זיי אונז ביידען — שרעקליך, זאג איך דיר!... וויערקא איז געבליבען ביי מיר... איך האב גראד ניט געהאט קיין שטעלע, און מיר האבען געליטען הונגער, פערקויפט אלצדינג ביז׳ן לעצטען פאדים... אבער וויערקא איז א מיידעל מיט א שטארקען כאראקטער... זי איז אנט־לאפען, אויסגעבליבען פערצעהן טעג נאכאנאנד און דערנאך איז זי צוריקגעקומען... אויסגעפּוצט ווי א רייכע דאמע... אין ארם־בענדער איז זי געגאנגען... און געלד האט זי נאך דערצו געהאט אין קע־שענע..."

פּאשקא האט געקריצט מיט די צייהנער און מיט א ביטערן טאן האט ער ווייטער געזאגט:

„כ׳האב איהר גוט דורכגעבראכען די ביינער, אזוי ווי ס׳דארף צו זיין..."

„און זי איז ווידער אנטלאפען?" האט איליא געפרעגט.

„נ—ניין!... ווען זי וואלט אוועק פון מיר, וואלט איך זיך אריינגעווארפען אין וואסער... מעגסט מיך דער׳הרג׳ענען אויף טויט, האט זי געזאגט, אבער ניט ריהר מיך אן! כ׳וויים, אז איך פאל דיר צו לאסט... מיין נשמה, האט זי געזאגט, וועט קיינער ניט הא־בען..."

„און וואס האסט דו אלזא געטהאן?"

„וואס איך האב געטהאן? כ׳האב זי נאכאמאל געשלאגען... און זיך צואווייגט. וואס דען האב איך געזאלט טהאן? ערגעהרען האב איך זי דאך ניט געקענט..."

„פארוואס האט זי ניט אנגענומען קיין נייע שטעלע?"

„וויים דער טייוועל פארוואס! זי האט געזאגט — אזוי איז בעסער! אז ס׳וואלטען זיך אונטערגערוקט א פּאר קינדער — וואס וואלטען מיר מיט זיי געקענט אנהויבען צו טהאן?... און אזוי..."

איליא לונעוו האט זיך אויף א ווייל פערטראכט און האט געזאגט:

www.libtool.com.cn

„א פערשטענדיגעם מיידעל..."

פאשקא האט גארנישט געענטפערט דערויף. אזוי איז ער אבגע־גאנגען א פאר טריט פאראוים. דערנאך האט ער זיך פלוצלונג אומ־געדרעהט, איז געבליבען שטעהן לעבען איליא'ן און מיט א פייפענ־דער, האלב־פערדריקטער שטימע האט ער געזאגט:

„אז איך דערמאן זיך, אז אנדערע קושען זי, דאן קומט מיר עפעס פאר, אזוי ווי מען וואלט מיר אריינגעגאסען הייסע בליי אין האלז אריין..."

„פארוואס לאזט דו זי ניט לויפען?"

„זי לאזען לויפען?" האט פאוועל ווידערהאלט די ווערטער מיט ערשטוינונג.

איליא האט זיין ערשטוינונג פערשטאנען ערשט שפעטער, ווען ער האט דערזעהן דאס מיידעל...

ביים עק שטאדט זיינען זיי צוגעקומען צו אן איין־שטאקיגעם הויז, די זעקס פענסטער זיינען געווען פעסט פערשלאסען מיט גע־דיכטע לאדענס, און דאס האט דעם הויז געגעבען אן אויסזעהן פון א לאנגען, אלטען שפייכלער. דער פייכטער, ווייכער שנעע איז גע־לעגען צוגעקלעפט אויפ'ן דאך און אויף די ווענד, עפעס אזוי ווי ער וואלט געוואלט דאס הויז פערבארגען אדער גאר דערשטיקען.

פאשקא האט אנגעקלאפט אין טויער און געזאגט:

„אט דא האבען זיי זייער בעזונדערע איינריכטונג. די סידאריכא גיט די מיידלעך קוואטיר און קעסט און נעהמט דערפאר פופציג רובעל פון יעדער איינער... אין גאנצען האט זי נור פיער מיידלעך... פער־שטעהט זיך, אז זי האלט אויך דערביי ווייז, ביער, קאנפעקטען... און אלעם אנדערע וואס איז נור נויטיג. א חוץ דעם לאזט זי איהרע מייד־לעך טהאן, וואס זיי ווילען: ווילסט דו — געה אוים, און ווילסט דו ניט... בלייב אין דערהיים, נאר צאהל דיין האלבען הונדערט יעדען מא־נאט... זיי זיינען אלע אויסגעצייכענטע מיידלעך... זיי פערדיענען זיי־ער געלד גאנץ גרינג... איינע פון זיי, אלימפיאדא, נעהמט קיינמאל ניט ווייניגער ווי פיער רובעל..."

„און וויפיעל נעהמט דעון... דיינע?" האט איליא א פרעג גע־טהאן, אבקלאפענדיג דעם שנעע פון זיינע קליידער.

www.libtool.com.cn


„וו—ווייס איך ניט... נור בילינ איז זי אויך ניט," האָט גראַט־שעוו געענטפּערט אין א ווײַלע ארום.

הינטער דער טהיר האָט זיך געלאָזט הערען א גערויש. א גאָלדי־גער ליכט - שטראַהל האָט א ציער געטהאָן אין דער לופט.

„ווער איז דאָרט ?"

„ס'בין איך, וואסא סידאָרעוונא... גראַטשעוו..."

„אה דו !..."

די טהיר האָט זיך געעפענט, און א קליינע, דארע אַלטיטשקע מיט א מורא'דיג גרויסער נאָז אין דעם צוקנייטשטען פּנים האָט גע־האַלטען דאָס ליכט פאוועל'ן פאר'ן געזיכט, און זי האָט פריינדליך געזאָגט :

„א גוטען אָבענד דיר, פּאשא !... וויערונקא וואַרט שוין אזוי לאַנג און איז גאַנץ בייז. ווער איז דאָס דאָ מיט דיר געקומען ?"

„א פריינד..."

„ווער איז געקומען ?" האָט זיך געהערט אן אנגענעהמע שטימע פון'ם דונקעלן, לאַנגען קאָרידאָר ארוים.

„א גאסט פאר וויערא'ן," האָט די אַלטע געענטפּערט.

„וויערא, דיין שאַץ איז געקומען," האָט דיזעלבע העל־קלינגענדע שטימע אויסגערופען.

פון'ם אנדער'ן זייט קאָרידאָר האָט זיך אויך גיך געעפענט א טהיר, און אין דער העל־בעלייכטעטער עפנונג האָט זיך געוויזען די שעהנע געשטאַלט פון א מיידעל, פון אויבען ביז אראָב אין ווייסען אַנגעטהאָן, מיט א קאָפּ בלאָנדע האָר.

„אזוי בלייבסט דו אוים !" האָט זי זיך אַנגערופען בייזלעך מיט א הויכען קול. דערנאָך האָט זי זיך געשטעלט אויפ'ן שפּיץ פינגער, האָט ארויפגעלעגט די אָרעמס אויף פאוועל'ס אקסלען און מיט איה־רע זאַנפטע ברוינע אויגען האָט זי געקוקט אויף איליא'ן.

„דאָס איז מיין פריינד איליא לונעוו... כ'האָב זיך מיט איהם געטראָפען אויפ'ן וועג און דערפאר בין איך געקומען עטוואָס שפּע־טער..." האָט פאוועל געזאָגט.

„איהר זייט ווילקאָמען !" האָט זי זיך אַנגערופען, אויסשטרע־קענדיג איליא'ן די האַנד, און בשעת מעשה האָט זיך דער ברייטער

www.libtool.com.cn


ארבעל פון איהר ווייסען יאקעל ארויסגערוקט כמעט ביז'ן אקסעל. איליא האט מיט רעספעקט געדריקט איהר טרוקען, הייס הענטעל און האט דערביי קיין ווארט ניט אויסגערעדט. ער האט געקוקט אויף פאוועל'ס פריינדין מיט יענעם געפיהל פון פרעהליכער איבעררא־שונג, מיט וועלכען מען בעגריסט א שלאנקען, שמעקעדיגען ברעזאָוואַ בוים, וואס מען געפינט אונערווארטעט אין א געדיכטען וואלד, אין רעכטען מיטען פון זומפיגע, פערפוילטע שטיקער קלעצער. אז זי האט אבגעטראָטען אָן א זייט, אום איהם צו לאָזען געהן פאראויס, איז ער אויך אבגעגאנגען אן א זייט, האט זיך פערנייגט פאר איהר און העפ־ליך געזאָגט:

„ביטע, נאך אייך!"

„וואס פאר א קאוואליער!" האט זי געלאכט.

איהר געלעכטער איז געווען אנגענעהם, מונטער און העל. פאוועל האט אויך געלאכט און דערביי געזאָגט:

„האסט איהם שוין פערדרעהט דעם קאפ, וויערקא... זעה נור, זעה, ווי ער שטעהט דאס... אזוי ווי דער בער לעבען טאפ האניג!"

„ס'איז אמת?" האט דאס מיידעל מיט א ביטרען בליק א פרעג געטהאן איליא'ן.

„געוויס!" האט ער געענטפערט מיט א שמייכעל. „איך בין גאר אויסער זיך פון אייער שעהנקייט..."

„דו, הער אקארשט — מעהר פעהלט דיר ניט זאלסט זיך פער־ליעבען אין איהר! כ'וועל דיך דערשטעכען אויף טויט," האט פאוועל אויף קאטאָוועס געסטראשעט. ער האט אמת הנאה געהאט דערפון וואס די שעהנקייט פון זיין געליעבטע האט געמאכט אזא איינדרוק אויף איליא'ן, און זיינע אויגען האבען געבליצט פאר שטאָלץ. בשעת ער האט געקוקט אויף איהר. אויך זי האט נאאיוו קאָקעטירט מיט איהר רייצענדער שעהנקייט. זי האט מעהר ניט געטראָגען ווי א ברייט לייי־בעל איבער'ן העמד און א בלאנק־ווייס אונטער־קלייד. דאס לייבעל איז געווען אפען און מען האט געקענט ארויסזעהן איהר געזונדען שנעע־ווייסען קערפער. ארום די קארשען־פארביגע ליפען פון איהר קליין מיילכעל האט געשוועבט א קינדיש זעלבסט־צופריעדענער שמיי־כעל. עס האט אויסגעזעהן, אז זי פרעהט זיך מיט זיך אליין, פונקט

www.libtool.com.cn


ווי א קינד מיט א שפּיעלכעל, וואָס איז איהם נאָך גיט מיאוס געוואָרען. איליא האָט ניט געקענט אראָבנעהמען די אויגען פון איהר. ער האָט געזעהן, ווי גראציעז, ווי חן'עוודיג זי געהט ארום אהין און אהער איבער'ן צימער, ווי זי דרעהט מיט'ן נעזעל איהרען, ווי זי לאכט און פּלוידערט און קוקט דערביי אזוי צערטליך אויף פּאוועל'ן. און עס האָט איהר אָנגעהויבען וועה טהאָן דאָס הארץ פּארוואָס ער האָט אויך ניט אזא פריינדין; שווייגענדיג איז ער אזוי געזעסען און האָט בעטראכט אלצדינג ארום זיך.

אין מיטען אין קליינעם, העל־בעלייכטעטען צימערל, וואָס איז געוועזען אויפגערוימט ווי ס'דארף צו זיין, איז געשטאַנען א ווייס־געדעקטער טיש; אויפ'ן טיש האָט לוסטיג געזאָטען א סאמאָוואר, און אלץ ארום איז געוועזען פריש און מונטער. די גלעזער, די פלאַש וויין. די טעלער מיט וואורשט און ברויט — אלץ האָט געמאכט אזא זויבערן, גוטען איינדרוק. איליא'ן איז דאָס זעהר שטארק געפעלען און ער האָט מקנא געוועזען פּאוועל'ן, וועלכער איז זיך געזעסען גאַנץ גליקליך און האָט מיט אמאָל, ווי זיין שטייגער איז געוועזען, אָנגעהויבען צו מאכען גראַמען:

„דערזעה איך דיך — פּיהל איך אזוי ווי זונען־שיין וואָלט אריינגעשטראַהלט מיר אין הארצען אריין! אָבגעווישט ווערט יעדער פּערדרוס און שמערץ, און זאָויף גליק האָפּט ווידער מיין הערץ... א שעהן מיידעל אַן איינענס צו פּערמאָגען — וואָס דארף מען נאָך אנדערע גליקען אויף קלאָגען?"

„מיין ליעבער פּאשקא, ווי שעהן ס'איז דאָ!" האָט וויערא אויסגערופען גאַנץ ענטציקט.

„אָך, ווי היים דאָ איז!... הע, דו — איליא! ווערסט אמאָל אויפהערען? קענסט זיך גאָר ניט זאַט אָנקוקען אויף איהר? ! קריג זיך אליין איינע פאַר דיר!"

„אָבער שעהן מוז זי זיין," האָט וויערא געזאָגט, אריינקוקענדיג בעת מעשה איליא'ן גלייך אין די אויגען אריין.

„א שעהנערע פון איך איז גאָר ניטאָ," האָט זיך איליא אָבגעזיפצט און דערביי אויך א שמייכעל געטהאָן.

www.libtool.com.cn



„רעדט ניט, כ׳בעט אייך, פון זאכען, וואס איהר פערשטעהט ניט!“ האט וויערא געזאגט אין דער שטיל.

„נישקשה, ער איז א גוטער מבין,“ האט פאשקא ארייגגעווארפען א ווארט, און זיך ווענדענדיג צו איליא׳ן האט ער ווייטער געזאגט:

„דוכט זיך, אלצדינג איז דא אזוי פיין און אנגענעהם... און דאך פאלט איינעם מיט אמאל איין יענער געדאנק!... אין הארצען שניידט עס...“

„נו, דיינקט מען ניט דערפון,“ האט זיך וויערא אבגערופען און האט אראבגעבויגען דעם קאפ איבער׳ן טיש. איליא האט איהר אנגע־קוקט און האט געזעהן, ווי איהרע אויערען זיינען רויט געווארען.

„אט וואס דו דארפסט זיך טראכטען,“ האט דאס מיידעל וויי־טער גערעדט שטיל, אבער דאך מיט א פעסטען טאן. — „ווען ס׳זאל אפילו מעהר ניט זיין ווי איין איינציגער טאג, געהערט ער דאך צו מיר! מיר אליין איז עס דאך אויך ניט לייכט... אבער איך קען ניט אויסמישען שמערץ און פרייד אין איינעם!... כ׳וויל עס מאכען אזוי ווי ס׳הייסט אין ליעד: „דעם שמערץ וועל טראגען איך אליין, די פרייד אבער זאל בשותפות זיין!“

פאוועל האט זיך צוגעהערט צו איהרע ווערטער, אבער ער איז דאך געבליבען אומעטיג.

איליא׳ן האט זיך זעהר געוואלט זאגען עפעס, וואס זאל זיי טרייסטען און ערמוטהיגען, און ער האט זיך אין א וויילע ארום אנגערופען:

„וואס קען מען טהאן, אז דער קנופ לאזט זיך בשום אופן ניט אויפבינדען? ווען איך וואלט געהאט אזוי א היבש ביסעל געלד, א טויזענדער אדער גאר צעהן טויזענד רובעל — וואלט איך זיי אייך אוועקגעגעבען. נאט אייך! נעהמט עס נור און לעבט דערמיט אין ליעבע און צופריעדענהייט... מחמת איך זעה דאך און פיהל גאנץ גוט, אז איהר מיינט עס מיט׳ן גאנצען הארצען און אייער געוויסען איז ריין... אויף אלעם איבעריגע קענט איהר שפייען.“

א היים געפיהל האט אויפגעפלאמט אין איהם און האט איהם דורכגענומען דורך און דורך. ער האט זיך זאגאר אויפגעהויבען פון שטוהל. דא האט ער דערזעהן, ווי דאס מיידעל האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט איהם אנגעקוקט מיט דאנקבארע אויגען, און פאוועל

www.libtool.com.cn



האָט איהם צוגעשמייכעלט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט ערוואַרטעט, אז איליא וועט נאָך ווייטער ריידען אזעלכע אנגענעהמע, טרייסטענדע ווערטער.

„צום ערשטען מאָל אין לעבען זעה איך אזא שעהנהייט,“ האָט איליא פאָרטגעזעצט זיין רעדע... „און צום ערשטען מאָל זעה איך, ווי מענשען ליעבען זיך איינע די אנדערע... און דיך, פּאַוועל, האָב איך היינט ערשט אויף ריכטיג דערקענט... כ'האָב דיר אין דער נשמה אריינגעקוקט... אָט זיץ איך דאָ און זאָג דיר גאַנץ אָפען: כ'בין דיך מקנא... אומעטיג בין איך און אין דערזעלבער צייט אויך פרעהליך... זאָל גאָט געבען, אלץ זאָל זיך ביי אייך אויסלאָזען צום גוטען! און וואָס... דאָס וואָס איז שייך צו יענעם טרויעריגען געדאנק, לאָמיך אייך וואָס זאָגען: די טשואוואשען און די מאָרדווינען האָב איך גאָר נישט ליעב, זיי זיינען מיר דערווידער. ס'טריפט זיי שטענדיג פון די אויגען און זיי זיינען דערצו קויטיגע ברואים. אבער איך באָד זיך פונדעסט־וועגען אין איין טייך מיט זיי אין איינעם... און כ'טרינק דאָסזעלבע וואסער ווי זיי. זאָל איך, דערפאַר וואָס זיי זיינען היידען, זיך מיאוס'ן כאַר'ן טייך? פאַרוואָס? גאָט רייניגט איהם ווידער...“

„גאַנץ ריכטיג, איליא! ביסט אַ אויסגעצייכענטער מענש!“ האָט פּאַוועל אויסגערופען מיט פייער.

„און טרינקען טרינקט איהר דען אויך פון טייך?“... האָט זיך געלאָזט הערען וויעראַ'ס שטימע אין דער שטיל.

„לאָמיך איהם נור אקאָרשט געפינען!“ האָט איליא געלאכט. דערווייל גיסט מיר אָן אַ גלאָז טהעע, וויערא!“

„איהר זייט אַ אויסגעצייכענטער יונג!“ האָט דאָס מיידעל געזאָגט.

„אַ שעהנעם דאנק אייך“, האָט זיך איליא אבגערופען ערנסט. האָט איהר געמאכט אַ קאָמפּלימענט און האָט זיך צוריק אנידערגע־זעצט.

אויף פּאַוועל'ן האָבען זיינע ווערטער און איבערהויפּט די גאַנצע סצענקע געווירקט אזוי ווי אַ טרונק וויין. זיין לעבעדיג געזיכט איז רויט געוואָרען, די אויגען האָבען גענומען בליצען פון בעגייסטערונג און ער איז אויפגעשפּרונגען פון שטוהל און אָנגעהויבען לוסטיג ארומ־

www.libtool.com.cn



לויפען איבער'ן צימער.

„אך, זאל מיך דער טייוועל כאפען!" האט ער געזאגט. „ווי גוט ס'לעבט זיך אויף דער וועלט, ווען די מענשען זיינען ווי קינדער! אז אמת'ע פרייד האב איך מיר פערשאפט, דיך מיטבריינגענדיג אהער. איליא! לאמיר טרינקען, ברודער! גיס אן, וויערונקא!"

„נא, אצונד איז ער שוין ארויס פון די כלים," האט דאס מיידעל געזאגט מיט א צערטליכען שמייכעל. דערנאך האט זי זיך געווענדעט צו איליא'ן מיט די ווערטער: „אט אזוי איז ער שטענדיג — ענטווערער לייכטענדיג און פערשידענפארביג ווי א רעגענבויגען, אדער גרוי, לאנגווייליג און בייז..."

„דאס איז ניט גוט," האט לונעוו געזאגט מיט א געזעצטען טאן. און אלע דריי האבען גענומען פלוידערן לעבעדיג און מונטער און אלע ווילע האבען זיי זיך פאנאנדערגעלאכט אזוי ווי קליינע קינדער.

מיט אמאל האט מען אנגעקלאפט אין טהיר, און א שטימע האט געפרעגט:

„וויערא! קען איך אריינקומען?"

„קום, קום אריין!... איליא יאקאוולעוויטש, דאס איז מיין פריינדין ליפא..."

איליא איז אויפגעשטאנען פון שטוהל און האט זיך אומגעדרעהט צו דער טהיר צו: אנטקעגען איהם איז געשטאנען א הויכע, שעהנע פרוי און האט איהם געקוקט מיט איהרע בלויע אויגען גלייך אין געזיכט אריין. פון איהרע קליידער האט זיך ארויסגעהערט א שטארקער ריח פון פארפיום, איהרע באקען זיינען געווען פריש און רויט, און די האר אויף איהר קאפ זיינען געווען וואונדערבאר פערקעמט, אזוי ווי א קרוין, וואס דורכדעם האט זי נאך אויסגעזעהן העכער ווי זי איז געווען.

„כ'זיץ אליין ביי מיר אין צימער און לאנגווייליג מיך... און מיט אמאל דערהער איך, ווי מען פלוידערט און מען לאכט אזוי לוסטיג ביי דיר — נו, בין איך אהער געקומען... ס'מאכט דאך גאר ניט אויס, וואס? אט איז דאך פאראן א קאוואליער אהן א דאמע... כ'וועל איהם אונטערהאלטען — אויב איהר ווילט."

מיט א חן'עווודיגער בעוועגונג האט זי אוועקגעשטעלט איהר

www.libtool.com.cn



שטוהל לעבען איליא'ס, האָט זיך אַנידערגעזעצט און איהם געפרעגט:
„איהר לאַנגווײלט זיך דאָ מיט זײ — ניט דאָס זאָגט איהר? זײ קושען און האַלזען זיך אײנע די אַנדערע און איהר זײט זײ מקנא, ניט אמת?"
„איך לאַנגווײליג זיך גאָרניט מיט זײ," האָט איליא געענטפערט, װערענדיג צוטומעלט פון איהר.
„אַ שאָד!" האָט זי געזאָגט רוהיג, האָט זיך אַבגעקעהרט פון איליא'ן און זיך װענדענדיג צו װיערא'ן האָט זי װײטער גערעדט:
„הערסט דו — כ'בין נעכטען געװען ביים גאַטעס־דיענסט אין דעם יונג־פרויען־קלױסטער, האָב איך דאָרט אַ שעהנע כאָריסטקע געזעהן... הערסט דו? אַ װאונדערבאַרעס מיידעל... כ'האָב גאָר די אויגען ניט געקענט פון איהר אַבגרײסען, און אין דער שטיל, ביי זיך אין הארצען, האָב איך זיך געטראַכט: נאָך װאָס איז זי אַרײן אין קלױסטער? װירקליך, זי האָט מיר לייד געטהאָן..."
„פאַרוואָס? איך װאָלט זי גאָרניט בעדויערט," האָט װיערא גע־זאָגט.
„אַך — װער ס'גלויבט דיר שוין!..."
איליא האָט אײנגעאָטהעמט אין זיך דעם פײנשמעקענדען ריח, װעלכער האָט געשװעבט אַזוי װי אַ װאָלקען אַרום דער דאָזיגער פרוי. ער האָט זי בעטראַכט פון אַ זײט און זיך צוגעהערט צו איהר קול. זי האָט גערעדט געלאַסען מיט אַ מערקװירדיגער רוהיגקייט. אין איהר שטימע איז געלעגען עפּעס װאָס האָט געקענט פערשלעפערן דעם צוהערער, און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַזוי װי פון איהרע װערטער אפילו װאָלט זיך אַרויסגעהערט אַן אַנגענעהמער, שטאַרקער גערוך...
„װייסט דו, װיערא — איך שלאָג זיך נאָך אַלץ מיט דער דעה, צו זאָל איך געהן צו פּאָלװעקטאָװו'ן אָדער ניט..."
„איך קען דיר אין דעם קיין עצה ניט געבען..."
„אפשר װעל איך פאָרט געהן... ער איז אַלט... און רייך — דאָס זיינען צװיי װיכטיגע פּונקטען... אָבער קאַרג איז ער... איך װיל, אַז ער זאָל אױועקלײגען אין באַנק פאַר מיר פינף טױזענד רובעל, און הונדערט פּראָצענט רובעל אַ מאָנאַט זאָל ער מיר געבען צום לעבען — און ער באַט נור דריי טױזענד און הונדערט..."

www.libtool.com.cn



„רער איצט ניט דערפון, ליפּאַטשקא!" האָט איהר וויערא גע־בעטען.

„גוט, ווי דו ווילסט זיך." האָט ליפּא געזאָגט און האָט זיך פון דאָס נײַ געווענדעט צו איליא׳ן: „נו, יונגער מאַן, לאָמיר פּלוידערן אַביסעל... איהר געפעלט מיר.. איהר האָט אַ שעהן געזיכט און ערנס־טע אויגען... וואָס וועט איהר מיר ענטפערן דערויף?"

„איך גאָר נישט וועל איך ענטפערן..." האָט ער געזאָגט מיט פער־לעגענהייט, אַ שמייכעל טהאָנדיג דערביי. ער האָט פונדעסטוועגען גע־פיהלט, אַז די דאָזיגע פרוי האָט איהם געפאַנגען מיט איהר צויבער.

„גאָרנישט? אַה, זייט איהר לאַנגווייליג!... וואָס זייט איהר פאַרט?"

„הויזירער..."

„ווי—ירקליך? אבי איך האָב געמיינט, איהר זייט אַ קאָמי אין אַ באַנק... אָדער אין אַ פיינעם מאַגאַזין. איהר זעהט אויס זעהר אָנ־שטענדיג..."

„כ׳האָב ליעב די ריינקייט? דאָס איז פיין... קענט איהר עפּעס טרעפען?..."

„וואָס מיינט איהר דערמיט?"

„איז אייך שוין אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, אַז איהר זייט אייער פריינד דאָ אין וועג — אָדער ניט?" האָט זי געזאָגט, איהם דורכ־געהמענדיג מיט איהרע בלויע אויגען.

„אַה דאָס... נאָ, כ׳געה שוין!..." האָט איליא געזאָגט צוטומעלט.

„וואַרט אַ ווייילע! וויערא, מעג איך דיר אָוועקנעהמען אָט דעם בחור׳ל דאָ?"

„פון מיינעטוועגען — ווען ער וועט נור געהן מיט דיר..." האָט וויערא געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

„וואוהין דען?" האָט איליא געפרעגט מיט אַן אויפגערעגטער שטימע.

„געה, וואָס אַרט דיך, אַז דו וועסט מיטגעהן, דו נאַריש איינ־געל דו?!" האָט זיך פּאַשקא אָנגערופען.

איליא איז געשטאַנען ווי אַ נעכטיגער און האָט געשמייכעלט. אָבער די שעהנע פרוי האָט איהם אָנגענומען ביי דער האַנד, האָט

www.libtool.com.cn



איהם מיטגעצויגענע מיט זיך און מיט איהר געוועהנליך רוהיגען טאָן האָט זי געזאָגט:

„איהר זייט נאָך גאָר אונגעהובעלט — און איך בין אן איינגעשפּאַרטע. אז איך זאָל מיר פאַרנעהמען צו פערלעשען די זונן, דאַן געה איך אַרויף אויפ'ן דאך און וועל לאַנג בלאָזען און בלאָזען, ביז וואַנען איך וועל דעם לעצטען אָטהעם־צוג מיינעם אויסבלאָזען... אצונד ווייסט איהר שוין, וואָס איך בין?..."

איליא איז געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט איהר. קיין וואָרט האָט ער ניט פערשטאַנען וואָס זי רעדט; ער האָט אפילו ניט געהערט וואָס זי זאָגט. ער האָט נור געפיהלט, אז זי איז אזוי וואַרם, אזוי ווייך און אזוי אָנגענעהם זיס...

## 12.

די ערשטע צייט איז איליא געווען שטאַרק צופרידען פון זיין פערהעלטניס צו אָלימפּיאַדאַ'ן, וואָס איז געקומען אזוי אומגעריכט, איינפאַך דורך א ווייבערשען קאַפּריז. עס האָט אין איהם דערוועקט א שטאָלצעס געפיהל און איז אויך אין דערזעלבער צייט געווען א מין באַלזאַם פאַר די קליינע וואונדען פון זיין האַרצען, וואָס דאָס לעבען האָט איהם פערשאַפט. דער געדאַנק, אז א שעהנע, פיין־געקליידעטע פרוי באַט איהם פרייווילינג אַן איהרע טייערע קושען און פערלאַנגט ביי איהם גאַרנישט דערפאַר, האָט איהם נאָכמעהר אויפגעהויבען אין זיינע אייגענע אויגען, און ער האָט געפיהלט, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט געשוואומען אין א ברייטען שטראָם, אזוי ווי א רוהיגע כוואַליע וואָלט איהם געטראָגען, מיט צערטליכקייט איהם געגלעטשעט און אריינגענעבען קראַפט און מוטה אין זיינע גליעדער.

„טייערער עקשן מיינער!" האָט אָלימפּיאַדאַ זיך אָבגערופען צו איהם, זיך שפּיעלענדיג מיט זיינע לאָקען אָדער אריבערגעהענדיג מיט'ן פינגער איבער די דונקעלע האָר, וואָס האָט בעדעקט זיין אויבערשטע ליפּ. „וואָס א טאָג ווייטער געפעלסט דו מיר אַלץ בעסער... האָסט א מוטהיג, שטאַרק האַרץ, און איך זעה אַרוים, אז ווען דו ווילסט נור עפּעס, וועסט דו עס זיכער דערגרייכען... דאָס איז גאַנץ גוט אזוי...

www.libtool.com.cn



איך בין אויך פון דעם סאָרט... ווען איך וואָלט נור געווען יונגער — וואָלט איך מיט דיר חתונה געהאַט, דאַן וואָלטען מירביידע געפיהרט אַ לעבען ווי ס'דאַרף צו זיין..."

איליא פלעגט איהר בעגעגנען מיט גרויס רעספּעקט. זי האָט אויסגעזעהן אַזוי פּערשטענדיג אין זיינע אויגען, און ס'איז איהם געפעלען, וואָס ניט קוקענדיג אויף איהר אויסגעלאַסענעם לעבען, האָט זי זיך דאָך געהאַלטען אויף די פיס און איז ניט געזונקען אין גאַנצען אין שמוץ. זי פלעגט זיך ניט אָנ'שכור'ן און האָט קיינמאָל ניט גערעדט קיין מיאוס'ע, אויסגעלאַסענע רייד, ווי אנדערע ווייבער, וועלכע ער האָט געקענט. איהר קערפּער איז געווען אַזוי גלאַט און קרעפּטיג, פּונקט ווי איהר שטימע און האַרט אַזוי ווי איהר כאַראַקטער. אויך איהר שאַרפזאַמקייט, מיט וועלכע זי פלעגט ריידען מכח אַלצדינג און די שטאָלצע האַלטונג איהרע אַנטקעגען יעדען איינעם — דאָס אַלעס איז איהם זעהר געפעלען. אָפּטמאָל אָבער, אַז ער פלעגט קומען צו איהר און זי טרעפען מיט אַ בלייכען, פערוויאַנעטען פּנים און מיט צושויבערטע האָר אין בעט, פלעגט זיך אין איהם דערוועקען אַ געפיהל פון עקעל. און אַז ער פלעגט דאַן מיט האַרטער, פינסטערער מיענע אריינקוקען אין איהרע אומעטיגע, עפּעס אויך אַזוי ווי אויסגעבלייכטע אויגען, האָט זיך איהם קיין וואָרט ניט געלייגט אויף די ליפּען; ניט אַמאָל בעגריסען האָט ער זי דאַן געקענט.

זי האָט אָפּנים געמוזט בעגרייפען וואָס ביי איהם אין האַרצען קומט פאָר, מחמת זי פלעגט זיך דאַן יעדעם מאָל איינדרעהען אין איהר קאָלדרע און זאָגען צו איהם:

„נו, געה שוין, געה אריין צו וויעראַ'ן!... זאָג דער אַלטער, זי זאָל מיר אריינבריינגען אַביסעל שנעע־וואַסער!..."

ער פלעגט אריינגעהן אין'ם זויבערן צימערל, וואו פּאַוועל'ס פריינדין האָט געוואוינט, און וויעראַ, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט זיך געפיהלט שולדיג, פלעגט אַ שמייכעל טהאָן, דערזעהענדיג זיין פינסטער, אונצופריעדען געזיכט. איין טאָג האָט זי איהם אַ פרעג געטהאָן:

„נאַ, איליא יאַקאָוולעוויטש, ווי געהט'ס? ווי געפעלען מיר איך דאָ?"

www.libtool.com.cn



„אַך, וויעראַטשקאַ, אויף אייך קען די זינד קיין שליטה ניט האָבען!... אז איהר גיט נור א שמייכעל, צוגעהט זי אזוי ווי דער שנעע..."

„ס'א רחמנות אויף אייךביידען, אָרעמע אינגלעך וואָס איהר זייט!" האָט זי געזאָגט מיט א טאָן פון מיטלייד.

איליא האָט גאַנץ האָלט געהאט וויעראַ'ן. ער האָט זי בעדרויערט ווי א קליין קינד. פלעגט זיך שטארק נעהמען צום הארצען, ווען זי פלעגט זיך צוקריגען מיט פאוועל'ן, און ער האָט זיך יעדעסמאָל ארייננעמישט און געמאכט שלום צווישען זיי. עס האָט איהם פער־שאפט פערגניגען צו זיצען ביי איהר אין צימער און קוקען, ווי זי קעמט זיך די גאָלדענע האָר איהרע, אָדער ווי זי נעהט עפּעס פאר זיך און זינגט זיך דערביי צו א ליעדעל אין דער שטיל. עפּטערם האָט ער אין איהרע אויגען בעמערקט אן אומעט, און צייטענווייז איז איבער איהר געזיכט אריבער א שמערצליכער שמייכעל, פול מיט פערצווייפ־לונג. אין אזעלכע מאָמענטען האָט זי ביי איהם אין די אויגען נאָך מעהר אויסגענומען, ער האָט נאָך טיעפער געפיהלט דעם מיידעל'ס אונגליק און ער פלעגט זוכען צו טרייסטען וויעראַ'ן אזוי גוט ווי ער האָט געקענט. זי אבער פלעגט ענטפערן דערויף:

„ניין, ניין, איליא יאקאָוולעוויטש — אזוי קען מען ניט לעבען!... אונמעגליך, גאַנץ אונמעגליך איז עס... בארעכענט פאַרט!... איך... מילא איך מוז שוין אזוי ווייטער לעבען אין דעם שמוץ... אבער פאַ־וועל... צו וואָס דארף ער נאָך זיין ביי מיר?..."

„ס'איז דאָך זיין ווילען אזוי..." האָט זיך איליא אָבגערופען.

„זיין ווילען?" האָט אזוי ווי א ווידער־קול צוריק אָבגעקלונ־גען פון איהרע ליפּען.

זייער געשפּרעך איז איבערגעשלאָגען געוואָרען פון אָלימפּיאַ־דאַ'ן, וועלכע האָט זיך שטיל, אזוי ווי א קאַלטער שטראַהל פון דער לבנה, ארייגגע'גנב'עט אין צימער. זי איז געווען איינגעהילט אין א ברייטען מאַנטעל.

„קום טהעע טרינקען, עקשן מייגער! און שפּעטער א ווייל־ע קענסט דו אויך אריבערקומען, וויעראַטשקאַ..."

זי איז געווען פריש און רוהיג פון די קאַלטע וואַסער, מיט וועלכע

www.libtool.com.cn



זי האָט זיך נור וואָס ארומגעוואשען. גאנץ רוהיג, אָהן אסך טענות האָט זי אָנגענומען איליא'ן ביי דער האנד און האָט איהם אריינגע־פיהרט צו זיך אין צימער. און ער איז נאָכגעגאנגען נאָך איהר און האָט געטראכט, צי איז דאָס ווירקליך דיזעלבע אָלימפּיאדאָ, וועלכע ער האָט מיט א ווייל פריהער געזעהן מיט אן אָבגעלעבטען, פער־וועלקטען פּנים און מיט פערשמירטע הענד.

בשעת זיי האָבען געטרונקען טהעע, רופט זי זיך אָן צו איהם:

„א שאָד, וואָס דו ביסט א בויערן־יונג און האָסט ווייניג גע־לערנט... ס'וועט דיר דעריבער זיין שווער אָנצוגעהן אין לעבען... אבער יעדענפאלס מוזט דו אוועקוואַרפען דיין האנדעל און זיך נעהמען צו עפּעס אנדערש... ווארט אקאָרשט, איך וועל דיר אויסזוכען עפּעס א שטעלע... דו מוזט ערגעץ אָנקומען... לאָמיך נור אקאָרשט מאכען א לאַד מיט פּאָלועקטאָוו'ן, וועל איך דאָס קענען אויספיהרען...“

„ווי מיינסט דו? וועט ער דיר געבען די פינף טויזענד?“ האָט איליא געפרעגט.

„אודאי וועט ער זיי געבען,“ האָט זי געענטפערט פעסט איבער־צייגט.

„נא, טרעף איך איהם אבער אמאָל ביי דיר — דאן רייס איך איהם איינפאך אָב דעם קאָפּ,“ האָט זיך איליא אָנגערופען אייפער־זיכטיג.

„פאר וואָס דען? ער שטעהט דאָך דיר ניט אין וועג!“

„געוויס שטעהט ער מיר אין וועג...“

„אָבער ער איז דאָך אלט און העסליך!“... האָט אָלימפּיאדאָ געזאָגט מיט א געלעכטער.

„דו מעגסט זיך לאכען! ס'ארט מיך ווייניג וואָס. ס'איז גאר ניט אזא גרויסע זינד, אזא שמוציגע בריאה אראָבצורדרעהען דעם האלז...“

„ווארט ווייניגסטענס אָב דערמיט, ביז וואנען איך וועל האָבען דאָס געלד אין דער האנד,“ האָט זי זיך אָבגערופען ווידער מיט א גע־לעכטער.

דער סוחר האָט געטהאָן פאר איהר אלצדינג, וואָס זי האָט נור פערלאנגט. באלד איז איליא געזעסען אין אָלימפּיאדא'ס נייער וואוי־

www.libtool.com.cn



כונג, האָט בעטראַכט די דיקע טאַפּעטען, וואָס זייגען געלעגען אויף דער ערד, און די שווערע מעבעל, בעצווינגען מיט טונקעלען פּלאַש. דערביי האָט ער זיך צוגעהערט צו די געזעצטע רייד פון זיין געליעב־טער. ער האָט ניט בעמערקט קיין שום פרייד אויף איהר, קיין צופריע־דענערע מיענע איבער דער פערענדערונג פון איהר צושטאַנד. רוהיג און געלאַסען איז זי געבליבען אזוי ווי פריהער. ס׳האָט אויסגעזעהן, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט בלויז איבערגעביטען דאָס קלייד איהרס — ווייטער נישט...

„מיר איז איצט געוואָרען זיבען און צוואַנציג יאָהר,“ האָט זי געזאָגט. „אז איך וועל אַלט זיין דרייסיג, וועל איך האָבען צעהן טוי־זענד רובעל. דאַן גיב איך דעם אַלטען א בריק און בין א פרייער מענש... ביי מיר קענסט דו לערנען, ווי אזוי אַנצוגעהן אין לעבען. מיין איינגעשפּאַרטער עקשן!“

איליא האָט זיך פון איהר אויסגעלערנט צו האָבען יענע געדולד, יענע אויסדויער, וואָס איז נויטיג, ווען מען וויל ערררייכען א געוויסען ציעל. צייטענווייז אָבער האָט איהם שטאַרק געקריינקט, ווען ער האָט זיך נור דערמאָנט, אז מיט דער ליעבע איהרער, מיט איהר קושען און האַלזען מוז ער זיך טהיילען מיט נאָך איינעם. דאָס איז געווען א שמערצליכעם געפיהל פון קריינקונג און ערנידריגונג. נאָר באַלד האָט זיך פון דאָס ניי אָבגערופען אין איהם דער חלום, אז ער וועט נאָך ווען עס איז האָבען אן אייגענע קראָם, א ריינעם צימער, וואו ער וועט קענען אויפנעהמען דיזע פרוי. ס׳האָט זיך איהם אפילו ניט געגלויבט, אז ער האָט ליעב אָלימפּיאַדאַ׳ן, דאָך אָבער האָט איהם אויסגעוויזען, אז ער וואָלט אָהן איהר ניט געקענט לעבען, אז ער נויטיגט זיך אין איהר אזוי ווי מען נויטיגט זיך אין א גוטען, פערשטענדיגען חבר.

אזוי זיינען אריבער צוויי, דריי מאָנאַטען... איינמאָל, קומענדיג אהיים פון זיין הויזירעריי, איז איליא אראָב צום שוסטער פערפּיש־קא אין קעלער און איז ערשטוינט געוואָרען צו זעהן, ווי אזוי פער־פּישקא מיט יאַקאָוו׳ן זיצען איינער אנטקעגען דעם אנדערען ביים טיש פאַר א פלאַש בראַנפען. אויף פערפּישקא׳ס פּנים האָט זיך אויס־געצווייגען א גליקליכער שמייכעל, און יאַקאָוו איז געזעסען אַנגע־שפּאַרט אַן טיש, האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אהין און אהער און

www.libtool.com.cn



מיט אַן אונזיכערער שטימע האָט ער געזאָגט:

„אויסגעצייכענט! אויב גאָט זעהט אַלעם און ווייסט אַלעם—דאַן זעהט ער דאָך מיך אויך... זיי האָבען מיך אַלע אָוועקגעוואָרפען, ברו־דער... כ'בין איינער אַליין! מיין פאָטער האָט מיך ניט ליעב, ער איז אַ גנב! אַ רויבער און אַ לומפּ איז ער... ניט ריכטיג אפשר, פּער־פישקאַ?"

„גאַנץ ריכטיג, יאַשאַ. שעהן איז עס טאַקע ניט, אָבער ריכטיג איז עס דאָך", האָט דער שוסטער געזאָגט.

„נו אַלזאָ!... ווי אַזוי זאָל איך דאָ לעבען? און וואָס בלייבט מיר נאָך איבער צו גלויבען? האָט יאַקאָוו געפרעגט, און די צונג האָט זיך איהם געפּלאָנטערט אין מויל. „דעם טאַטען — קען איך ניט גלויבען... איליאַ — געהט זיך זיין וועג... מאַשאַ איז אַ קינד. וואו זיינען דען נאָך פאַראַן מענשען? פּערפישקאַ, ניטאָ מעהר קיין מענשען אויף דער וועלט!..."

איליאַ איז געשטאַנען ביי דער טהיר און האָט אויסגעהערט זיין פריינד'ס שכור'ע רייד. אַ געפיהל פון ווייטאָג האָט דורכגענומען זיין האַרץ. ער האָט געזעהן, ווי קראַמפּטלאָז יאַקאָוו'ס קאָפּ וואַרפט זיך אַהין און אַהער אויף דאָס דינע העלזעל זיינס, ער האָט געזעהן פּער־פישקאַ'ס מאָגער, געל געזיכט, בעצווייגען מיט אַ צופרידענעם שמייכעל, און עס האָט זיך איהם גאַרניט געקענט גלויבען, אַז דאָס איז ווירק־ליך יאַקאָוו, אַז ער זעהט דאָס טאַקי פאַר זיך דעם שטילען, צוריקגע־האַלטענעם יאַקאָוו, וואָס ער האָט אַזוי גוט געקענט.

„וואָס פאַר מיאוס'ע שטיק מאַכסט דו דאָ?" האָט ער געפרעגט מיט אַ טאָן פון פאָרוואורף, צוקומענדיג נאָהנט צו איהם.

יאַקאָוו איז פערציטערט געוואָרען. מיט דערשראָקענע אויגען האָט ער אָנגעקוקט איליאַ'ן אין געזיכט און מיט אַ פערצווייפעלטען שמייכעל האָט ער געזאָגט:

אַך, איליאַ... ס'איז גאָר נישט! איך האָב זיך נור דערמאָנט— דער טאַטע..."

„וואָס הייסט עס אייגענטליך, רייד!" האָט איהם איליאַ איבער־געשלאָגען.

„לאָז איהם צורוה, איליאַ יאַקאָוולעוויטש!" האָט זיך פער־

www.libtool.com.cn



פּישקאַ אָנגערופן און האָט זיך בשעת מעשה קוים אויפגעהויבן פון שטוהל. „ער איז גאַנץ גערעכט... דאַנקען גאָט װעניגסטענס, װאָס דער בראַנפן שמעקט איהם נאָך...“

איליאַ,“ האָט יאַקאָװ אַ געשריי געטהאָן פון גאַנצען האַרצען— „מיין פאַטער האָט מיך... געשלאָגען!“

„אַזוי איז עס — איך בין געװען דערביי,“ האָט פערפּישקאַ ער־קלעהרט, זיך אַ קלאַפּ געבענדיג מיט'ן פויסט אין האַרצען. „איך האָב אַלצדינג געזעהן... שװערען קען איך דערױף. די צייהן האָט ער איהם אויסגעזעצט אין די נאָז צוהאַקט, אַז בלוט האָט זיך געגאָסען...“

יאַקאָװ'ס געזיכט איז װירקליך געװען געשװאָלען און די אױ־בערשטע ליפּ זיינע איז געװען פערלאָפען מיט בלוט. ער איז געשטאַ־נען אַנטקעגען זיין חבר און מיט אַ קלעגליך־לאַכעדיגען קול האָט ער געזאָגט:

„װי אַזוי מעג מען מיך דען שלאָגען? מיר איז שוין געװאָרען ניינצעהן יאָהר, און איך בין דאָך גאָר ניט שולדיג געװען!“

„פאַר װאָס האָט ער דיך דען געשלאָגען?...“

יאַקאָװ האָט אַ ציה געטהאָן מיט די ליפּען, אַזוי װי ער װאָלט עפּעס װעלען זאָגען, נאָר ער איז דאָך געבליבען שטיל. אַ שוידער איז איהם אריבער'ן לייב און זיין אויסגעדאַרטער פּנים האָט אָנגעהויבען ציטערן. ער האָט זיך ניט געקענט האַלטען אויף די פיס און איז אַראָבגעזונקען אויף'ן שטוהל. ער האָט זיך אָנגענומען מיטביידע הענד פאַר'ן קאָפּ און האָט אָנגעפאַנגען הויך צו שלוכצערן, און זיין קער־פּער האָט בשעת מעשה געהאַלטען אין איין ציטערן. פּערפּישקאַ, װעלכער האָט איהם געהאָלפען זיך אַנידערזעצען, האָט זיך אָנגעגאָסען אַ גלעזעל בראַנפן און געזאָגט:

„לאָז איהם װיינען!... ס'איז נאָך, כ'לעבען, גוט, אז אַ מענש קען זיך אויסװיינען... אויך מאַשוטקאַ האָט װאָס געקראָגען... אויסגע־װייקט אין טרעהרען איז זי געװען... כ'װעל איהם די אויגען אויס־גראַבלען, האָט זי געהאַלטען אין איין שרייען, הע, הע! האָב איך זי אַרױפגעפיהרט צו מאַטיצאַ'ן...“

„װאָס פאַרט האָט פּאַסירט דאָרט?“ האָט איליאַ געפרעגט.

„כ'קען דאָס דיר גאַנץ גענוי דערצעהלען, אויף'ן האַר,“ האָט

www.libtool.com.cn

פערפישקא געענטפערט. „ס'איז איינפאך געקומען דורך א גארניט, א נארישקייט... טערענטי, דער פעטער דיינער, הייסט עס, האט געמאכט דעם אנהויב... מיט אמאל, פון העלער־הויט, רופט ער זיך אן צו פעט־רוכאן: „לאז מיך אוועק, כ'וועל גהען קיין קיעוו,“ האט ער געזאגט, „צו די הייליגע צדיקים, די העלפער אין נויטה!“... פעטרוכא איז גאנץ צופרידען געווען דערמיט. שוין לאנג אז טערענטי'ם הויקער שטעהט איהם ווי א ביין אין האלז, און דעם אמת זאגענדיג, איז ער מלא שמחה, וואס טערענטי טראגט זיך אב... ניט שטענדיג איז גוט צו האבען ביי זיך איינעם, וואס ווייסט דיינע סודות, הע, הע! „נא,“ האט ער געענטפערט, „געה און ווארף פאר מיר אויך אריין א גוט ווארט ביי די העלפער אין נויטה“... און מיט אמאל פאלט יאקאוו אריין: „לאז מיר אויך מיטגעהן,“ מאכט ער...“

פערפישקא האט גענומען מאכען משונה'דיגע עוויות מיט די אוי־גען און מיט'ן פנים און מיט א גראבען קול, נאכמאכענדיג פעטרו־כא'ן, האט ער אויסגעשריגען:

„ווא—א—ם ווילסט דו?... „צו די הייליגע וויל איך געהן מיט'ן פעטער“... „ס'הייסט — אזוי גאר?“... „איך וויל,“ זאגט יאקאוו, „אויך גאט בעטען פאר דיר“... דא הויבט פעטרוכא אן צו ליארע־מען: „כ'וועל דיר געבען א גאט־בעטען!“ און יאקאוו האלט זיך אלץ ביי זיינם: לאז מיך געהן! דאס געבעט פון'ם זוהן פאר די זינד פון'ם פאטער איז ביי גאט שטארק אנגעליינט“... אז פעטרוכא פאהרט איהם ניט אריין מיט'ן קולאק איינם אין מויל אריין... און נאך איינם... און נאך איינם...“

„איך קען ניט לעבען מיט איהם צוזאמען,“ האט יאקאוו געשריי־גען. „איך וועל אנטלויפען! כ'וועל זיך אויפהייגגען! פארוואס האט ער מיך געשלאגען? הא, פארוואס? פון הארצען איז עס מיר געקו־מען, וואס איך האב געזאגט...“

פון'ם געשריי איז איליא'ן געווארען שווער אויפ'ן הארצען, און ציהענדיג מיט די אקסלען, אזוי ווי ער וואלט ניט וויסען וואס פאר אן עצה צו געבען זיין פריינד, איז ער ארויס פון קעלער. די נאכריכט, אז דער פעטער זיינער וויל זיך אוועקלאזען אויף קבר אבות, איז איהם געווען אנגענעהם: געהט דער פעטער אוועק, וועט ער שוין אויך

www.libtool.com.cn


אמאָל קענען פּטור ווערן פון'ם דאָזיגען הויז; ער וועט זיך נעהמען א קליין צימערל פאר זיך און קיינער וועט איבער איהם קיין בעל הבית ניט זיין...

אז ער איז אריין צו זיך אין צימער, איז גלייך נאָך איהם אריינגעקומען פּעטער טערענטי. אויף זיין געזיכט איז געלעגען א פרעהליכער אויסדרוק, זיינע אויגען האָבען געבלישטשעט, און אונטערטרייסלענדיג מיט'ן הויקער איז ער צוגעקומען צו איליא'ן און געזאָגט:

„נו, איך געה שוין אלזא אוועק פון דאנען! אָה, גאָט, ווי פרעהליך איך בין דאָס! עפּעס אזוי ווי פון א קעלער, פון א הייהל לאָז איך מיך ארויס אין גאָט'ס וועלט... ער וועט אלזאָ ניט פערוואָרפען מיין געבעט, ווי באלד ער לאָזט גור צו, אז איך זאָל אוועק פון דאנען..."

„ווייסט דו שוין — וואָס האָט געטראָפען מיט יאקאָוו'ן?" האָט איליא געפרעגט מיט א טרוקענעם טאָן.

„וואָס פאַרט?"

„ער האָט זיך אָנגע'שכורט..."

„וואָס רעדסט דו? דאָס איז, כ'לעבען, ניט שעהן פון איהם! אזא נאַריש אינגעל!... און א חוץ דעם האָט ער נאָך דעם פאָטער געבעטען, ער זאָל איהם לאָזען מיטגעהן מיט מיר..."

„דו ביסט דערביי געווען, ווי דער פאָטער האָט איהם געשלאָגען?"

„פערשטעהט זיך, אז איך בין געווען דערביי... וואָס איז דען?"

„נא—פערשטעהסט דען ניט, אז ער האָט זיך טאקי צוליעב דעם אָנגע'שכור'ט?"

„טאקי צוליעב דעם? ניט מעגליך!..."

איליא האָט גאנץ קלאָהר ארויסגעזעהן, אז דער פּעטער קימערט זיך ווייניג וואָס וועגען יאקאָוו'ן, און דאָס האָט נאָך פערשטאַרקט זיין פיינדליכעם געפיהל צום הויקער. ער האָט נאָך קיינמאָל טערענטי'ן ניט געזעהן אזוי פרעהליך, און דעם פּעטער'ס פרעהליכקייט, גלייך נאָך יאקאָוו'ס טרעהרען, האָט איהם שטאַרק אויפגערעגט. ער האָט זיך אנידערגעזעצט לעבען פענסטער און א זאָג געטהאָן צום פּעטער:

„נו, פארוואָס געהסט דו ניט אריין אין שענק?..."

„דאָרט איז פּעטרוכא אליין... איך מוז מיט דיר ריידען..."

www.libtool.com.cn



„אזוי? מכח וואס א שטייגער?"

דער הויקער איז צוגעגאנגען נאָהנט צו איהם און גאנץ שטיל האָט ער געזאָגט:

„איך געה באלד אוועק. דו בלייבסט דאָ איבער אליין און... ס'הייסט... אזוי..."

„נו, מאַך עס שנעלער," האָט איליא געזאָגט.

„גלייך, גלייך... ב'וואָלט געוואָלט, הייסט עס... ס'איז ניט אזוי לייכט צו זאָגען..." האָט טערענטי געערעדט מיט א האלב אונטערדריקטער שטימע, און זיינע אויגען האָבען בשעת מעשה געפונקעלט.

„דו ווילסט ריידען פון מיר — ווי?..."

„גאנץ ריכטיג... פון דיר אויך... אבער אפריהער... כ'האָב, הייסט עס, אָבגעשפאָרט אביסעל געלד..."

איליא האָט א קוק געטהאָן אויף איהם און האָט ארויסגעשאָסען מיט א ווילדען געלעכטער.

„וואס איז דאָס? פארוואָס לאַכסט דו?" האָט זיך דער פעטער אנגערופען א דערשראָקענער.

„גאָרנישט... נאָ, דו האָסט, הייסט עס, געלד אָ ב ג ע־ ש פּ אָ ר ט..."

איליא האָט שטארק בעטאָנט דאָס ווארט „אָבגעשפּאָרט."

„יאָ, אזוי איז עס..." האָט טערענטי געזאָגט, ניט קוקענדיג אויף איליא'ן. „צוויי הונדערט רובעל וועל איך געבען אויפ'ן קלויסטער..."

„אזוי..."

„און הונדערט דיר..."

„הונדערט?" האָט איליא א פרעג געטהאָן מיט כעס. און מיט איינמאָל איז איהם קלאָהר געוואָרען, אז ביי זיך אין הארצען האָט ער שוין לאנג געהאָפט, אז דער פעטער וועט איהם שענקען ניט נור הונדערט רובעל, נור א סך א גרעסערע סומע. ער איז געוועזען בייז אויף זיך, וואָס ער האָט גאָר געקענט האָבען אזא מיאוס'ע האָפנונג, ווי אויך אויפ'ן פעטער, וועלכער וויל איהם שענקען אזוי ווייניג. ער איז אויפגעשטאַנען פון שטוהל, האָט זיך אויסגעצויגען אין דער הויך, און מיט א צו להכעיס'דיגען, שפּאָטישען טאָן האָט ער געזאָגט:

„איך דארף דיין גע'גנב'עטעס געלד גאָר ניט... פערשטעהסט?"

www.libtool.com.cn



א פערציטערטער האָט דער הויקער אַבגעטראָטען צוריק און איז אַראָבגעזונקען אויף זיין בעט — גאַנץ בלייך און עלענד. די האָר האָבען זיך איהם געשטעלט דובאָם, דאָס מויל האָט ער געהאַלטען אָפען, און שטיל, מיט צושראָקענע, נאַרישע אויגען, האָט ער געקוקט אויף איליא׳ן.

„נאַ — וואָס קוקסט דו מיך אַזוי אָן ? כ׳דאַרף ניט דיין געלד...“

„הערר יעזוס קריסטוס !“ האָט טערענטי מיט א הייזעריגען טאָן געקרעכצט — „פאַרוואָס דען ניט, מיין ליעבינקער... פאַרוואָס ניט ?... איליושא !... דו ביסט ביי מיר געווען פאַררעכענט פאַר א זוהן...“ האָט ער אין א קורצער ווייל ארום געשעפּטשעט. „כ׳האָב דאָך נור... פון דיינעטוועגען... אוים מורא פאַר דיין שיקזאַל... גענומען אויף מיר די זינד... נעהם דאָס געלד... נעהם׳ס, אַניט וועט מיר גאָט דער האַר ניט מוחל זיין...“

„אַזוי—י—י !“ האָט זיך איליא אָבגערופען שפּאָטיש. „מיט א רעבענ־ברעטעל אין דער האַנד ווילסט דו קומען פאַר גאָט !... אָך, איהר... כ׳האָב דיך אָפּנים געבעטען, דו זאָלסט צו׳גנב׳ענען דאָס געלד ביים אַלטען יערעמעי ? וואָס פאַר א גוטער מענש דאָס איז געווען דער, וועמען איהר האָט בע׳גנב׳עט !“

„איליושא ! דו האָסט דאָך אויך ניט געבעטען, אַז דו זאָלסט געבוירען ווערן...“ האָט דער פעטער געזאָגט, אויסשטרעקענדיג בשעת מעשה מיט א לעבערליבער מיענע די האַנד נאָך איליא׳ן. „ניין, נעהם נור אַקאָרשט דאָס געלד... אום גאָטעס ווילען. צוליעב קריסטוס׳ן טהו עס ! צוליעב די רעטונג פון מיין נשמה... וועל איך קומען צוריק — דאַן קריגסט דו אַלעס... און דערווייל — נעהם דאָס... מיין טהייערינ־קער ! גאָט וועט מיר די זינד ניט פערגעבען, אַז דו וועסט ניט נעהמען דאָס געלד...“

ער האָט איינפאַך געבעטעלט. זיינע ליפּען האָבען געציטערט און אין זיינע אויגען איז געלעגען אַן אויסדרוק פון שרעק. איליא האָט איהם אַנגעקוקט און ער האָט זיך אַליין ניט געקענט ערקלעהרען, צי האָט ער מיטלייד מיט׳ן פעטער אָדער ניט.

„נאַ, זאָל זיין אַזוי ! כ׳וועל עס נעהמען...“ האָט ער ענדליך גע־זאָגט און איז גלייך ארוים פון צימער. ס׳האָט איהם מורא׳דיג פער־

www.libtool.com.cn



דראסען, וואס ער האט סוף כל סוף נאכגעגעבען דעם פעטער — ער האט זיך עפעס אליין, אין זיינע אייגענע אויגען, געפיהלט ערניעדריגט דורך דעם. וואס וועלען איהם די הונדערט רובעל נאך אלעמען העל־פען? וואס קען ער אנהויבען צו טהאן מיט זיי? יא. ווען דער פעטער וואלט איהם כאטש אנגעבאטען אזוי, א טויזענד רובל אנשטאט הונ־דערט —דאן וואלט ער געווען אימשטאנד צו פערבעסערן זיין עקזיס־טענץ, האבען א רוהיגערעס, גליקליכערעס לעבען, ווייט פון די מענ־שען... ווי וואלט א שטייגער געווען, ווען ער זאל א פרעג טהאן דעם פעטער, וויפיעל ער האט אייגענטליך געהאט אויף זיין חלק פון'ם שמאטעס־קלייבער'ס געלד? אבער דער דאזיגער געדאנק איז איהם גאר געווען דערווידער...

פון דער צייט אן, וואס איליא איז בעקאנט געווארען מיט אלימ־פיאדא'ן, איז איהם פילימאנאוו'ס הויז פארגעקומען נאך שמוציגער און ערגער ווי פריהער. אט די ענגשאפט און דער שמוץ האבען ארויס־גערופען אין איהם אן איינפאכען עקעל, פונקט ווי אימיצער וואלט ארומגעפאהרען איבער זיין לייב מיט קאלטע, גליטשיגע הענד. הייגנט האט ער דאס דאזיגע געפיהל געהאט נאך שטארקער ווי אלע מאל. ער האט זיך קיין ארט ניט געקענט געפינען אין דיזען הויז, און אהן א שום בעשטימטען צוועק האט ער זיך געלאזט ארויפגעהן די טרעפ, צו מאטיצא'ן אויף'ן בוידים. אויף'ן וועג איז איהם אויפגעקומען א מאדנער, שמערצליכער געדאנק: ער האט געפיהלט, אזוי ווי דאס דא־זיגע הויז וועט איהם נאך אמאל אריינווארפען אין א שרעקליכער, אונגעריכטער צרה...

פערטיעפט אין אזעלכע מחשבות איז ער אריין צו מאטיצא'ן אין שטיבעל און האט זי געטראפען זיצען אויף א שטוהל, לעבען איהר ברייטען בעט. זי האט אויפגעהויבען די אויגען צו איהם, א מאך גע־טהאן מיט'ן פינגער ער זאל שווייגען, און מיט א טיעפער גראבער שטימע, עפעס אזוי ווי א שטורמווינד וואלט ערגעץ רוישען גאנץ ווייט, האט זי געזאגט:

„שטיל! זי שלאפט!...“

אויף'ן בעט איז מאשא געלעגען צונויפגעדרעהט ווי א קנויל און געשלאפען.

www.libtool.com.cn



„וואָס זיינען דאָס פאַר געשיכטעז, הא?“ האָט מאַטיצא גע־שעפּטשעט און האָט בשעת מעשה צאַרנדיג געפינטעלט מיט די גרויסע אויגען איהרע. „די קינדער שלאָגען זיי גאָר און מאַכען זיי פאַר קאַ־ליקעס, די פערפלוכטע רשעים! זיך צו טשעפּען מיט קליינע קינדער! איינגעזונקען זאָלען זיי ווערען, די זשוליקעס!...“

איליא איז געשטאַנען ביים אויווען, האָט אויסגעהערט מאַטיצא'ס קללות און האָט בעטראַכט די צאַרטע געשטאַלט פון'ם שוסטער'ס טאַכטער, וועלכע איז געווען בעצויגען עפּעס אַזוי ווי מיט אַ גרוי הייטעל.

„וואָס וועט פאַרט ווערן פון דעם אָרים קינד?...“ איז איהם דורכגעלאָפען אַ געדאַנק איין מוח.

„ווייסט דו, אַז ער האָט אויך מאַשקאַ'ן געשלאָגען, דער באַנ־דיט?“ האָט מאַטיצא ווייטער גערעדט. „ביים צאָפּ האָט ער זי גע־שלעפּט, דער פערפלוכטער גנב, דער אַלטער פּיאַניצע! זיין זוהן האָט ער געשלאָגען, און דאָס מיידעל — און פון הויז וויל ער זייביידע דורכטרייבען — ווייסט שוין, הע? וואוהין זאָל זי געהן, די אָרעמע יתומה? ווי?“

„אפשר וועל איך קענען איהר פערשאַפען אַ שטעלע...“ האָט זיך אָנגערופען איליא, זיך דערמאַנענדיג, אַז אַלימפּיאַדאַ האָט געזוכט אַ דיענסט־מיידעל.

„דו!“ האָט מאַטיצא געשעפּטשעט מיט אַ טאָן פון פאַרוואורף.

„דו קומסט דאָך איצט כסדר אהער נור ווי אַ גרויסער מאַן, ווי אַ פּריץ... דו וואַקסט עפּעס גאָר פאַר זיך, ווי אַ יונגער איינבענבוים... ניט קיין שאָטען גיסט דו און ניט קיין פּרוכט... האָסט שוין לאַנג געקענט עפּעס טהאָן פאַר איהר... וואָס זשע! האָסט גאָר קיין מיטלייד ניט אויפ'ן קינד?...“

„נו, וואַרט זשע אַקאָרשט אָב און פייף ניט אַזוי,“ האָט זיך איליא אָבגערופען ברוגז'לעך. „ס'איז פאַר איהם געוועזן אַ גאַנץ גוטער אויס־רייד, טאַקי גלייך אריבערצוגעהן צו אַלימפּיאַדאַ'ן, און ער האָט אַ פרעג געטהאָן מאַטיצא'ן:

„וויפיעל איז זי אַלט, מאַשוטקאַ?“

„פופצעהן יאָהר... פאַרוואָס? וואָס מאַכט עס דען אויס ווי אַלט

www.libtool.com.cn



זי איז? זי זעהט אוים, אזוי ווי זי וואלט נאך קיין צוועלף יאהר ניט געוועזן — אזוי צארט און איידעל איז זי... אך גאט. יא, א ריין קינד איז זי נאך! צו נישט, צו גארנישט טויג זי, וואס וועט פון איהר ווערן? דאס בעסטע וואלט פאר איהר געוועזן, ווען זי כאפט זיך שוין גארניט אויף מארגען אין דער פריה..."

איליא׳ם קאפ איז געוועזן אנגעפילט ווי מיט א געדיכטען טומאן. בשעת ער איז ארוים פון דאך־שטיבעל. אין א שטונדע ארום איז ער געשטאנען ביי דער טהיר פון אליאמפיאדא׳ם וואוינונג און האט גע־ווארט, מען זאל איהם עפענען. א היבשע ווײלע האט ער געמוזט ווארטען אין דער קעלט. ענדליך האט זיך הינטער דער טהיר געלאזט הע־רען א דינע, בייזע שטימע:

„ווער איז?"

„איך..." האט געענטפערט לונעוו, ניט ווימענדיג, ווער ס׳האט אייגענטליך געפרעגט. אלימפיאדא׳ם שטוב־פרוי, א דיקע פערזאן מיט פרישטשיקעס אויף דער צורה, האט געהאט א גראבען, הויכען קול, און א חוץ דעם פלעגט זי תמיד עפענען די טהיר, ניט פרעגענדיג ווער דאס איז.

„צו וועמען דארפט איהר?" האט די שטימע הינטער דער טהיר געפרעגט פון דאס ניי.

„איז אלימפיאדא דאנילאוונא אין דערהיים?"

די טהיר האט זיך מיט אמאל אויפגעמאכט, און אין איליא׳ם געזיכט האט א בלישטש געטהאן א העלער ליכט־שיין. דער אינגעל האט געגעבען א שפרונג צוריק, האט צוזאמענגעדריקט די אויגען און האט מיט פערוואונדערטע בליקען געקוקט צו דער טהיר, עפעס אזוי ווי דאס, וואס ער האט געזעהן, וואלט איהם פארגעקומען ווי א חלום.

מיט א לאמפ אין דער האנד איז אנטקעגען איהם געשטאנען א קליינער אלטיטשקער מיט א שווערען, ברייטען, רויטליכען שלאפ־ראק. דעם אלטען׳ס קאפ איז במעט אין גאנצען געוועזן פליכעוואטע, נאר א שמאלער קראנץ פון גרויע האר איז געוועזן אויסגעלייגט פון איין אויער צום אנדערן, און אונטען, ביי דער מארדע, האט געציטערט א קורץ, דין בערדעל, וואס איז געוועזן אויך אזוי גרוי ווי די האר פון

www.libtool.com.cn



קאָפּ. ער האָט געקוקט איליא׳ן גלייך אין פּנים אַריין. זיינע שאַרפע, דורכדרינגענדע אויגען האָבען געהאַט א בייזען גלאַנץ, און די אויבערשטע ליפּ, בעצווינגען מיט א דינעם שנירעל פון האָר, האָט זיך בעוועגט אַרויף און אַראָב. אויך דער לאָמפּ האָט געציטערט אין דער דאַרער, טונקעלער האַנד.

„ווער ביסט דו דען? נאַ, קענסט דאָך אַריינקומען!...“ האָט דער אַלטער געזאָגט. „ווער ביסט דו?“

איליא האָט פערשטאַנען, ווער ס׳איז געשטאַנען פאַר איהם. ער האָט געפיהלט, אַז דאָס בלוט קומט איהם אַרויף צום קאָפּ, און זיין האַרץ האָט זיך אַנגעפילט מיט א געמישטען געפיהל פון עקעל און צאָרן. אָט דאָס איז אַלזאָ זיין קאָנקורענט, וועלכער טהיילט זיך מיט איהם מיט׳ן האַלזען און קושען, מיט די לאַסטשעריי פון דער דאָזיגער פיינער, זויבערער פרוי!...

„איך בין — א הויזירער...“ האָט ער געזאָגט מיט א פינסטערער מיענע, אַריבערטרעטענדיג בשעת מעשה די שוועל.

דער אַלטער האָט איהם צוגעפּינטעלט מיט׳ן לינקען אויג און האָט א שמייכעל געטהאָן. די אויגען זיינען איהם געוועזען רויט ווי פייער, און פון מויל האָבען אַנשטאָט ציינער אַרויסגעטשירעט א פּאָר געלע, שפּיציגע ביינדלאָך.

„אַזוי, אַזוי — א הויזירער! הע הע! וואָס פאַר א הויזירער?“ האָט דער אַלטער געפרעגט מיט א ביטערען שמייכעל, אונטערלייכטענדיג בשעת מעשה מיט׳ן לאָמפּ איליא׳ן אין פּנים אַריין.

„איך האַנדעל מיט אַלערהאַנד קליינינקייטען... מיט פאַרפום, מיט בענדער... און אַזוי ווייטער,“ האָט איליא געענטפערט און אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ. ס׳האָט איהם אַנגעכאַפּט א שווינדעל און רויטע פלעקען האָבען איהם גענומען טאַנצען פאַר די אויגען.

„אַזוי... אַזוי... אַזוי! מיט בענדעלעך און שנירעלעך!.. יאָ, יאָ, יאָ!... בענדעלעך און בשמים׳לעך... וואָס לופטערן די שטיבעלעך... וואָס זשע פערלאַנגסט דו א שטייגער דאָ, טהייערער הויזירער מיינער? האַ?“

„כ׳דאַרף האָבען צו אָלימפּיאַדאַ דאַנילאָוונאַ׳ן...“

www.libtool.com.cn


„וואס—א—אס? צו איהר? נא, נא... וואס זשע דארפסט דו דאס אזוינס צו איהר, הע?"

„איך... ס'קומט מיר נאך אביסעל געלד ביי איהר, פאר סחורה..." האט איליא קוים מיט מאטערניש ארויסגערעדט.

ער האט עפעס געפיהלט א מאדנע, אונבעגרייפליכע פורכט פאר דעם דאזיגען עקעלהאפטען מאן און ער האט איהם פיינט געהאט ווי דעם טויט. אין דעם אלטען'ס שטילען, דיניטשקען קול, אזוי ווי אין זיינע בייזע אויגען, איז געלעגען עפעס, וואס האט זיך אריינגעגראבען, איינגעעגבערט אין איליא'ס הארץ, וואס האט איהר טיעף בעליידיגט און ערניעדריגט.

„געלד קומט דיר נאך? א קליינער חוב? שעה—עהן, מיין בחור'ל..."

דער אלטער האט פלוצלונג צוגענומען דעם לאמפ פון איליא'ס געזיכט, האט זיך געשטעלט אויף די שפיץ פיס, זיך אנגעבויגען מיט זיין געלען, פערקנייטשטען געזיכט גאנץ נאהענט צו איליא'ס אויער, און מיט א כיטרען שמייכעלע האט ער איהם א פרעג געטהאן אין דער שטיל:

„און וואו איז דער חשבון? גיב אקארשט אהער דעם חשבון?"

„וואס פאר א חשבון?" האט איליא געפרעגט, אבטרעטענדיג א דערשראקענער צוריק.

„נא, פון דיין בעל הבית! דער חשבון פאר אלימפיאדא דאני־לאוונא'ן! האסט איהם דאך מיטגעבראכט? ווי? ווייז אקארשט אהער! כ'וועל איהם אוועקטראגען צו איהר... נא, גיכער, גיכער!"

דער אלטער האט זיך אלץ נעהנטער צוגערוקט צו איליא'ן, עפעס אזוי ווי ער וואלט געוואלט ארויפקריכען אויף איהם, און ער, איליא, האט זיך אבגערוקט הינטערווייל'אכס צו דער טהיר צו. פאר מורא איז איהם געווארען טרוקען אין מויל.

„כ'האב דאך גאר קיין חשבון ניט מיט מיר!" האט ער געזאגט גאנץ הויך און פול מיט פערצווייפלונג; ס'האט זיך איהם אויסגערוכט, אזוי ווי עטוואס שרעקליכעס מוז אין א ווייל ארום געשעהן.

אין דער רגע אבער האט זיך הינטער דעם אלטען בעוויזען אלימ־פיאדא'ס הויכע, פיינע געשטאלט. רוהיג, ניט קיין פינטעל טהאנדיג

www.libtool.com.cn



מיט קיין אויג אפילו, האָט זי אַ קוק געטהאָן איבער׳ן אלטען׳ס קאָפּ אויף איליא׳ן, און אויף איהר געזעצטע, געלאַסענעם שטייגער גע־פרעגט:

„וואָס איז דאָ אזוינס, וואסילי גאוורילאָוויטש?“

„אַ הויזירער איז דאָ... ער זאָגט, ס׳קומט איהם נאָך געלד פון אייך. איהר האָט ביי איהם בענדלעך געקויפט? איהם ניט בעצאָהלט, ווי? הע הע! איז ער געקומען איצט... און פערלאַנגט זיין געלד...“

ער האָט ארומגעטאַנצט פאר אָלימפּיאַדא׳ן אהין און אהער, און געפינטעלט מיט די אויגען אַ ווייזלע צו איהר און אַ ווייזלע צו איליא׳ן. מיט אַ שטרענגען מאָך מיט דער רעכטער האנד האָט זי איהם אַבגע־שטופּט אַן אַ זייט, דערנאָך האָט זי אריינגעלייגט דיזעלבע האנד אין דער קעשענע פון איהר מאַנטעל און האָט שטרענג אַ זאָג געטהאָן צו איליא׳ן:

„וואָס איז דאָס פאר אַ גאַנג? האָסט ניט געקענט קומען אין אַן אַנדער צייט?“

„גאַנץ ריכטיג!“ האָט דער אלטער אַ געשריי געטהאָן מיט זיין קוויטשעדיגער שטימע. „אזא דומקאָפּ, ניט אמת? קומסט, ווען מען דאַרף דיך אַם ווייניגסטען, דו עזעל וואָס דו ביסט!“

איליא איז געשטאַנען אזוי ווי פערשטיינערט.

„שרייט ניט אזוי, וואסילי גאוורילאָוויטש! ס׳פּאַסט ניט!“ האָט זיך אָלימפּיאַדא אַבגערופען. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקעהרט צו איליא׳ן און געזאָגט: „וויפיעל קומט דיר נאָך? דריי רובעל מיט פערציג קאָפּיקעס, ניט וואהר? נאַ, אַט האָסט דו׳ס!“

„און טראָג זיך טאַקי שוין אַב פון דאנען!“ האָט דער אלטער פון דאָס ניי געקוויטשעט. „ערלויבט, איך אליין וועל צוריגלען... איך אליין, איך אליין!“

ער האָט פערלייגט די פּאַלעם פון זיין שלאַפראָק איינע איבער די אנדערע, האָט געעפענט די טהיר און אַ געשריי געטהאָן צו איליא׳ן: „נאַ, טראָג זיך!...“

איליא איז געשטאַנען אין פראָסט לעבען דער פערשלאָסענער טהיר און געקוקט אויף איהר מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, אזוי ווי אַ גולם. ער האָט ניט בעגריפען אויף ריכטיג, צי איז דאָס אַלץ, וואָס ער

www.libtool.com.cn



האָט געזעהן, א מיאוס׳ער חלום אָדער א ביטערע ווירקליכקייט. אין איין האנד האָט ער געהאַט זיין היטעל און אין דער אנדערער האָט ער געהאלטען פעסט דאָס געלד, וואָס אָלימפּיאדא האָט איהם געגעבען. אזוי איז ער געשטאַנען א היבשע ווײַלע, ביז וואנען ער האָט דערפיהלט, אז דער פראָסט האָט זיך אויסגעלייגט אזוי ווי אן אייזיגער רייף ארום זיין שארבען און אז זיינע ביינער זיינען פערפראָרען פון קעלט. דאַן האָט ער אָנגעטהאָן זיין היטעל, אריינגעלעגט דאָס געלד אין קעשענע, אריינגעשטופּט די הענד אין די ארבעל פון פּאלטאָ; דערנאָך האָט ער פערצויגען די אקסלען, און מיט אן איינגעבויגענעם קאָפּ איז ער לאנגזאם ארונטער די גאס. ער האָט געפיהלט, עפּעס אזוי ווי זיין הארץ וואָלט פערגליווערט געוואָרען ווי א שטיק אייז, און אזוי ווי א פּאָר שווערע קוילען וואָלטען זיך איהם ארומגעקאטשעט אין קאָפּ אהין און אהער און וואָלט איהם געהאקט אין די שלייפען. פאר זיינע אויגען האָט געשוועבט דעם אלטען׳ס טונקעלע געשטאַלט מיט דעם געלען קאָפּ, בעגאָסען מיט דעם קאלטען ליכט פון לאָמפּ...

און דאָס געזיכט פון דיזען אלטען האָט געשמייכעלט מיט רשעות, ביטרעקייט און טריאומף...

## 13.

אויף מאָרגען נאָך דעם צוזאַמענטרעפען זיך מיט אָלימפּיאדא׳ס גרייז־גראָען ליובאָווניק, איז איליא לאנגזאם און שווייגעדיג ארומגעגאנגען איבער דער גרויסער גאס פון דער שטאָדט ארויף און אראָב. ער האָט ניט אויסגערופען זיין סחורה, ווי זיין שטייגער איז געווען. נאָר ער האָט מיט א פינסטערען בליק געקוקט אויף זיין קאסטען מיט וואַארע, און טיעף אין זיין הארצען איז געלעגען פערבאָרגען א שווער, ביטער געפיהל. ער האָט כסדר געזעהן פאר זיך דעם אלטען׳ס שפּאָטיש געזיכט, אָלימפּיאדא׳ס רוהיגע בלויע אויגען און די האנד־בעוועגונג איהרע, בשעת זי האָט איהם נעכטען געגעבען דאָס געלד. אין דער טרוקענער, פראָסטיגער לופט האָבען זיך ארומגעיאגט שארפע

www.libtool.com.cn



קליינע שטיקלעך שנעע, וועלכע האָבען איהם אזוי ווי מיט נאָדלען געשטאָכען אין פּנים...

ער איז נאָר וואָס דורכגעגאַנגען פערביי א קלייגעם מאַגאַזינדעל, וואָס איז געשטאַנען אריינגערוקט טיעף אין דער גאַס, צווישען א קירכע און דאָס הויז פון א רייכען סוחר. איבער דער טהיר פון קלייט איז געהאַנגען אן אלטע, פערזשאַווערטע שילד מיט דער אויפשריפט:

„וו. ג. פּאַלעקטאַוו'ס וועקסעל־געשעפט. אויפקויף פון אלטע גאָלד און זילבער, מעטאַלענע צירונג מיט הייליגע בילדער, אנטיקען פון יעדען סאָרט און אלטע מטבעות."

„אַז איליא איז פערבייגעגאַנגען פערביי דער טהיר פון קלייט, האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אזוי ווי ער וואָלט פון דער אנדער זייט, הינטער די גלעזערנע שויבען, געזעהן דאָס געזיכט פון אן אלטען מאַן, וואָס קוקט אויף איהם מיט שפּאָט און פערנייגט זיך פאַר איהם. לונעוו האָט שטאַרק חשק געקראָגען, אנצוקוקען דעם אלטען פון נאָהענט. אן אויסרייד האָט ער לייכט געפונען: אזוי ווי אלע הויזירער פלעגט ער בעהאַלטען יעדע אלטע מטבע, וואָס איז איהם נור געקומען אין דער האַנד און ער פלעגט זי דערנאָך פערקויפען א וועקסלער מיט א געוויסען פערדיענסט. ער האָט אויך איצט געהאַט ביי זיך עטליכע אזעלכע מטבעות. ער האָט זיך אלזאָ אומגעקעהרט צוריק, האָט מיט אמאָל אַן עפען געטהאָן די טהיר. איז אריין מיט זיין קעסטעל אין מאַגאַזין אריין, און אראָבנעהמענדיג דאָס היטעל האָט ער געזאָגט:

„א גוטען טאָג אייך!"

דער אלטער איז געזעסען הינטער'ן שמאָלען פערקויף־טיש און האָט זיך געפּאָרעט ארום א הייליגען בילד, וואָס איז געווען בעשלאָגען מיט א מעטאַלענעם ראַם; ער האָט עס געוואָלט צונעהמען, און האָט גראָד געהאַלטען אין ארויסציהען מיט א קליין צוויינגעל די טשוועקלעך, מיט וועלכע דאָס בילד איז געווען אָנגעשלאָגען. ער האָט תחילת א קוק געטהאָן אויף איליא'ן, אבער ער האָט זיך גלייך ווידער גענומען צו דער ארבייט, און ניט קוקענדיג אין זיין זייט אפילו, האָט ער זיך אָבגערופען:

„גוטען טאָג... וואָס דאַרפט איהר גוטס?..."

„איהר האָט מיך דערקענט?" האָט איליא געפרעגט.

www.libtool.com.cn



דער אלטער האט איהם אנגעקוקט א צווייטען מאל.

„אפשר האב איך דיך דערקענט... וואס זשע ווילסט דו?"

„איהר קויפט דאך אלטע מטבעות?"

„וויין אקארשט אהער!"

איליא האט אוועקגערוקט דאס קעסטעל אויפ'ן רוקען און גענר־מען זוכען די קעשענע, וואו ער האט געהאלטען דאס בייטעלע מיט די מטבעות. ער האט זי אבער ניט געקענט געפינען. זיין האנד האט געציטערט, פונקט ווי דאס הארץ זיינס, וואס האט זיך געצאפּעלט אי פאר האס צום אלטען, אי אויס מורא פאר איהם און איז געווען דורכ־געדרונגען מיט א מאדנעם געפיהל, אן אונבעשטימטע לוסט, אבצור־טהאן עפּעס אן אקט. בשעת ער האט אזוי געזוכט אונטער דער פּאלע פון זיין פּאלטא, האט ער מיט א הארטנעקיגען בליק געקוקט אויף דעם אלטען'ס פּליכעוואטען, קליינעם קאפּ, און א שוידער איז איהם אריי־בער איבער'ן לייב.

„נא, האסט זיי שוין אמאל?" האט זיך דער אלטער מיט א בייזער אנגערופען צו איהם.

„אט שוין!" האט איליא געענטפערט אין דער שטיל.

ענדליך איז איהם געלונגען ארויסצוקריגען זיין געלד־בייטעל פון קעשענע. ער איז צוגעגאנגען נאהענט צום טיש און האט אויסגעשאָ־טען זיינע מטבעות אויף איהם. דער אלטער האט זיי בעטראכט מיט א שנעלען בליק.

„ווייטער גארנישט?... הם..."

ער האט גענומען די זילבערנע מטבעות מיט זיינע דינע געלע פינגער און האט זיי בעקוקט אייזציגווייז, צומורמלענדיג פאר זיך:

„קאטהערינא די צווייטע... אננא... קאטהערינא... פּאוועל... נאך א פּאוועל... א קרייצ־רובעל... א צוויי און דרייסיגער. הם—וויס דער טייוועל וואס דאס איז פאר א מטבע! נא—דאס דארף איך ניט, ס'איז אין גאנצען אבגעריבען..."

„אבער מען זעהט דאך נאך דער גרויס נאך, אז עס איז א פערר־טעל רובעל." האט איליא גראב געזאגט.

„פאר פופצעהן קאפּיקעס נעהם איך עס... מעהר ניט!"

דער אלטער האט א שאר געטהאן די מטבעות אן א זייט, האט

www.libtool.com.cn



ארויסגעצויגען דאָס טיש־קעסטעל מיט'ן געלד און גענומען דאָרט עפּעס זוכען. א ווילדער, שטעכענדער צאָרן האָט דורכגענומען איליא'ן און האָט זיך געגראָבען און געעגבערט אין איהם אַזוי ווי א פּראָסטי־גער קאַלטער אייזען. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין אָרעם און זיין גע־זונדער קולאַק האָט געטראָפען דעם אַלטען אין דער שלייף אריין. דער געלד־וועקסלער האָט א פליה געטהאָן צו דער וואַנד און האָט זיך גע־געבען א שטאַרקען קלאַפּ אין קאָפּ. ער האָט זיך אבער גלייך אָנגע־שפּאַרט מיט דער ברוסט אָן טיש, האָט זיך אָנגעהאַלטען אָן איהם פעסט מיטביידע הענד און האָט אויסגעשטרעקט זיין דינעם האַלז צו איליא'ן. לונעוו האָט געזעהן ווי די דערשראָקענע אויגען אין'ם קליינעם דונקעלן געזיכט האָבען זיך געקאַטשעט אהין און אהער, זיי־נען שיער ניט ארויסגעקראָכען, און די ליפּען האָבען געציטערט. ער האָט געהערט דעם אַלטען'ס דורכדרינגענדע, קרעכצענדע און האַלב־דערשטיקטע שטימע.

„אום גאָטעס־ווילען!... טייבעלע מיינס!..."

„האַ, דו לומפּ איינער!" האָט זיך איליא אָבגערופען אין דער שטיל און האָט מיט עקעל צוזאַמענגעפּרעסט דעם אַלטען'ס האַלז. ער האָט איהם געוואָרגען און געדריקט און האָט איהם גענומען דרעהען און שאָקלען אהין און אהער. דער אַלטער האָט געכאָרכעלט און מיט אַלע כחות געזוכט זיך צו ווערהרען אַנטקעגען איליא'ן. די אויגען זיינע זיינען פערלאָפען געוואָרען מיט בלוט, דערנאָך זיינען זיי געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער און האָבען גענומען פליסען מיט טרעהרען. די צונג איז ארויסגעקראָכען פון טונקעלן מויל און האָט זיך גענומען דרעהען אהין און אהער, פּונקט ווי זי וואָלט זיך אויסגעלאַכט פון'ם מערדער. די וואַרעמע שפּייאַכץ האָט זיך ארויפגעשפּריצט אויף אי־ליא'ס האַנד און א הייזעריגע, פּייפענדיגע כאָרכלערײ האָט זיך ארויסגעדרעהט פון'ם אַלטען'ס האַלז. מיט די קאַלטע, אויסגעקרימטע פינגער האָט דער געלד־וועקסלער אָנגעכאַפּט איליא'ן פאַר'ן האַלז— ער, איליא, אבער האָט פערביסען די ליפּען, פערוואָרפען דעם קאָפּ אהינטער און אַלץ שטאַרקער געדריקט און געטרייסעלט דעם אַלטען'ס האַלז. און ער וואָלט איהם ניט ארויסגעלאָזען פון די הענד, זאָגאַר ווען אימיצער וואָלט אין דעם אויגענבליק אריינגעקומען אין מאַגאַזין

www.libtool.com.cn



און ארויפגעפאלען אויף איהם הינטערוויילאכס. מיט א ברענענדיגע שנאה און א מורא'דיגען שרעק האט ער געזעהן ווי ביי פאלועקטאוו'ן זיינען די אויגען וואס וויטער אלץ גרעסער געווארען, און אלץ לייי־דענשאפטליכער, אלץ ווילדער האט ער איהם געווארגען. און וואס שווערער עס איז געווארען דעם אלטען'ס קערפער, אלץ לייכטער איז געווארען איליא'ן אויפ'ן הארצען. ענדליך האט ער אבגעלאזען דעם געלד־וועקסלער און האט איהם א שטויס געטהאן פון זיך. דער טויטער קערפער איז אנידערגעפאלען ווי א שטיק האלץ אויף דער ערד, הינ־טער'ן לאנגען טיש.

איצט האט זיך איליא אומגעקוקט ארום זיך: אין קלייט איז געווען שטיל און פון דער אנדער זייט טהיר, אויף דער גאס, האט געשאטען א גערדיכטער שנעע. אויף דער ערד, לעבען איליא'ס פיס, זיינען געלעגען צוויי שטיקלעך זייף, א בייטעלע און א קניילכעל באנד. ער האט פערשטאנען, אז די דאזיגע זאכען זיינען ארויסגעפאלען פון זיין קעסטעל, ער האט זיי אלזא אויפגעהויבען און אריינגעלעגט זיי צוריק אויף זייער ארט. דערנאך האט ער זיך אריבערגעבויגען אי־בער'ן קלייט־טיש און האט נאך אמאל א קוק געטהאן אויפ'ן אלטען, וועלכער איז געלעגען אויסגעצויגען אין דעם שמאלען שטיקעל פלאץ, צווישען טיש און דער וואנד. דער קאפ זיינער איז אראבגעהאנגען אי־בער דער ברוסט; מען האט גארניט געקענט זעהן דערפון, אויסער די געלע, פליכעוואטע פאטילניצע. מיט אמאל האט לונעוו דערזעהן דאס אפענע טיש־קעסטעל מיט געלד — גאלדענע און זילבערנע מטבעות האבען איהם געבלישטשעט אין די אויגען. וואו ער האט זיך אומ־געקוקט האט ער געזעהן פעקלעך מיט אסיגנאציעס, מיט פאפיר־געלד... ער האט א ציטער געטהאן פון פרייד און האט האסטיג גענו־מען איין פעקעל, א צווייטעס און א דריטעס, האט זיי ארונטער־געלייגט אונטער'ן העמד און האט זיך מיט מורא נאך אמאל אומגע־קוקט ארום זיך...

פארזיכטיג, זיך ניט איילענדיג, איז ער ארויס אין גאס. א דריי טריט פון קלייט איז ער געבליבען שטעהן, האט צוגעדעקט זיין קעס־טעל מיט דער סערואטע און געגומען שפאנען ווייטער אין'ם גערדיכ־טען שנעע, וואס איז געפאלען אהן אן אויפהער. א קאלטער, גערדיכטער

www.libtool.com.cn



טומאַן האָט איהם אַרומגענומען. איליאַ האָט אַנגעשטעלט די אויגען און געקוקט מיט אַנשטרענגונג פּאַראויס, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט וועלען דורכקוקען דורכ'ן טומאַן. פּלוצלונג האָט ער דערפּיהלט אַ ווייטאָג אין די אויגען — ער האָט זיי אַנגעטאַפּט מיט די פינגער פון זיין רעכטער האַנד, און אַ דערשראָקענער איז ער געבליבען שטעהן. עפּעס אַזוי ווי די פּיס וואָלטען איהם פערפראָרען געוואָרען און וואָלטען זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די אויגען זיינע זיינען איהם אַרויסגעקראָכען פון די לעכער, אַזוי ווי פּאָלועקטאָוו'ס, און אַז זיי וועלען אויף תמיד אַזוי בלייבען. וועלען זיך שוין קיינמאָל ניט קענען צומאַכען און מען וועט אין זיי גלייך קענען דערקענען, אַז ער האָט בעגאַנגען דעם פערברעכען. עס האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי די אויגען וואָלטען אין גאַנצען געוועזען אָב־געשטאָרבען. ער האָט אַ טאַפּ געטהאָן מיט די פינגער די אויבערשטע ברעמען און האָט דערפּיהלט אַ שטאַרקען שמערץ אין זיי. אַ היבשע ווייַלע האָט ער זיך אומזיסט געמאַטערט צו צומאַכען די ברעמען. די מורא האָט איהם אָבגענומען דעם אָטהעם. ענדליך איז איהם געלונ־גען צו פערמאַכען די אויגען. ער האָט זיך געפרעהט מיט דער פינס־טערקייט, וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט, און בלינדערהייט, ניט זעהענדיג קיין זאַך אַרום זיך, איז ער געשטאַנען אויף אַן אָרט און האָט איינגעאָטהעמט און אַריינגעזויגען אין זיך די קאַלטע לופט...

מיט אַמאָל האָט זיך אימיצער אַנגעשטויסען אָן איהם. ער האָט זיך שנעל אומגעקוקט און האָט דערזעהן פערבייגעהן אַ הויכ־געוואַק־סענעם מענשען מיט אַ קורצען פּעלץ. איליאַ האָט אַזוי לאַנג נאָכגע־קוקט דעם אונבעקאַנטען, ביז יענער איז פערשוואונדען אין'ם געדיכ־טען שנעע. דערנאָך האָט לונעוו אַנגערוקט דאָס היטעל איבער די אויי־ערן און גענומען שפּאַנען ווייטער אויפ'ן טראָטואַר, נאָך אימער פיה־לענדיג אַ ווייטאָג אין די אויגען און אַ שווערקייט אין קאָפּ. ס'האָט איהם געצויגען אין דער פּלייצע, די פינגער פון דער האַנד האָבען זיך ניט ווילענדיג צוזאַמענגעדריקט מיט אַ קראַמף און אין האַרצען האָט ער דערשפּירט אַ מין געפיהל פון עקשנות, פון איינגעשפּאַרט־קייט, וואָס האָט פערטריבען פון דאָרט די מורא, וואָס האָט איהם ביז אהער געשראָקען.

www.libtool.com.cn



אזוי איז ער געגאנגען ביז דעם פּלאַץ, וואו דער וועג ווערט דורכ־געקרייצט פון פערשיעדענע גאסען. דאָרט האָט ער דערזעהן די גרויע געשטאַלט פון א פּאָליציסט און איז שטילערהייט, גאנץ שטיל צוגע־גאנגען גלייך צו איהם. זיין הארץ האָט אויפגעהערט קלאַפּען, בשעת ער איז צוגעקומען נאָהענט צום פּאָליציי־מאַן.

„אַט דאָס הייסט אביסעל א וועטערל!" האָט איליא געזאָגט, זיך צולאָזענדיג גאנץ נאָהענט צום פּאָליציסט און איהם ארײנקוקענדיג גלייך אין פּנים ארײן.

„יא—א, ס'שנעעט גאַרניט שלעכט! נו, וועט עס גאָט צו דאנ־קען אויך ווארעמער ווערן," האָט דער פּאָליציי־מאַן געענטפערט מיט א צופרידענעם אויסדרוק אין דעם גרויסען, רויטען, בעבערדעלטען גע־זיכט.

„וויפיעל זאָל איצט זיין דער זייגער?" האָט איליא א פרעגּ געטהאָן.

„מיר וועלען באלד זעהן!" דער פּאָליציסט האָט אָבגעקלאַפּט דעם שנעע פון זיינע ארבעל און האָט ארונטערגעשטעקט די האנד אונטער זיין מאַנטעל.

לונעוו האָט זיך תחלת געפיהלט בערוהיגט אביסעל, אבער גלייך איז אויף איהם ווידער אמאָל אָנגעפאַלען א מורא, שטעהענדיג דאָ לעבען דעם דאָזיגען מענשען. ער האָט פּלוצלונג אויסגעשאָסען מיט א טרוקענעם, געצוואונגענעם געלעכטער.

„וואָס איז דער געלעכטער מיט דיר?" האָט דער פּאָליציי־מאַן געפרעגט, עפענענדיג מיט'ן נאָגעל דאָס דעקעל פון זייגער.

„ווי דו זעהסט אוים — פערשאָטען מיט שנעע פון קאָפּ ביז די פים!" האָט זיך איליא אָבגערופען.

„דאָס זאָל איינעם ניט פארשיטען — גאנצע עמערס־ווייז שנעעט'ס דאָך! ס'איז האלב צוויי א זייגער. ס'הייסט, פינף מינו־טען פעהלען נאָך דערצו... יא, ברודער, דאָס גיט אונז די וועלט צו זעהן, דאָס וועטער... דו וועסט זיך אצונד ארײנגעהן אין א שענק, אין דער ווארים, און איך מוז דאָ נאָך אָבפינסטערן ביז זעקס אזיי־גער. נאָ — גיב אקאָרשט א קוק, אין דיין קאסטען איז פול מיט שנעע!"

www.libtool.com.cn



דער פּאָליציסט האָט אַ זיפץ געטהאָן און צוגעמאַכט דעם דעקעל פון זייגער.

„יאַ, כ'גער אצונד אין שענק אַריין," האָט זיך איליאַ אָבגערו־פען מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל, און אַזוי ווי ער וואָלט דערביי עפּעס אַ בעשטימטע כונה געהאַט, האָט ער נאָך צוגעלייגט די ווערטער: „אָט דאָ, אַנטקעגען, גער איך אַריין."

„הע דו, מאַך נור קיין חוזק ניט פון מיר!" האָט דער פּאָליציי־מאַן אונטערגעבורטשעט.

אין שענק האָט זיך איליאַ אַנידערגעזעצט ביים פענסטער. ער האָט געוואוסט, אַז פון דעם דאָזיגען פענסטער קען מען אַרויסזעהן די צערקווע, וועלכע איז געשטאַנען לעבען פּאָליועקטאָוו'ס קלייט. איצט אָבער איז אַלצדינג געווען פערהאַנגען אַזוי ווי מיט אַ ווייסען פּאָרהאַנג. איליאַ האָט זיך צוגעקוקט ווי אַזוי די שטיקער שנעע פליעהן פערביי דעם פענסטער און לייגען זיך אויס אויף דער ערד, צו־דעקענדיג די פוס־טריט פון די פערבייגעהער אַזוי ווי מיט אַ דיקען, ווייסען טאַפּעט. דאָס האַרץ האָט איהם שטאַרק געקלאַפּט, אָבער דאָך ניט שווער. אַזוי איז ער געזעסען און געוואַרט, וואָס וועט ווייטער געשעהן, און ס'האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז די צייט ציהט זיך עפּעס אַזוי לאַנגזאַם, אַזוי לאַנגזאַם...

אַז דער קעלנער האָט איהם צוגעטראָגען דעם טהעע, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט איהם אַ פרעג געטהאָן:

„נאַ, וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער גאַס? ניטאָ גאָר קיין נייעס?"

„ס'איז וואַרעמער געוואָרען, אַסך וואַרעמער," האָט דער קעלנער געענטפערט און איז גלייך ניט געוואָרען.

איליאַ האָט אַלץ געוואַרט און געוואַרט. ער האָט געפיהלט ווי ער איז עפּעס מיעד און שלעפעריג געוואָרען. ער האָט זיך אָנגעגאָ־סען אַ גלאָז טהעע, אָבער ער האָט ניט געטרונקען. פון אָרט האָט ער זיך ניט געריהרט און האָט אויך פון קיין זאַך ניט געטראַכט. דערנאָך איז איהם מיט אַמאָל מוראַ'דיג הייס געוואָרען — ער האָט זיך אויפ־געקנעפּעלט דעם קאָלנער פון זיין פּאַלטאָ, און אָנריהרענדיג די מאָרדע זיינע מיט די הענד, איז ער געבליבען אַ פערציטערטער. ס'האָט זיך

www.libtool.com.cn



איהם אויסגעוויזען, אז דאס זיינען גאר ניט זיינע הענד, נאר פרעמ־
דע, קאלטע הענד, די הענד פון'ם שונא האבען עס איהם אנגע־
ריהרט. ער האט זיי געהאלטען פאר די אויגען און האט בעטראכט די
פינגער זיינע — די הענד זיינען געוועזן ריין, פונדעסטוועגען איז איהם
ארויף א געדאנק אויפ'ן מוח, אז מען וועט זיי דארפען גוט ארומוואַ־
שען מיט זייף...

„פאליועקטאוו איז דער'הרג'עט געווארען!" האט פלוצלונג אי־
מיצער אריינגעשריגען אין שענק אריין.

איליא האט זיך א כאפ געטהאן פון שטוהל, עפעס אזוי ווי די
דאזיגע נייעס וואלט נור איהם אנגעאנגען. אבער אויך אלע איבעריגע
געסט זיינען איבערראשט געווארען און האבען זיך א ווארף געטהאן
צו דער טהיר, זיך אנטהאנדיג אונטערוועגס די היטלען זייערע. איליא
האט א ווארף געטהאן א צעהן קאפעקעדיגען אויפ'ן טיש, האט אויפ־
געהאנגען זיין קעסטעל מיט סחורה איבער דער פלייצע און איז
נאכגעאנגען די אנדערע געסט מיט דערזעלבער שנעלקייט.

לעבען פאליועקטאוו'ס מאגאזין האט זיך שוין געהאט אנגעקלי־
בען א גרויסער עולם פון מענשען. פאליציי־לייט זיינען ארומגעלאפען
אהין און אהער און, ווי דער שטייגער איז, געשריען אויף די פער־
זאמעלטע און זיי געטריבען פון איין ארט אויפ'ן צווייטען. אויך דער
בעבערדעלטער, מיט וועמען איליא האט נור וואס גערעדט, איז דארט
געוועזן. ער איז געשטאנען לעבען טהיר, האט אבגעהאלטען דעם עולם,
וואס האט זיך אלץ געשפארט נעהנטער צו דער קלייט, און געקוקט
אויף יעדען איינעם מיט פינסטערע בליקען, זיך רייבענדיג אלע ווייל־
מיט דער האנד אן דער לינקער באק, וועלכע איז איצט נאך רויטער גע־
וועזן ווי די רעכטע.

איליא האט זיך אנידערגעשטעלט לעבען איהם און האט זיך צו־
געהערט וואס דער עולם רעדט. לעבען איהם איז געשטאנען א הויך־
געוואקסענער סוחר מיט א שווארצער בארד און מיט א שטרענגען גע־
זיכט און האט געקנייטשט מיט'ן שטערן, זיך צוהערענדיג ווי אן אל־
טער מאן מיט א פוקסענעם פעלץ דערצעהלט די געשיכטע:

„דער משרת'ל קומט אהיים," דערצעהלט דער אלטער, „און
מיינט, דער בעל הבית זיינער איז אודאי געפאלען אין חלשות. לויפט

www.libtool.com.cn



ער אוועק צו פעטער סטעפּאנאוויטש... „אך“, מאכט ער, „קומט תיכף אריבער צו אונז, דער בעל הבית איז קראנק געווארען!“ נאַ, דער דאָזיגער מאכט, פערשטעהט זיך, קיין שהיות ניט, און ווי ער קומט אריין, דערזעהט ער: דער אַלטער איז טויט! דאס הייסט אביסעל אן אקט! און אז מען בערעכענט זיך נור: די חוצפּה, אין מיטען העלען טאָג, אין אזא לעבעדיגער גאס... ס'איז גאָר נישט צו גלויבען, בנאמנות!“

דער סוחר מיט דער שווארצער באָרד האט א הוסט געטהאָן און מיט א שטרענגען טאָן האט ער געזאָגט:

„דאס איז גאָט'ס פינגער, א גאָט'ס זאך איז דאס! דער הערר גאָט האט אפּנים זיין תשובה ניט געוואָלט אננעהמען...“

לונעוו האט זיך א שפּאר געטהאָן פאראויס, כדי נאך אמאָל א קוק צו טהאָן דעם סוחר אין געזיכט; דערביי האט ער זיך אַנגעשלאָגען מיט זיין קעסטעל אָן איהם. דער סוחר האט א געשריי געטהאָן, אַבגעשטופּט איליא'ן מיט'ן עלענבויגען אָן א זייט, אויסגעשטעלט אויף איהם א פּאָר ביסטרע, בייזע אויגען און געזאָגט:

„וואוהין קריכסט דו פּאָרט מיט דיין קאסטען?“

דערנאך האט ער זיך ווידער אמאָל געווענדעט צום אַלטען:

„ס'שטעהט געשריבען: קיין האר אפילו ווערט ניט געקרימט פון מענשען'ס קאָפּ אָהן גאָט'ס ווילען...“

„וואס איז דא פאראן וואס צו ריידען?“ האט זיך דער אַלטער אַבגערופען און האט צוגעשאָקעלט יענעם מיט'ן קאָפּ. און א פּינטעל טהאָענדיג מיט די אויגען האט ער דערנאך שטילערהייט צוגעלייגט:

„ס'איז דאך בעוואוסט, אז גאָט רעכענט זיך מיט'ן רשע... זאָל מיר דער האר אין הימעל מוחל זיין! ס'איז א זינד צו ריידען וועגען דעם, אבער אויך שווייגען איז שווער...“

„און גיב נור אַקאָרשט אכטונג,“ האט דער שטרענגער סוחר ווייטער געזאָגט, „מען וועט דעם שולדיגען ניט געפינען, זאָלסט געדיינקען מיינע ווערטער!“

לונעוו האט זיך צולאכט. זיך צוהערענדיג צו דעם דאָזיגען געשפּרעך האט זיך איהם עפּעס אויסגעדוכט, אזוי ווי ער וואָלט בעקומען נייע כחות און נייעם מוטה. וואָלט איהם אין דער רגע אימיצער

www.libtool.com.cn



א פרעג געטהאָן: „דו האָסט עס איהם דער'הרג'עט?" — וואָלט ער מיט טראָץ און אָהן א שום מורא געענטפערט:

„יא!..."

מיט דעם דאָזיגען געפיהל איז הארצען האָט ער זיך דורכגע־שפּאַרט דורכ'ן עולם, נאָהענט לעבען דעם פּאָליציי־מאַן: דיזער האָט איהם אָנגעקוקט, מיט כעס איהם א שטויס געטהאָן אין דער פּלייצע און זיך צושריען אויפ'ן קול:

„וואוהין פּאַרט? וואָס האָסט דו דען צו טהאָן דאָ?... געה זיך דיר דיין וועג!"

איליא האָט אָבגעטראָטען און האָט זיך אָנגעשלאָגען אין איינעם פון די פערזאמעלטע. ער האָט פון דאָס ניי געקראָגען א שטויס, און אימיצער האָט געשריגען:

„דערלאַנגט איהם איינס אין מוח, אזוי, ער זאָל פיהלען!"

דאָ איז לונעוו ארוים פון געדרענג, האָט זיך צוגעזעצט אויף די טרעפּ פון קירכע און געלאכט אין זיך פון די אלע מענשען. ער האָט געהערט ווי דער שנעע ווערט צוריבען אונטער זייערע פיס און פון די שטילע געשפּרעכען זייערע האָט ער נור געקענט כאַפּען ווערטער, איינצעלנע אָבגעהאַקטע פראַזען:

„קיין אנדער צייט האָט ער שוין ניט געפונען. דער לומפּ, ווען אָבצוטהאָן די חזיר'יי, נאָר איצט, בשעת איך בין אויף דיענסט!"

„אין דער גאַנצער שטאָדט האָט ער גענומען די העכסטע פּראַ־צענטען. א ביטעל־שניידער איז ער שטענדיג געוועזן..."

„ס'וויל נאָר היינט ניט אויפהערען צו שנעען... מען הויבט ניט אָן זעהן וואָס טהוט זיך דאָרט, אין קלייט..."

„די פעל האָט ער זיי אראָבגעשונדען, די בעלי חובות זיינע..."

„ער איז דאָך אבער פאַרט געוועזן א מענש... א רחמנות אויף איהם," האָט זיך אָן אנדערער אָבגערופען.

„זיי זיינען אלע גייציג, קוקען נור ארוים אויף פּראָפּיט..."

„אָט זעה! זיין פרוי איז אָנגעקומען..."

„א—אך די אונגליקליכע!" האָט א זיפץ געטהאָן אן אָבגעריי־סענער פויער.

לונעוו איז אויפגעשטאַנען און האָט געזעהן, ווי א דיקע, עלטע־

www.libtool.com.cn



רע פרוי איינגעהילט אין א שווארצען טוך איז מיט מאטערניש ארויס פון א ברייטען שליטען, וואס איז געווען בערעקט מיט א ברען־פעל. דער עלצטער פון דער פאָליציי־וואך און נאך עפעס א מאן האבען זי אונטערגעהאלטען ביים ארויסגעהן.

„אך, מיינע גוטע, מיינע ליעבע!“ האט זיך געהערט איהר ציטערנדע, דערשראָקענע שטימע, און דער גאנצער עולם ארום איהר האט געשוויגען שטיל.

איליא האט אנגעקוקט די אלטיטשקע און האט געטראכט פון אָלימפּיאדא'ן.

„דער זוהן זיינער איז גאר ניטא היע, וואס?“ האט אימיצער א פרעג געטהאן אין דער שטיל.

„ער איז אין מאסקווע, זאָגט מען...“

„ס'פּאסט זיך מן הסתם אזוי צום רומעל... נא, דער וועט שוין וויסען ווי אזוי זיך צו טרייסטען!...“

„כ'מיין עפעס אזוי!...“

לונעוו האט אויסגעהערט די דאָזיגע געשפּרעכען און א שוידער איז איהם אריבער איבער'ן לייב. ס'איז איהם אפילו געווען אנגענעהם צו הערען, אז קיינער בעדויערט ניט פּאָליועקטאָוו'ס סוף, דאך אבער האבען אט די אלע מענשען, א חוץ דעם סוחר מיט דער שווארצער בארד, אויסגעזעהן אין זיינע אויגען אזוי דום, אזוי אונערטרעגליך. אין'ם סוחר האט געשטעקט א געוויסע שטרייננקייט און שטארקייט פון גלויבען, אבער אלע איבעריגע זיינען דא געשטאנען אזוי ווי די קלעצער און זיך געפּרענעלט אין זייער נארישע, עקעלהאפטע פלוידעריי.

ער האט אויסגעווארט ביז וואנען מען האט ארויסגעטראגען פּאָליועקטאָוו'ס טויטען קערפּער פון קלייט, און דערנאך איז ער אוועק אהיים — א דערפּראָרענער, א פערמאטערטער, אבער דאך מיט א רוהיג געמיטה. אין דער היים האט ער זיך פערריגעלט ביי זיך אין צימער און אנגעהויבען צעהלען דאס געלד, וואס ער האט מיטגעבראכט: אין צוויי דיקע פּעקלעך זיינען געלעגען צו פינף הונדערט רובעל אין א פּעקעל, און קליינע אסיגנאציעס; אין דריטען — אכט הונדערט פופציג רובעל. עס איז געווען נאך א קליין פּעקעלע מיט

www.libtool.com.cn



קופאנעס, די האט ער ניט איבערגעצעהלט. ער האט איינגעוויקעלט דאס גאנצע געלד אין א פאפיר, און דעם קאפ אנגעשפארט אז די הענד, האט ער גענומען טראכטען, וואו מען פערשטעקט עס ערגעץ. בשעת ער איז אזוי געזעסען און געטראכט האט ער דערפיהלט, אז דער קאפ ווערט איהם מורא'דיג שווער, און אז די אויגען קלעפען זיך איהם פון שלעפעריגקייט. ענדליך האט ער בעשלאסען, צו בעהאלטען דאס געלד אויבען, אויפ'ן בוידים, און מיט'ן פעקעל אפען אין די הענד האט ער זיך גלייך געלאזט געהן ארויף. אין קארידאר האט ער בע־געגענט יאקאוו'ן.

„אה, דו ביסט שוין געקומען!" האט יאקאוו געזאגט.

„יא, איך בין געקומען..."

„ווי בלייך דו ביסט... וואס זשע, ביסט קראנק?"

„גאנץ געזונד בין איך גראד ניט..."

„וואס טראגסט דו דא?"

„וואס איך טראג דא? האט עס אבגעקלונגען פון איליא'ס ליפען. און פלוצלונג איז ער פערציטערט געווארען, אוים מורא, אז ער קען נאך אויספלוידערען זיין סוד, און ער האט גענומען ריידען אויף גיך, האלטענדיג בשעת מעשה דאס פעקעל אין דער לופטען:

„ס'איז בענדלאך... ווייטער גארנישט... פון מיין הויזירער־קעס־טעל..."

„ווערסט קומען טרינקען טהעע?" האט יאקאוו געפרעגט.

„איך? גלייך קום איך, די מינוט..."

ער איז אויף גיך דורכגעלאפען דורכ'ן קארידאר. די פיס זיינען איהם געווען אזוי ווי אונטערגעהאקט און דער קאפ שווער, אזוי ווי ער וואלט געווען שכור. די טרעפ צום בוידים איז ער ארויפגעגאנגען לאנגזאם און פארזיכטיג, מורא האבענדיג, ער זאל ניט מאכען קיין גערויש אדער אימיצער זאל איהם ניט בעגעגענען אין מיטען דריינען. אז ער האט שוין געהאט בעגראבען דאס געלד — לעבען קוימען, אין דער פאדלאגע — האט זיך איהם מיט אמאל געדוכט, אז אימיצער האט זיך בעהאלטען דארט אין א ווינקעל, אין דער פינסטער, און איהם נאכגעקוקט וואס ער טהוט. ס'האט זיך איהם שטארק געוואלט א ווארף טהאן א שטיין אהין, אין יענעם ווינקעל, נור ער האט זיך

www.libtool.com.cn



אבער באַלד בערעכענט, אַז דאָס לוינט זיך ניט, און ער איז שטי־לערהייט צוריק אַרונטער פון די טרעפּ. ער האָט שוין מעהר קיין מורא ניט געהאַט — ס׳האָט אויסגעוויזען, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זי, די מורא, איבערגעלאָזען אויבען, אויף׳ן בוידים, צוזאַמען מיט׳ן געלד. אבער שווערע צווייפלען האָבען זיך איצט אויפגעכאַפּט אין זיין הארצען.

„פאַר וואָס האָב איך איהם דער׳הרג׳עט ? האָט ער זיך געפרעגט.

אַז ער איז אריין אין קעלער, איז איהם מאַשאַ, וועלכע האָט געהאַלטען אין מאַכען דעם סאַמאָוואַר, אַנטקעגנען מיט דעם פרעה־ליכען אויסרוף :

„אַך, ווי פריה דו ביסט היינט דאָ !“

„דאָס איז צוליעב׳ן שנעע,“ האָט ער געענטפערט. און טאַקי גלייך נאָכדעם האָט ער מיט א גערייצטען טאָן ווייטער געזאָגט : „וואָס הייסט א שטייגער פריה ביי דיר ? איך בין געקומען אַזוי ווי תמיד... ווען ס׳איז די צייט צו קומען... זעהסט דאָך, אַז ס׳איז שוין פינסטער. דום געגנזעל וואָס דו ביסט...“

„דאָ איז אפילו אין מיטען האַלבען טאָג אויך פינסטער... נור וואָס האָסט דו זיך עפּעס אַזוי צושריגען ?“

„כ׳שריי, ווייל איהר רעדט מיר עפּעס אַלע, אַזוי ווי די שפּיאָ־נען — „ביסט אַזוי פריה געקומען — וואוהין געהסט דו ? — וואָס טראָגסט דו דאָרט ?... וואָס געהט דאָס אייך אַלצדינג אָן ?“

מאַשאַ האָט איהם אַנגעקוקט מיט דורכדרינגענדע בליקען און מיט א טאָן פון פאַרוואורף האָט זי זיך אָבגערופען :

„איי, איי, איליא — וואָס פאַר א בעל גאוה׳ניק דו ביסט עס אביסעל געוואָרען !“

„טו כאַפּט אייך אַלעמען דער טייוועל !“ האָט לונעוו געשאַלטען. זיך אַנידערזעצענדיג ביים טיש. מאַשאַ האָט זיך געפיהלט בעליידיגט. האָט דערלאַנגט אויף איהם א בייזען קוק און האָט זיך אָבגעקעהרט אַז א זייט און גענומען בלאָזען אין קוימען פון סאַמאָוואַר. דאָס צאַרטע, קליינע מיידעל האָט אַלע ווייַלע א טרייסעל געטהאָן מיט איהרע שוואַרצע לאָקען און זיך צוהוסט, ווען דער רויך איז איהר אריין אין די אויגען. איהר געזיכט איז געווען מאָגער, און די דונקעלע רינגען

www.libtool.com.cn



ארום איהרע ברעמען האבען נאך איהרע אויגען קענטיגער, גלענצענ־דער געמאכט. זי איז געווען עהנליך צו יענע בלומען, וואס שפראצען אויף אין די פערוואקסענע ווינקלען פון גארטען, צווישען גראז און קראפעווע...

איליא האט געקוקט אויף איהר און געטראכט דערפון, ווי אזוי דאס דאזיגע קינד לעבט זיך דא אליין אין איהר אונטער דר'ערדיגער גרוב, ווי עס ארבייט אזוי ווי די ערוואקסענע מענשען, ווייסט פון קיין שום פרייד ניט, וועט פילייכט קיינמאל אין לעבען דערפון ניט ווייסען און שטענדיג בלייבען אין דער דאזיגער ענגשאפט, אין דעם דאזיגען שמוץ. ער אבער קען אצונד, ווען ער וויל נור, לעבען אזוי, ווי ער האט זיך שטענדיג געוואונשען צו לעבען — אין רוה און אין ריינקייט. ביי דעם געדאנק איז איהם עפעס פרעהליך געווארען אויפ'ן הארצען, אבער ער האט זיך אין דערזעלבער צייט געפיהלט שולדיג פאר מאשא'ן אין די אויגען.

„מאשא!" האט ער זיך פלוצלונג אבגערופען.

„נא, וואס איז, דו ווילדער דו?" האט זיך געלאזט הערען מא־שא'ס דין קול'כעל.

„דו ווייסט... איך בין זעהר א שלעכטער מענש," האט לונעוו געזאגט און די שטימע זיינע האט געציטערט, בשעת ער האט אי־בערגעוואויגען ביי זיך אין הארצען די פראגע: צי זאל ער איהר'ס דערצעהלען אדער ניט?

מאשא האט זיך אומגעדרעהט צו איהם און האט איהם אנגעקוקט מיט א שמייכעל.

„ס'איז ניטא קיינער, ווער ס'זאל דיר אמאל דורכברעכען די ביי־נער — אט דאס איז עס! דו שרעקליכער מענש וואס דו ביסט!"

„נא, דו האב נור אקארשט געדולד!" האט זיך איליא אבגערו־פען.

„מיט דיר דארף מען גאר קיין געדולד ניט האבען!" האט מאשא געענטפערט, און צוגעהענדיג שנעל צו איהם, האט זי האסטיג און מיט א בעטענדיגען טאן ווייטער געזאגט: „הער אקארשט, איליא, ליעבינקער — בעט דיין פעטער, ער זאל מיך מיטנעהמען מיט זיך — יא? בעט עס איהם! גאנץ טיעף וועל איך זיך פאר דיר פערבויגען

www.libtool.com.cn



און דיך דאנקען דערפאַר!"

„וואוהין ווילסט דו דען געהן?" האָט אַ פרעג געטהאָן איליא, וועלכער איז געוועזן שטארק פערנומען מיט זיין געדאנק און האָט זיך ווייניג וואָס צוגעהערט צו איהרע רייד.

„צו די הייליגע ערטער, מיין טהייערער — בעט איהם!"

זי האָט צונויפגעלייגט די הענד און איז געשטאַנען פאר איהם אזוי ווי פאר אַ הייליגען בילד, און איהרע אויגען זיינען בשעת מעשה פול געוואָרען מיט טרעהרען.

„ווי שעהן דאָס וואָלט געווען!" האָט דאָס מיידעל געזאָגט מיט אַ זיפץ. „אזוי, אין פריהלינג־צייט... דורך פעלדער און וועלדער... איך וואָלט געגאַנגען אלץ ווייטער און ווייטער... יעדען טאָג טראכט איך דערפון, יאַ, ס'חלום'ט זיך מיר זאָגאר בסדר, אז איך געה און געה... מיין ליעבינקער, ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען איך... זעה, רעד מיט דיין פעטער, זאָג איהם, ער זאָל מיך מיטנעהמען! ער פאָלגט דאָך דיר... זיין ברויט וועל איך ניט עסען... כ'וועל אויפ'ן וועג נדבות בעטען... כ'בין אזוי קליין — נישקשה, מען וועט מיר שוין געבען וואָס עס איז. וועסט עס טהאָן, איליושא? די האנד וועל איך דיר דערפאַר קושען!..."

און פלוצלונג האָט זי אָנגעכאַפּט זיין האנד און האָט זיך אָנגעבויגען איבער איהר. איליא האָט זי אָבגעשטויסען פון זיך און האָט זיך מיט אימפעט אויפגעכאַפּט פון שטוהל.

„נאַריש מיידעל!" האָט ער גאַנץ הויך אַ געשריי געטהאָן. „וואָס טהוסט דו פאַרט, איך האָב דערוואָרגען אַ מענשען..."

ער האָט זיך אליין דערשראָקען פאר די ווערטער, וואָס ער האָט ארויסגערעדט און האָט גלייך ווייטער געזאָגט:

„אפשר.. אפשר האָב איך מיט די הענד גאָר אַ זעהר שלעכטע זאַך אָבגעטהאָן... און דו ווילסט זיי קושען?"

„אָבער לאָז מיך, איך בעט דיך!" האָט זיך מאשא אָבגערופען און איז פון דאָס ניי צוגעגאַנגען גאַנץ נאָהענט צו איהם. „וואָס פאַר אַן אונגליק שטעקט דען דערין? נו, אודאי וועל איך זיי דיר קושען! פעטרוכא איז ערגער פאַר דיר, און דאָך קוש איך איהם פאַר יעדעס שטיקעל ברויט די האנד... מיר איז עס דערווידער, אָבער ער וויל

www.libtool.com.cn


אזוי — נו, גיב איך איהם א קוש אין האנד. און דערצו קנייפּט ער מיך און בעטאפּט מיך נאָך... דער אונפערשעהמטער!"

איליא'ן איז מיט אמאָל געוואָרען לייכט און פרעהליך אויפ'ן הארצען — אפשר דערפון, וואָס ער האָט ארויסגערעדט יענע שרעקליכע ווערטער, און פיעלייכט אויך מחמת דעם וואָס ער האָט ניט אלץ אויסגעזאָגט. ער האָט א שמייכעל געטהאָן, און שטילערהייט, מיט א ווייכען קול האָט ער זיך אָנגערופען צו מאשא'ן:

„גוט, איך וועל עם פוילע'ן ביים פעטער! ביי גאָט, איך וועל עם פוילע'ן ביי איהם! דו וועסט געהן מיט איהם אויף קבר אבות... כ'וועל דיר אויך מיטגעבען געלד אויפ'ן וועג..."

„דו מיין גוטינקער!" האָט מאשא אויסגעשריגען, איז א שפּרונג געטהאָן צו איהם און איהם ארויפגעפאַלען אויפ'ן האלז.

„טו לאָז שוין אמאָל אָב! הער אויף!" האָט לונעוו ערנסט געזאָגט. „כ'האָב דאָך דיר געזאָגט — דו וועסט מיטגעהן. וועסט בעטען גאָט פאַר מיר, מאשוטקא!"

„פאַר דיר? אָה גאָט!"...

אין דער טהיר האָט זיך בעוויזען יאקאָוו און האָט פערוואונדערט א פרעג געטהאָן מאשא'ן:

„וואָס קוויטשעסט דו פאָרט אזוי? מען הערט עס אויפ'ן הויף אפילו!"

„יאשא!" האָט דאָס מיידעל פרעהליך א געשריי געטהאָן און גענומען האסטיג דערצעהלען: „איך געה אוועק פון דאנען... אויף די הייליגע קברים... זיי געזונד! איליא האָט מיר פערשפּראָכען צו צוריידען דעם הויקער... ער וועט מיך מיטנעהמען!"

און זי האָט געלאַכט, אויסער זיך פאַר גליק.

„און ער וועט עס ווירקליך טהאָן?" האָט יאקאָוו פערטראַכטערהייט א פרעג געטהאָן זיין פריינד.

„פאַרוואָס ניט? זי וועט איהם ניט זיין אין וועג... און פאַר איהר איז עס גאנץ גוט. זעה כאָטש, ווי זי זעהט אוים — גאנץ פערשימעלט, עפּעס גארניט ווי קיין מענש..."

„יא, געוויס..." האָט יאקאָוו געזאָגט. ער איז אנשוויגען געוואָרען אויף א ווייל און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען שטיל צו פייפען.

www.libtool.com.cn



„וואָס איז דיר אַזוינס?“ האָט איהם איליאַ געפרעגט.
„אַצונד בין איך אין גאַנצען פערלאָרען! כ'בלייב איינער אַליין דאָ, אַזוי ווי די לבנה אין הימעל...“
„דינג זיך אַ ביאַנקע...“ האָט זיך איליאַ אָבגערופען מיט אַ געלעכטער.
„בראַנפען וועל איך טרינקען,“ האָט יאַקאָוו געזאָגט צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.
מאַשאַ האָט איהם אָנגעקוקט, האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ אייבער דער ברוסט און איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר. פון דאָרט האָט זי מיט אַ טרויעריגען טאָן יאַקאָוו'ן געמאַכט אַ פאָרוואורף:
„וואָס פאַר אַ שוואַכער מענש דו ביסט עס אַביסעל, יאַקאָוו!“
„און איהר זייט, הייסט עס, שטאַרק! לאָזט איבער אַ פריינד אויף הפקר!... שעהנע מענשען זייט איהר, ניטאָ וואָס צו ריידען! ווי אַזוי זאָל איך אַריבערטראָגען דאָס לעבען — אַהן אייך?“
מיט אַ פינסטערער מיענע האָט ער זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש, אָנטקעגען איליאַ'ן, און האָט זיך אָנגערופען:
„זאָל איך אפשר אויך מיטגעהן מיט טערענטי'ן — אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט וויסען, ווי?“
„טהו'ס... איך וואָלט אַנטלאָפען!...“ האָט איהם איליאַ אַן עצה געגעבען.
„ד ו!... אָבער מ י ר וועט דער טאַטע נאָכשיקען די פּאָליציי!“
זיי זיינען אַלע דריי אַנשווייגענדיג געוואָרען אויף אַ ווייל. און דערנאָך האָט יאַקאָוו אָנגעהויבען מיט אַ געצוואונגענער פרעהליכקייט:
„ס'איז דאָך אַזוי גוט, שכור צו זיין! מען טראַכט פון גאָרנישט, מען פערשטעהט גאָרנישט... און מען לעבט אַ גוטען טאָג...“
מאַשאַ האָט אַרויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר אויפ'ן טיש, און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט זי געזאָגט:
„אַך, דו... שעהמסט זיך גאָרניט צו ריידען אַזוי?“
„דו קענסט דערפון ניט ריידען,“ האָט זיך יאַקאָוו אָבגערופען מיט כעס. „דער פּאָטער דיינער קוקט זיך ניט אום אויף דיר... לאָזט

www.libtool.com.cn



דיך טהאן, וואס דו ווילסט... לעבסט זיך נאך דיין אייגענעם ווילען נאך..."

„א שעהן לעבען!" האט מאשא געענטפערט. „אנטלויפען וואלט איך געוואלט, זיך גארניט אומקוקען אפילו אויף אזא מין לעבען..."

„ס'געהט אונז אלעמען שלעכט," האט איליא געזאגט אין דער שטיל און איז ווידער ארייגעפאלען אין א ים פון מחשבות.

יאקאוו האט פערטראכטערהייט ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער און אזוי ווי צו זיך אליין גערעדט:

„ווען מען וואלט זיך געקענט זוי עס איז ארויסרייסען פון דעם אלעמען, אנטלויפען... ערגעץ וואו!... זיצען אין וואלד, ביי א טייך, און נאכדיינקען איבער אלצדינג..."

„דאס וואלט געווען א נארישער מיטעל, צו אנטלויפען פון לע־בען!" האט זיך איליא אבגערופען מיט פערדרוס.

יאקאוו האט מיט א פארשעמטען בליק א קוק געטהאן איליא'ן גלייך אין געזיכט אריין און דערנאך האט ער מיט א האלבען מויל גע־זאגט:

„דו ווייסט — כ'האב געפונען א בוך..."

„וואס פאר א בוך?"

„א גאנץ אלטען... ס'איז אין לעדער געבונדען, ס'זעהט אויס ווי א תהלים, און איז אייגענטליך... אן אפיקורס'ישעס בוך. כ'האב עס געקויפט ביי א טאטער פאר זיבעציג קאפיקעס..."

„ווי הייסט עס?" האט איליא א פרעג געטהאן סתם אזוי אין דער וועלט אריין. ער האט גאר קיין חשק ניט געהאט צו ריידען, נור ער האט געפיהלט, אז דאס שווייגען קען נאך ווערען געפעהרליך פאר איהם, האט ער זיך דעריבער אנגעטהאן א כח, ארייגצוגעהן מיט זיין פריינד אין א געשפרעך.

„דאס פאדער־בלעטעל איז אבגעריסען," האט יאקאוו געמעל־דעט מיט א נידעריגער שטימע — „אבער ס'רעדט זיך דארט מכח דעם אורשפרונג, דעם סאמע אנפאנג פון אלץ, וואס געפינט זיך אויף דער וועלט. ס'איז שווער צו לייענען... און שוידערליך איז דאס... ס'שטעהט דארט, אז פריהער האט טהאלעס פון מילעט געפארשט נאך דעם אורשפרונג פון דער וועלט: „ער האט געזאגט, אז אלץ שטאמט

www.libtool.com.cn



אַב פון וואַסער, און אַז גאָט געפינט זיך אין אַלצדינג, ער איז די נשמה, די לעבענס־קראַפט פון יעטוועדער זאַך." און דאָן איז געווען נאָך אַן אַפּיקורס מיט'ן נאָמען דיאַגאָראַס, וועלכער האָט געדרונגען, אַז ס'איז ניטאָ קיין איין איינציגער גאָט" — ער האָט אַלזאָ ניט גע־גלויבט אין גאָט. און אויך עפּיקור ווערט דאָרט דערמאָנט; ער זאָגט, אַז „ס'איז אַפילו יאָ פאַראַן איין גאָט, אַבער ער זאָרגט זיך פאַר קיינעם ניט און קיינער געהט איהם ניט אָן." דאָס הייסט אַלזאָ — ווען ס'איז אַפילו יאָ פאַראַן אַ גאָט, האָט ער אויך די מענשען גאָר אין זינען ניט... אַזוי פערשטעה איך עס ווייניגסטענס. לעב זיך דיר ווי דו ווילסט — ניטאָ קיינער ווער ס'זאָל זיך אומקוקען אויף דיר וואָס דו טהוסט..."

איליאַ האָט זיך אויפגעהויבען פון שטוהל, און פערקנייטשענדיג דעם שטערן האָט ער איבערגעשלאָגען דעם פריינד זיינעם די רייד:

„מען האָט געדאַרפט נעהמען דאָס דאָזיגע בוך און דיר פּלעטען דערמיט דעם מוח!"

„פאַרוואָס?" האָט זיך יאַקאָוו אָנגערופען שטאַרק פערוואונדערט.

ער האָט זיך געפיהלט בעליידיגט פון איליאַ'ס בעמערקונג.

„בדי דו זאָלסט עס מעהר ניט לייענען — דומקאָפּ וואָס דו ביסט! און יענער, וואָס האָט דעם בוך געשריבען איז אויך אַזאַ דומ־קאָפּ ווי דו!"

לונעוו האָט זיך אַ ווייל ארומגעדרעהט ארום טיש, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגען איבער זיין פריינד און האָט אָנגעהויבען צו שרייען אויפ'ן קול מיט פייער און צאָרן אויף יאַקאָוו'ן, פּונקט ווי ער וואָלט איהם מיט אַ האַמער געקלאַפּט איבער'ן גרויסען קאָפּ זיינעם.

„ס'איז פ אַ ר אַ ן אַ גאָט! הערסט דו? ער זעהט אַלץ! ער ווייסט אַלץ! לעבען איהם — איז קיינער ניטאָ! דאָס לעבען איז דיר געגעבען געוואָרען, כדי דיך צו לייטערן, און די זינד, כדי דיך אויס־צופּרואוון. ווייסט דו ביישטעהן דעם נסיון — אָדער ניט? ביסט דו ניט ביינעשטאַנען — וועט קומען אויף דיר אַ שטראָף... מעגסט זיכער זיין, אַז זי וועט קומען! ניט פון'ם מענשען קריגסט דו דיין שטראָף — נאָר פון איהם... פערשטעהסט? אַבער זיכער מעגסט דו זיין — זי וועט ניט אויסענבלייבען, די שטראָף!..."

www.libtool.com.cn



„שא! האלט איין דעם גרים־צארן!" — האט זיך יאקאוו אנגע־רופען. „האב איך דען עפעס געזאגט ווענען דעם?"

„אלץ איינס, צי דו האסט יא געזאגט, צי ניט! מעגסט דו זיין מיין ריכטער, הא?" האט זיך לונעוו צושריגען מיט אן אונבעגרייפ־ליכען צארן, וועלכער איז אויף איהם פלוצלונג אנגעקומען, און ער איז געווארען בלייך פאר אויפרעגונג. „קיין האר פאלט דיר נישט פון קאפ, אהן זיין ווילען. האסט געהערט? און אויב איך האב א זינד בעגאנגען — איז עס געווען זיין ווילען! דומקאפ איינער!"

„אט אפנים דו ביסט פון זינען אראב — אדער וואס?" האט יאקאוו גענטפערט שטארק דערשראקען, זיך אנשפארענדיג בשעת מעשה אן וואנד. „וואס פאר א זינד האסט דו דען בעגאנגען?"

דורכ'ן געוויש און טומעל, וואס האט אנגעגעבען מעשים אין זיינע אויערן, האט לונעוו געהערט יאקאוו'ס פראגע, און ס'איז איהם פארגעקומען, אזוי ווי א קאלטער ווינד וואלט אויף איהם א בלאז געטהאן. ער האט געקוקט מיסטרויאיש אויף יאקאוו'ן און אויף מא־שא'ן, וועלכע זיינען אויך אונרוהיג געווארען דורך זיין אויפרעגונג און זיין געשריי.

„איך רעד דאך נאר אזוי, בדרך משל," האט ער געזאגט מיט א האלב פערשטיקטער שטימע און האט זיך צוריק אנידערגעזעצט אויף זיין פלאץ.

„ביסט אפנים ניט געזונד," האט מאשא בעמערקט גאנץ שטיל.

„דיינע אויגען זיינען עפעס אזוי קאלעמוטנע," האט יאקאוו פון זיין זייט געזאגט און האט ניט אראבגענומען קיין אויג פון זיין פריינד.

איליא האט ניט ווילענדיג א מאך געטהאן מיט דער האנד אי־בער די אויגען און געענטפערט גאנץ שטיל:

„ס'איז גארנישט, ס'וועט איבערגעהן."

אין א פאר מינוט ארום האט ער דערפיהלט, אז ער וועט ווייטער ניט קענען אריבערטראגען דאס דאזיגע שמערצליכע, אונאנגענעהמע צוזאמענזיין מיט זיינע פריינד, און ער איז אוועק צו זיך אין צימער, ניט אבווארטענדיג אויפ'ן טהעע אפילו.

ווי ער האט זיך נאר אויסגעצויגען אויפ'ן בעט, איז דער פעטער טערענטי אריינגעקומען אין שטוב. זייט דער הויקער האט ביי זיך

www.libtool.com.cn



אָבגעמאַכט, צו געהן אויף די הייליגע ערטער, זוכען אַ פערגעבונג אויף זיינע זינד, איז אויף זיין פּנים געלעגען אַ קלאָהרער, גליקליכער אויס־דרוק, פּונקט ווי ער וואָלט פון איצט אָן שוין געפיהלט דעם טעם פון פרייד, וואָס די בעפרייאונג פון זיינע זינד וועט איהם פערשאַפען. שטיל, מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין פּלימעניק'ס בעט, און זיך צופּענדיג פאַר'ן בערדעל, האָט ער מיט אַ פריינדליכער שטימע געזאָגט:

„כ'האָב פריהער געזעהן ווי דו ביסט געקומען אהיים... און איך האָב זיך געטראַכט: „געה אַקאָרשט אריין אַ ווייל צו איהם און שמועס זיך מיט איהם אביסעל דורך!... מיר וועלען דאָך שוין ניט לאַנג זיין דאָ אין איינעם!"

„דו געהסט אַלזאָ ווירקליך אַוועק?" האָט איליאַ געפרעגט מיט אַ טרוקענעם טאָן.

„אזוי, ס'וועט נאָר ווערן אביסעל וואַרעמער, וועל איך ארויס... אויף דער „הייליגער וואַך" וואָלט איך שוין געוואָלט זיין אין קיעוו."

„הער נאָר אַקאָרשט! זאָג, וואָלסט אפשר געוואָלט מיטנעהמען די קליינע מאשא'ן מיט זיך?"

„וואָס? ניין, דאָס געהט ניט." האָט זיך דער הויקער אבגערופען, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד.

„טו הער אַקאָרשט אויס," האָט זיך איליאַ איינגע'עקשן'ט. „זי איז דאָ אין גאַנצען איבעריג... און איז איצט אין די ריכטיגע יאָהרען... יאַקאָוו, פּעטרוכאַ... און אזוי ווייטער... דו פערשטעהסט דאָך וואָס איך מיין? דאָס דאָזיגע הויז דאָ איז פאַר אַלעמען אזוי ווי אַן אַב־גרונד... אַ פערפלוכט הויז! זאָל זי געהן... אפשר וועט זי שוין גאָר ניט קומען צוריק..."

„אָבער ווי אזוי קען איך זי דען מיטנעהמען מיט מיר?" האָט טערענטי געזאָגט מיט אַ וויינענדיגען קול.

„נעהם זי נאָר, נעהם זי מיט," האָט איליאַ גע'טענה'ט זיינס. „קענסט פערטהאָן די הונדערט רובעל, וואָס דו ווילסט מיר געבען, פאַר איהר... איך דאַרף ניט האָבען דיין געלד... און זי וועט פאַר דיר בע־טען... איהר געבעט האָט פיעל צו בעדייטען!..."

www.libtool.com.cn



דער הויקער האָט זיך פֿערטראַכט און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אָבגערופֿען:

„ס'האָט פֿיעל צו בעדייטען... דאָס שטימט! דאָס האָסט דו... גאַנץ ריכטיג געזאָגט... דאָס געלד אָבער קען איך פֿון דיר ניט נעהמען. דערמיט בלײַבט עס אַזוי ווי מיר האָבען אָבגעמאַכט... און וואָס איז שייך צו מאַשקאַ'ן — וועל איך זיך מישב זײַן..."

פּעטער טערענטי'ס אויגען האָבען גליקליך אויפֿגעשײַנט, און זיך צובויגענדיג צו איליאַ'ן האָט ער מיט אַ פֿרעהליכער בעגייסטערונג גע־שעפּטשעט:

„וואָלסט וויסען מיט וואָס פֿאַר אַ מענשען איך האָב זיך נעכ־טען בעקענט, מײַן ליעבינקער! מיט אַ בעריהמטען מענשען, פּיאָטר וואַסיליטש הייסט ער... האָסט נאָך גאָרנישט געהערט פֿון דעם ביבעל־קענער סיזאָוו? זעהר אַ קלוגער מענש! נאָר גאָט דער האָר אַליין האָט איהם מיר צוגעשיקט... כדי ער זאָל בעפֿרײַען מײַן זעעלע פֿון'ם צווייפֿעל אין גאָט'ס גנאָד און לײַטזעליגקייט צו מיר, זינדיגער מענש וואָס איך בין..."

איליאַ איז זיך געלעגען שטיל אויפֿ'ן בעט — איין איינציגען וואונש האָט ער געהאַט: דער פּעטער זאָל אַזוי גיך ווי מעגליך אַרויס־געהן פֿון צימער און איהם לאָזען אַליין. מיט האַלב פֿערמאַכטע אויגען האָט ער אַרויסגעקוקט דורכ'ן פֿענסטער און האָט פֿאַר זיך געזעהן די הויכע, דונקעלע וואַנד פֿון שטאָל.

„מיר האָבען גערעדט מכח די זינד און וועגען דער רעטונג פֿון דער נשמה," האָט טערענטי ווײַטער געשעפּטשעט מיט פֿרומקייט. „ער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: „פּונקט ווי די דלאָטע דאַרף האָבען דעם שטיין, כדי ערשט אויף ריכטיג שאַרף צו ווערן, אַזוי דאַרף דער מענש אויך האָבען די זינד, כדי זײַן נשמה זאָל ווערן צובראָכען און ער זאָל זיך אַנידערוואַרפֿען אין שטויב, גאָט דעם באַרמהערציגען צו די פֿיס..."

איליאַ האָט אַ קוק געטהאָן אויפֿ'ן פּעטער און מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל האָט ער זיך אָנגערופֿען:

„זאָג נאָר — זעהט אָט דער ביבעל־קענער אפשר אַזוי אויס ווי דער טייוועל?"

„ווי קען מען זיך גאָר אונטערשטעהן אַזוי צו ריידען?" האָט

www.libtool.com.cn



טערענטי אויסגעשריען, אבטרעטענדיג א שריט צוריק. „דאס איז דאך א גאטספורכטיגער מענש!... א סך בעריהמטער איז ער נאך ווי דיין ציידע אנטיפא איז געוועזן... יא—א, ברודער!"

און מאכענדיג מיט'ן קאפ, אזוי ווי ער וואלט גאר ניט געקענט מוחל זיין איליא'ן פאר די ווערטער זיינע, האט ער דערביי צוגעקלאפט מיט די ליפען.

„נא, זאל זיין אזוי!" האט זיך איליא אבגערופען. „וואס נאך האט ער א שטייגער געזאגט?"

און פלוצלונג האט ער ארויסגעלאזט א טרוקענעם, אונאנגענעהמען געלעכטער. דער פעטער איז נשתומם געווארען, האט זיך אבגערוקט פון איהם און געזאגט:

„וואס איז פארט מיט דיר?"

„גארנישט, גארנישט. ס'איז גאנץ ריכטיג געווען דאס, וואס ער האט געזאגט, דער דאזיגער ביבעל־קענער... ס'פאסט זיך גאנץ גוט צו מיר... אך, דער רוח זאל עם כאפען! כ'בין איינפערשטאנען מיט איהם... פונקט פאר פונקט!..."

ער איז אנשוויגען געווארען, האט אריינגעקוקט דעם פעטער גלייך אין די אויגען אריין און דערנאך האט ער זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צו דער וואנד.

„ער האט אויך געזאגט," האט טערענטי פון דאס ניי אנגעהויבען, „אז די זינד גיט דער נשמה פליגלען — פליגלען פון חרטה, אויף וועלכע זי הויבט זיך אויף ביז צו זיין כסא הכבוד, ביז צום טראהן פון'ם אלמעכטיגען..."

„ווייסט גאר וואס?" האט איהם איליא פלוצלונג איבערגעשלאגען מיט א שמילען געלעכטער — „דו אליין סאמעוועסט זיך אויך אביסעל אין דעם שטן!"

דער הויקער האט אויסגעשטרעקט די ארעמס אז א זייט, אזוי ווי א גרויסער פויגעל, וואס צושפרייט זיינע פליגלען, און איז געבליבען שטעהן אזוי ווי פערגליווערט פון שרעק און ענטריסטונג. לונעוו אבער האט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט, האט מיט דער האנד אבגעשטויסען דעם פעטער פון זיך און מיט א ביטערען טאן געזאגט:

„טראג זיך אב פון מיר!"

www.libtool.com.cn



טערענטי האָט זיך אויף גיך א הויב געטהאָן און איז געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב, שאָקלענדיג מיט'ן הויקער זיינעם. מיט אונ־רוהיגע בליקען האָט ער געקוקט אויף זיין פלימעניק, וועלכער איז געזעסען אויפ'ן בעט, אַנגעשפּאַרט אַןביידע אָרעמס, מיט די אקסלען אין דער הויך און דעם קאָפּ אראָבגעזונקען טיעף איבער דער ברוסט.

„אָבער ווי איז, אז איך וויל קיין חרטה ניט האָבען?" האָט איליא א פרעג געטהאָן מיט א טאָן פון עקשנות. „ווי איז, אז איך טראַכט זיך א שטייגער אָט אזוי: איך האָב דאָך ניט געוואָלט זינדיגען.. אלץ איז דאָך פון זיך אליין געקומען... אלצדינג קומט נור פאָר מחמת גאָט וויל אזוי... היינט נאָך וואָס דאַרף איך זיך קריינקען און אָבעסען דאָס הארץ דערפון? ער ווייסט אלץ און ער פיהרט אלצדינג... ווען ער וואָלט ניט געוואָלט, וואָלט ער מיך אָבגעהאַלטען... אלא אז ניט, האָב איך געהאַט פאָלקאָמען רעכט אין דעם, וואָס איך האָב געטהאָן! אַלע מענשען לעבען אין אונגערעכטיגקייט און זינד, וויפיעל א שטיי־גער טהוען דען תשובה?... נאָ, וואָס האָסט דו דערויף צו זאָגען?"

„איך פערשטעה גאָר דיינע ווערטער ניט — גאָט איז מיט דיר!" האָט פעטער טערענטי געענטפערט טרויעריג און האָט דערביי א זיפץ געטהאָן.

„פערשטעהסט מיך ניט," האָט זיך איליא אָבגערופען מיט א געלעכטער, „טו רעד בעסער גאָרניט מיט מיר... לאָז מיך צורוה!..."

ער האָט זיך ווידער אויסגעשטרעקט אויפ'ן בעט און אין א ווײַלע ארום האָט ער זיך אַנגערופען צו טערענטי'ן:

„איך גלויב טאַקי, אז איך בין קראַנק..."

„דאָס ווייזט מיר אויך אויס," האָט דער פעטער געזאָגט.

„כ'מוז שלאָפען.. געה, לאָז מיך אליין... איך וויל שלאָפען..."

אז איליא איז געבליבען אליין, האָט ער געפיהלט, אז אין קאָפּ ביי איהם דרעהט עס און רוישט אזוי ווי אין א קאָכיגען קעסעל. דאָס אַלעס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די עטליכע שטונדען, האָט זיך צונויפגעגאָסען אין איינעם און ס'איז געוואָרען דערפון עפּעס א מין שטיקענדער, הייסער טומאַן, וואָס האָט זיך איהם געלייגט שווער אויפ'ן הארצען. און עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ער געפינט זיך שוין פון א לאַנגע צייט אַן אין דעם דאָזיגע שמערצליכען צושטאַנד, אז

www.libtool.com.cn



ניט הײנט, נאָר עפּעס אַמאָל, שוין לאַנג, לאַנג צוריק האָט ער דערוואָר־
גען דעם אַלטען...

ער האָט צוגעמאַכט די אויגען און איז געבליבען ליגען אויפ׳ן
בעט, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט. אין זײנע אויערן האָט אָבגעקלונ־
גען דעם אַלטען׳ס קוויטשיגע שטימע:

„נאַ, װײז אַקאָרשט אָהער די מטבעות דײנע — אָבער גיכער,
גיכער!“

און דערנאָך האָט ער דערהערט זײן הײזעריגען װעה־געשרײ:

„אום גאָטעס װילען... טײבעלע מײנס!“...

די רויהע שטימע פון׳ם סוחר מיט דער שװאַרצער באָרד, מאַשאַ׳ס
ריהרענדע בקשה, די װערטער פון׳ם אַלטען אפיקורס׳ישען בוך און די
פרומע רײד פון דעם ביבעל־קענער — דאָס אַלץ האָט זיך איצט גע־
פּלאָנטערט און געמישט אין זײן מוח. איהם האָט זיך עפּעס אויסגע־
דוכט, אַז אַלצדינג זינקט אונטער איהם, און זינקענדיג ציהט עס איהם
אויך אַראָב טיעף, טיעף אין אָבגרונד. די מורא האָט איהם אָבגעלאָ־
זען — ער האָט נאָר געדאַרפט זיך אויסרוהען. שלאָפען, פערגעסען.
און ער איז אַנשלאָפען געװאָרען...

אַז ער האָט זיך אויף מאָרגען אין דער פריה אויפגעכאַפּט, האָט
ער פון דער העל־בעלײכטעטער װאַנד אַנטקעגען פענסטער דערזעהן,
אַז ס׳האָט אויסגעבראָכען אַ קלאָהרער, פראָסט־קאַלטער טאָג. דער
קאָפּ האָט זיך איהם נאָך געמישט, אָבער אויפ׳ן האַרצען איז איהם
לײכטער, רוהיגער געװאָרען. ער האָט געזוכט זיך צו דערמאָנען װאָס
נעכטען האָט פּאַסירט, האָט זיך עפּעס אַזוי װי צוגעהערט צו זיך אַלײן
און אין איהם האָט זיך געיאָװעט אַ געפיהל, אַז ער װאָלט שוין איצט
געװאָוסט, װי אַזוי זיך צו בענעהן. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער,
מיט זײן הויזירער־קעסטעל אויף דער ברוסט, אַרוים אין גאַס. העל האָט
די זונן אַראָבגעשײנט און איליאַ איז געגאַנגען רוהיג און האָט געפּינ־
טעלט מיט די אויגען און בעטראַכט די פערבײגײעהער, װאָס זײנען
איהם געקומען אַנטקעגען. אַז ער איז פערבײגעגאַנגען אַ קירכע, האָט
ער אַרונטערגענומען זײן היטעל און זיך איבערגע׳צלם׳ט. אויך בײ
דער צערקװע, װאָס איז געשטאַנען לעבען פּאַליועקטאָװ׳ס פערשלאָ־
סענעם מאַגאַזין, האָט ער זיך גע׳צלם׳ט און איז פערבײגעגאַנגען אָהן

www.libtool.com.cn



א שפּור פון מורא אָדער בעדויערן. אזוי ווי קיין זאך וואָלט גאָר ניט געשעהן. ארום מיטאָג־צייט איז ער געזעסען אין א שענק און געלייענט וועגען דער ערמאָרדונג פון דעם געלד־וועקסלער. דער סוף פון ארטיקעל האָט געלויטעט:

„די פּאָליציי נעהמט אָן די שטרענגסטע מאסרעגלען צו פּאַקען דעם מערדער.“ אז איליא האָט איבערגעלייענט די דאָזיגע ווערטער, האָט ער שמייכלענדיג געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: ער איז געווען פעסט איי־בערצייגט ביי זיך, אז מען וועט דעם מערדער קיינמאָל אין לעבען ניט כאַפּען, אויב ער אליין וועט ניט וועלען, מען זאָל איהם פּאַקען...

## 14.

דעם זעלבען טאָג, פאַרנאַכט, האָט אָלימפּיאַדא אריבערגעשיקט איהר דיענסט־מיידעל צו איליא'ן מיט א בריעף, אין וועלכען עס זיי־נען געשטאַנען פאָלגענדע ווערטער:

„קום צו ארום ניין אזייגער צו דעם ברעג פון דער קוזענצקאיא־גאַס, אין די בעדער.“

אז איליא האָט דורכגעלייענט דיזע ווערטער האָט ער געפיהלט אזוי ווי טיעף אין איהם וואָלט זיך אַלעס צונויפגעצויגען מיט א קראַמפּף און אזוי ווי די גאַנצע נשמה זיינע וואָלט אויפגעציטערט פון פראָסט. ער האָט ווידער אמאָל דערזעהן פאַר זיך דעם לייכטזיניגען אויסדרוק פון זיין געליעבטער, און אין זיינע אויערן האָבען געקלונגען די שאַרפע, בעליידיגענדע ווערטער:

„קיין אַנדער צייט האָסט דו שוין גאָר ניט געקענט געפינען, ווען צו קומען?“

ער האָט ארומגעקוקט דעם בריעף פון אַלע זייטען און האָט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן צו וואָס אָלימפּיאַדא האָט איהם איי־גענטליך בעשטעלט אהין, אויף יענעם פלאַץ.

און מיט אמאָל האָט ער עפּעס אזוי ווי מורא געקראָגען, עס צו בעגרייפען, און זיין הארץ האָט אָנגעהויבען שטארק צו קלאַפּען. ארום ניין אזייגער איז ער פּינקטליך געווען אויף יענעם אָרט. אז ער האָט דערזעהן אָלימפּיאַדא'ס הויכע געשטאַלט, צווישען די פערשיעדענע

www.libtool.com.cn



פּרויען, וואָס האָבען ארומגעשפּאַצירט פּאָר־ווייז אָדער איינציג־ווייז לעבען די בעדער, האָט זיך נאָך זיין מורא פערשטאַרקט. אָלימפּיאַדאַ איז נעגאַנגען אין אַן אַלטען פּעלץ און אויפ'ן קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ טיכעל וואָס האָט בעדעקט כמעט דאָס גאַנצע געזיכט איהרם און איליא האָט מעהר ניט געקענט זעהן נאָר איהרע אויגען. שטיל, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, איז ער געבליבען שטעהן לעבען איהר...

„קום!“ האָט זי געזאָגט, און גלייך נאָכדעם האָט זי שטילער־הייט צוגעלייגט:

„שטעל אויף דעם קאָלנער...“

זיי זיינען דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר פון באָד, האָבען אָבגע־קעהרט די פּנים'ער אַן אַ זייט, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך געשעהמט צו קוקען איינע אויף די אַנדערע. דערנאָך זיינען זיי אויף גיך אריין אין אַ בעזונדער שטיבעל, וואָס זיי האָבען גענומען פאַר זיך. אָלימפּיאַ־דאַ האָט גלייך אַראָבגעוואָרפען די פּאַטשיילע פון קאָפּ, און אַז איליא האָט דערזעהן איהר רוהיג געזיכט, וואָס איז געווען רויזיג און אָנגע־פלאַמט פון פּראָסט, האָט ער אויך געקראָגען אביסעל מוטה. אין דער־זעלבער צייט אָבער האָט ער געפיהלט, אַז עס איז איהם אונאַנגענעהם געווען צו זעהן, ווי זי איז אַזוי רוהיג ביי זיך. זי האָט זיך אַנידערגע־זעצט לעבען איהם אויפ'ן קאַנאַפּע, און אריינקוקענדיג איהם גלייך אין געזיכט אריין האָט זי זיך אָבגערופען:

„דו, עקשן מיינער! איצט וועלען מיר באַלד ביידע דאַרפען שטעהן פאַר'ן סליעדאָוואַטעל...“

„פאַרוואָס עפּעס?“ האָט איליא געפרעגט, זיך אָבווישענדיג די וואָנציעס.

„קוק איהם נור אָן, ווי תמ'עוואַטע ער מאַכט זיך דאָס!.. פּונקט ווי ער וואָלט גאָרניט געוואוסט,“ האָט אָלימפּיאַדאַ געזאָגט שטילער־הייט, מיט אַ שפּאָטישען אויסדרוק.

דערנאָך האָט זי צונויפגעצויגען די ברעמען, און מיט אַן ערנס־טען טאָן האָט זי גאַנץ שטיל געזאָגט צו איליא'ן:

„שטעל זיך פאָר, היינט אין דער פריה איז אַ געהיים־פּאָליציסט געווען ביי מיר! וואָס זאָגסט דו דערצו?“

www.libtool.com.cn



איליא האט א קוק געטהאן אויף איהר און מיט א טרוקענעם טאן האט ער געענטפערט:

„וואס געהט עס מיך אן? לאז מיך צורוה מיט דיינע געהיים־פאליציסטען און איבערהויפט מיט אלצדינג, וואס דו טהוסט. זאג מיר גאנץ איינפאך, נאך וואס האסט דו מיך גערופען אהער און דערצו נאך אזוי בעהאלטען, קיינער זאל ניט בעמערקען?"

אלימפיאדא האט איהם מיט א פארשענדען בליק אריינגעקוקט אין געזיכט אריין און מיט א ביטערן שמייכעל האט זי זיך אבגערופען:

„אה, כ'האב גאר פערגעסען! דו שפיעלסט נאך אליץ דעם בעליידיגטען.. נא, דערפאר האב איך אצונד קיין צייט ניט. הער אקארשט אוים איצט וואס איך האב דיר צו זאגען: אז דער סליעדע־וואטעל וועט דיך פערהערען און וועט דיך פרעגען, ווען דו האסט זיך בעקענט מיט מיר, און צי ביסט דו אפט געווען ביי מיר אין הויז, זאלסט דו זאגען דעם אמת, אלעס גאנץ גענוי ווי ס'איז געווען, דו הערסט?"

„איך הער," האט איליא געענטפערט און האט געשמייכעלט.

„און טאמער פרעגט ער דערנאך עפעס וועגען דעם אלטען — טו זאג, אז דו האסט איהם קיינמאל ניט געזעהן, קיינמאל ניט. ווייסט גארנישט פון איהם. האסט נישט געהערט, אז איך וועל אויפגעהאל־טען פון עמיצען.. דו פערשטעהסט?"

זי האט איליא'ן דורכגענומען מיט איהרע בליקען. ער האט גע־פיהלט, ווי אין זיין מוח קומט ביסלאכווייז ארויף א בייזער געדאנק, וועלכער האט איהם שטארק דערפרעהט. ס'האט איהם אויסגעוויזען, אז אלימפיאדא האט מורא פאר איהם, און ער האט געקראגען א שטארקען חשק, זי צו ערגערן, צו מוטשען. ער האט צונויפגעדריקט די אויגען, און שמייכלענדיג, ניט אויסריידענדיג קיין ווארט, האט ער איהר גנב'יש ארייגעקוקט גלייך אין געזיכט אריין.

איהר געזיכט האט אנגעהויבען ציטערן, און ווערענדיג בלייך ווי קאלך האט זי געגעבען א טראט צוריק און שטילערהייט, שעפטשענ־דיג געפרעגט:

„וואס איז דיר אזוינס געשעהן? וואס קוקסט דו מיך אזוי אן? איליא! איליא!"

„זאג מיר — פארוואס זאל איך ליגען זאגען?" האט ער געפרעגט

www.libtool.com.cn



און האט איהר מיט שפאט געוויזען די ציינער. „כ'האב דאך געזעהן דעם אלטען ביי דיר אין שטוב...“

און אנשפארענדיג די עלענבויגען זיינע אויף דעם מארמארנעם שטיין פון טיש, האט ער מיט א ביטערן צארן, לאנגזאם און שטיל, ווייטער געזאגט:

„כ'האב איהם דעמאלט אנגעקוקט. און האב מיר געטראכט: אט דאס איז ער אלזא, וואס שטעהט מיר אין וועג, וואס האט מיין לעבען צובראכען אויף שטיק־שטיקלאך! און אויב איך האב איהם דאמאלסט ניט דערווארגען...“

„זאג קיין ליגען ניט!“ האט אלימפיאדא א געשריי געטהאן, א קלאפ געבענדיג בעת מעשה מיט דער האנד אן טיש... דו לייגנסט דאך — ער איז דיר קיינמאל ניט געשטאנען אין וועג!“

„פארוואס עפעם ניט?“ האט איליא א פרעג געטהאן מיט אימ־פעט.

„ער האט דיר גארנישט געטהאן. דו האסט נור געדארפט וועלען, וואלט איך איהם געגעבען דעם וועג. האב איך דיר ניט געזאגט, אז אויב דו פערלאנגסט נור, וועל איך איהם גאר אהן טענות ווייזען די טהיר? דו האסט געשוויגען דערויף, נאר געשמייכעלט האסט דו... דו האסט מיך אין דער אמת'ן קיינמאל ניט ליעב געהאט! דו אליין האסט מיט דיין אייגענעם ווילען, זיך געטהיילט מיט איהם... דו גארנישט וואס דו ביסט?“

„שווייג שטיל!“ האט איליא אויסגעשריגען. ער האט זיך אויפ־געכאפט פון דער קאנאפע, נאר אין דעמזעלבען אויגענבליק האט ער זיך צוריק אנידערגעזעצט, עפעס אזוי ווי די פרוי וואלט איהם מיט איהר טאדעל א ווארף געטהאן צו דער ערד.

„איך וויל ניט שווייגען!“ האט זי געשריגען אויפ'ן קול. „כ'האב דיך געליעבט, ווייל דו ביסט געווען א שעהנער, געזונדער יונג... און דו, וואס האסט דו מיר אנגעטהאן? האסט מיר אשטייגער געזאגט: אלימפיאדא, קלייב אוים—איהם אדער מיך? האסט עם געזאגט? ניין, דו ביסט נור געווען... א פערליעבטער קאטער, ווי אלע אנדערע...“

פון דעם בעליידיגענדען פארוואורף איז איליא געווארען מלא רציחה. ס'איז איהם געווארען פינסטער אין די אויגען, און מיט א

www.libtool.com.cn



צונויפגעדריקטען קולאק איז ער פון דאָס נייַ אויפגעשפרונגען:

„וואַרט אַקאָרשט!" ווי דערוואָגסט דו זיך?"

„שלאָגען ווילסט דו מיך, האַ? נו, שלאָג נור, שלאָג!" האָט זי געשריגען מיט בליצענדע אויגען און האָט בשעת מעשה געקריצט מיט די ציינער פאַר אויפרעגונג. „נאַ, קענסט שלאָגען! און איך רייס גלייך אויף די טהיר און שריי, אַז דו האָסט איהם דערהרג'עט, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך ביידע צונויפגערעדט ווענען דעם... נאַ, פאַרוואָס שלאָגסט דו ניט?"

איליא איז תחילת אַזוי ווי געלעהמט געוואָרען פון שרעק, אָבער דאָס געפיהל פון שרעק האָט איהם נור בעריהרט דאָס האַרץ און איז גלייך פערשוואונדען. ער האָט קוים וואָס געקענט אָבכאַפּען דעם אָטהעם, עפּעס אַזוי ווי אימיצער וואָלט איהם געהאַלטען פאַר'ן האַלז און איהם געוואָרגען.

ער האָט זיך ווידער אַראָבגעלאָזט אויפ'ן קאַנאַפּע. אַ קורצע ווייַלע איז ער געבליבען שטיל, דערנאָך האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געפּרעמטען, האַלב פערשטיקטען געלעכטער. ער האָט געזעהן, ווי אָלימפּיאַדאַ האָט זיך געביסען די ליפּען און זיך אומגעדרעהט, אַזוי ווי זי וואָלט געזוכט עפּעס אין דעם שמוציגען קעמערל, דורכגענומען פון פּאַרע און זייף. דערנאָך האָט זי זיך אנידערגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע, האַרט לעבען טהיר, האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און געזאָגט:

„לאָך נור, לאָך... דו טייוועל איינער!"

„וואָס דען וועל איך טהאָן?"

„אַז איך האָב דיך דערזעהן, האָב איך זיך געטראַכט: אָט דאָס איז דער ריכטיגער מאַן, דער וועט מיר קומען צו הילף, מיך ראַטעווען..."

„ליפּאַ!" האָט זיך איליא אָנגערופען אין דער שטיל.

זי האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט און וואָרט ניט געענטפערט.

„ליפּאַ!" האָט זיך איליא איבער אַ נייעם אָבגערופען, און מיט אַ געפיהל, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מיט אמאָל אַראָבגעפאַלען אין אַ טיעפען אָבגרונד, האָט ער לאַנגזאַם, וואָרט ביי וואָרט, געזאָגט:

„דאָס האָב איך דעם אַלטען דערשטיקט... ביי גאָט!"

www.libtool.com.cn



זי איז געבליבען א פערציטערטע, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט איהם אָנגעקוקט מיט גרויסע, אָפענע אויגען. דערנאָך האָ־בען איהרע ליפּען אָנגעהויבען ציטערן און מיט א פערשטיקטען קול האָט זי קוים מיט צרות ארויסגעבראַכט פון מויל:

„נאַריש אינגעל!... זעה, ווי דערשראָקען ער איז!"

איליא האָט פערשטאַנען, אז זי אליין האָט זיך אויך דערשראָקען פאר זיינע ווערטער, נאָר זי האָט דאָך ניט געגלויבט, אז דאָס, וואָס ער זאָגט, איז אמת. ער האָט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאַנגען צו איהר, און מיט א שמייכעל האָט ער זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר. זי אָבער האָט איהם פּלוצלונג א כאַפּ געטהאָן פאר'ן קאָפּ, איהם צוגעדריקט צו איהר ברוסט, און בעדעקענדיג זיינע האָר מיט קושען, האָט זי מיט איהר קלינגענדיגער שטימע געזאָגט:

„איליושקא! איליושקא! פאַרוואָס דערגעהסט דו מיר אזוי די יאָהרען? איך בין דאָך געווען אזוי צופרידען וואָס זיי האָבען איהם דערוואָרגען דעם אַלטען זשוליק..."

„דאָס האָב איך געטהאָן," האָט ער געזאָגט, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

„טו שווייג זשע!" האָט זי זיך אָנגערופען אונרוהיג. „איך בין צופרידען וואָס ער איז מעהר ניטאָ. זיי האָבען אלע געמעגט האָבען אזא סוף! אלע, וועלכע האָבען מיך אָנגעריהרט!... נור דו אליין האָסט זיך מיט מיר בעגאַנגען ווי א מענש... אין מיין לעבען ביסט דו דער ערשטער, ווּעמען איך האָב בעגעגענט... דו אוצר מיינער!"

איהרע ווערטער האָבען איליא'ן וואָס ווייטער אלץ מעהר צו־געצויגען צו איהר. ער האָט זיך צוגעטוליעט מיט זיין געזיכט כמעט צו איהר ברוסט, און כאָטש ער האָט קוים געקענט אָבכאַפּען דעם אָטהעם, האָט ער פונדעסטוועגען פאָרט ניט געקענט זיך אָברייסען פון איהר, מחמת ער האָט געפיהלט, אז זי איז דאָס איינציגע וועזען, וואָס שטעהט אזוי נאָהענט צו איהם אלס מענש, און אז ער וועט איצט מעהר ווי שטענדיג זיך נויטיגען אין איהר פריינדשאַפט.

„אז דו שטעהסט פאר מיר אזוי פריש און געזונד ווי א יונגער אייכענבוים... און קוקסט מיך אָן מיט צאָרן... דעמאָלט דערפיהל איך

www.libtool.com.cn



די גאנצע נידעריגקייט פון מיין לעבען. און טאקי מחמת דעם האב איך דיך ליעב... צוליעב דעם שטאלץ דיינעם..."

איהרע שווערע טרעהרען זיינען אראבגעפאלען אויף לונעוו'ס געזיכט, און אז ער האט דערשפירט אויף זיך די ווארעמע טראפענס, האבען זיך איהם אליין גענומען גיסען בעפרייענדע טרעהרען איבער די באקען.

אבער זי האט אריינגענומען זיין קאפ אין די הענד, האט איהם געקושט אין די פייכטע אויגען, אויף די באקען און אויף די ליפען זיינע, און האט געזאגט:

„איך ווייס גאנץ גוט, אז דיך רייצט נור מיין שעהנקייט... אז דו ליעבסט מיך ניט מיט'ן גאנצען הארצען... און דו פעראורטהיילסט מיך... דו קענסט מיר בשום אופן ניט מוחל זיין... פאר מיין לעבען און פאר יענעם אלטען..."

„רעד ניט פון איהם," האט איליא געזאגט. ער האט זיך אבגעווישט דעם פנים מיט איהר פאטשיילע און האט זיך רוהיג אויפגעהויבען פון קאנאפע.

„זאל קומען, וואס עס וויל זיך," האט ער מיט א שטילער, פעסטער שטימע געזאגט. „אז גאט וויל שטראפען דעם מענשען, געפינט ער איהם אומעטום. פאר דיינע ווערטער דאנק איך דיר, ליפא... דאס וואס דו זאגסט, איז ריכטיג — איך בין זיך מודה, אז איך בין שולדיג אנטקעגען דיר. כ'האב געמיינט, דו ביסט... אזא, ווייטער גארנישט... און דו... נו, זאל זיין גענוג, פערצייה מיר, איך בעט דיך..."

ער איז געבליבען שטעקען אין מיטען און האט ניט געקענט ווייטער ריידען. זיינע ליפען האבען געציטערט און ס'איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען. לאנגזאם מיט א ציטערנדער האנד, האט ער געגלעט זיינע צופלאנטערטע האר און מיט א פערצווייפעלטען טאן האט ער זיך ווידער אמאל אנגערופען:

„איך בין שולדיג אין אלצדינג, פאר אלעמען... פארוואס מוז דאס אזוי זיין? אה טייפעל..."

אלימפיאדא האט איהם אנגענומען ביי דער האנד. ער האט זיך אראבגעלאזט לעבען איהר אויף דער קאנאפע, און ניט צוהערענדיג זיך צו איהר שעפטשען, האט ער געזאגט:

www.libtool.com.cn



„דו האָסט דאָך בעגריפען? איך האָב דאָס איהם דערוואָרגען. איך! גלויבסט דו מיר איצט, ווי?...“

„זיי דאָך שטיל!“ האָט זיך אָלימפּיאַדאַ אַנגערופען דערשראָקען, מיט אַ פערשטיקטער שטימע. „וואָס רעדסט דו פּאַרט?“

און זי האָט איהם ארומגענומען מיט איהרע אָרעמס, איהם צוגעדריקט פעסט צו זיך און איהם אריינגעקוקט מיט איהרע צושראָקענע אויגען גלייך אין געזיכט אריין.

„לאָז מיך, לאָז מיך נור אויסריידען! ס'איז... אומגעריכטערהייט איז עס געקומען... גאָט ווייס אַלצדינג... איך האָב עס ניט געוואָלט טהאָן. כ'האָב בלויז געוואָלט נאָך אַמאָל זעהן זיין עקעלהאַפטען פּנים... צוליעב דעם בין איך אריין אין קלייט. כ'האָב קיין בעשטימטעס ניט געהאַט אין זינען. און דאַן — איז עס געקומען אַזוי פּלוצלונג... דער טייוועל האָט מיך צוגעטריבען און גאָט האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען... דאָס געלד האָב איך ניט געדאַרפט נעהמען, ס'איז געווען נאַריש... אַך!“

ער האָט געגעבען אַ טיפען זיפץ, און עס האָט זיך איהם אָבגעדרוכט, אַזוי ווי אַ שטיק האַרץ וואָלט זיך ביי איהם אָבגעריסען. אָלימפּיאַדאַ איז געבליבען אַ פערציטערטע פון זיין ערצעהלונג. אַ שוידער איז איהר אריבער איבער'ן גאַנצען לייב. וואָס ווייטער האָט זי איהם אַלץ פעסטער צוגעדריקט צו זיך און האָט געשעפּטשעט און גערעדט צו איהם מיט אָבגעריסענע ווערטער, אָהן אַ שום צוזאַמענהאַנג. דערנאָך האָט זי מיט אַמאָל אַ זאָג געטהאָן:

„דאָס וואָס דו האָסט גענומען געלד, איז גוט... מען דענקט איצט, אַז ס'איז געווען אַ רויב־מאָרד... אַניט וואָלטען זיי זיך געטראַכט, אַז ס'איז געשעהן צוליעב אייפערזוכט... דאַן וואָלט פאַר אונז פיעל ערגער געווען!“

„קיין חרטה האָב איך ניט,“ האָט זיך איליאַ אָבגערופען. „כ'וויל גאָר קיין חרטה ניט האָבען! גאָט קען מיך שטראָפען!... מענשען — זיינען ניט קיין ריכטער... וואָס פאַר אַ ריכטער קענען זיי דען זיין? איך קען ניט קיין מענשען, וואָס זיינען אַליין ריין פון זינד... קיין איין איינציגען האָב איך ניט געזעהן! איך וועל וואַרטען.“

„אָה גאָט!“ האָט אָלימפּיאַדאַ געזאָגט מיט אַ קרעכץ. „וואָס איז דאָס? וואָס וועט ווערן דערפון? גאָלופּטשיק מיינער. כ'בין אַזוי ווי

www.libtool.com.cn



אהן א קאפ... כ׳קען ניט ריידען און ניט טראכטען... אבער לאמיר אוועקגעהן פון דאנען... ס׳איז שוין צייט.“

זי איז אויפגעשטאנען און האט זיך געשאקעלט אזוי ווי א פער־שכור׳טע. אז זי האט זיך ארומגעוויקעלט דעם קאפ מיט איהר פאַ־טשיילע, האט זי מיט אמאל גאנץ רוהיג א פרעג געטהאן:

„וואס וועט אלזא ווערען דערפון, איליושא? טאמער געהט אונז שלעכט?...“

איליא האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ אלס צייכען, אז עס וועט ניט געהן שלעכט.

„זאג אלזא ביים סליעדאוואטעל אלצדינג אזוי ווי ס׳איז גע־ווען... ס׳הייסט ניט אלצדינג, נאר...“

„אזוי וועל איך עס זאגען. דו דענקסט ווירקליך, אז איך וועל זיך ניט היטען, וואס? אט אפנים דו מיינסט, אז איך וועל צוליעב דעם אלטען שטיק צרה און צוליעב די צוויי טויזענד רובל געהן קיין סיביר? ניין, איך האב נאך עפעס אנדערעס צו טהאן אין לעבען!“

זיין געזיכט איז רויט געווארען פון אויפרעגונג און זיינע אויגען האבען געשאסען מיט פייער. אלימפיאדא איז צוגעגאנגען גאנץ נאהענט צו איהם און האט איהם שטילערהייט געפרעגט:

„האסט דו ווירקליך מעהר ניט גענומען ווי צוויי טויזענד!“

„צוויי טויזענד... און נאך עפעס אריבער... כאפט עס דער קאדיק!“

„ארעמער יונג, אויך אין דעם האסט דו קיין גליק ניט,“ האט זיך אלימפיאדא אבגערופען מיט א טרויעריגען טאן, און אין איהרע אויגען האבען א גלאנץ געטהאן א פאר טרעהרען.

איליא האט איהר אנגעקוקט, האט א שמייכעל געטהאן און מיט א ביטערן טאן געזאגט:

„אך... כ׳האב עס דען געטהאן צוליעב׳ן געלד? פערשטעה מיך דאך ווי עס דארף צו זיין! — ווארט אקארשט! לאז מיך ארויס אפריהער, די מענער געהען דא שטענדיג ארום די ערשטע...“

„קום נור וואס גיכער אריבער צו מיר... בעהאלטען דארפען מיך זיך ניט... קום אין גיכען, דו הערסט?“ האט אלימפיאדא איהם אנגע־זאגט.

זיי האבען זיך אבגעזעגענט מיט א לאנגען, הייסען קוש. אזוי

www.libtool.com.cn



גיך ווי לונעוו איז ארויס אין גאס, האט ער זיך אריינגעכאפט אין א דראשקע. אונטערוועגנס האט ער זיך אלץ אומגעקוקט צוריק, צי פאהרט איהם אימיצער ניט נאך. דאס געשפרעך מיט אלימפיאדא'ן האט איהם גרינג געמאכט דאס הארץ און האט ערוועקט אין איהם א ווארים, צערטליך געפיהל פאר דער דאזיגער פרוי. ניט מיט קיין ווארט, ניט מיט א בליק אפילו האט זי זיין הארץ פערוואונדעט, בשעת ער האט איהר אויסגעזאגט וואס ער האט געטהאן. ניט אבגע־שטויסען האט זי איהם פון זיך, נאר אדרבה, זי האט נאך גענומען א טהייל פון דער שולד אויף זיך. מיט א מינוט פריהער, בעת זי האט נאך גארנישט געוואוסט, איז זי געווען אזוי בייז אויף איהם, אז זי וואלט איהם געקענט צורייסען אויף שטיקער — ער האט עס אויף איהר פנים געזעהן. און דערנאך איז זי מיט אמאל געווארען אן אנדער מענש... א מילדער שמייכעל איז געלעגען אויף זיין געזיכט, ווען ער האט געדענקט פון איהר.

אויף מארגען האט זיך שוין לונעוו אנגעהויבען פיהלען אזוי ווי די ווילדע חיה, נאך ועלכער די יעגער יאגען זיך נאך. גאנץ פריה האט איהם פעטרוכא בעגעגענט אין שענק. אז איליא האט איהם אבגעגעבען א גוט מארגען, האט איהם יענער אפילו ניט רעכט גע־ענטפערט, א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ, ניט מעהר, און דערביי האט ער איהם דורכגענומען מיט זיינע אויגען. אויך טערענטי האט רק גע־קוקט אויף איהם, געהאלטען אין איין זיפצען און קיין ווארט ניט אויסגערעדט. יאקאוו האט איהם אראבגערופען צו מאשא'ן אין שטוב און מיט א דערשראקען געזיכט האט ער איהם דארט געפרעגט:

„נעכטען אבענד איז דער פריסטאוו געווען דא, ער האט זיך שטארק נאכגעפרעגט ביים טאטען אויף דיר... צוליעב וואס איז דאס געשעהן, הא?“

„וואס האט ער זיך אזוינס נאכגעפרעגט?“ האט זיך איליא אב־גערופען מיט א רוהיגען טאן.

„אלערליי זאכען... ווי אזוי דו לעבסט... צי דו טרינקסט בראנ־פען... מכח ווייבער... ער האט אויך אנגערופען א געוויסע אלימ־פיאדא — „איהר קענט זי ניט?“ האט ער דעם טאטען געפרעגט. נאך וואס האט ער דאס אלץ אויסגעפארשט?“

www.libtool.com.cn



„ווייס דער טייוועל פארוואס,“ האט איליא געענטפערט און האט יאקאוו'ן געלאזען אליין.

דעם זעלבען טאג, פארנאכט, האט ער ווידער ערהאלטען א נאכ־ריכט פון אלימפיאדא'ן. זי האט געשריבען:

„מען האט מיך פערהערט וועגען דיר, איך האב אלעס געגוי דער־צעהלט. ס'האט אבסאלוט קיין שום וויכטיגקייט גיט און איז ניט געפעהרליך. האב קיין מורא ניט. איך קוש דיך, געליעבטער.“

ער האט דעם צעטעל גלייך אריינגעווארפען אין פייער. אין פי־לימאנאוו'ס הויז און אין שענק האט מען פון קיין אנדער זאך ניט גע־רעדט, נאר פון פאליועקטאוו'ס שווארצען סוף. איליא האט אויסגע־הערט די אלע מעשיות און ער האט דערפון געהאט גרויס פערגניגען. ס'האט איהם שטארק הנאה געטהאן, וואס ער קען ארומגעהן צווישען די מענשען, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט זיין טהאט, אויספרעגען ביי זיי די אלע איינצעלהייטען, וואס זיי האבען אויסגעטראכט פון קאפ, און וויסען דערביי, אז ער וואלט זיי אלעמען געקענט שטארק איבערראשען, ווען ער רופט זיך א שטייגער אב צו זיי:

„דאס בין איך דאך דער, וואס האט עס געטהאן!...“

עטליכע פון זיי האבען געריהמט די געשיקטקייט פון דעם, וואס האט בעגאנגען די טהאט; אנדערע האבען געזאגט זייער מיינונג, אז ער האט ניט געקענט אוועקטראגען מיט זיך דאס גאנצע געלד, וואס האט זיך געפונען אין דער קאסע; אנדערע ווידער האבען מורא גע־האט, מען זאל איהם סוף כל סוף פארט ניט כאפען. און קיין איינציגע שטימע האט זיך ניט געפונען, וואס זאל בעדויערן דעם דער'הרג'ע־טען, קיינער, קיינער האט פאר איהם קיין שום פריינדליךווארט ניט געהאט.

דאס וואס איליא האט ביי די מענשען ניט געפונען קיין שום רחמנות פאר'ן ערמארדעטען, האט ארויסגערופען אין איהם א גע־פיהל פון פעראכטונג צו זיי, כאטש ער אליין האט דעם דער'הרג'ע־טען אויך ניט אנגעהויבען צו בעדויערן. ער האט איבערהויפט מעהר ניט געטראכט וועגען פאליועקטאוו'ן, נאר וועגען דעם, אז ער האט אויף זיך גענומען א שווערע שולד, און אז ער דארף זיך ריכטען צו בעקומען זיין פסק אין דער צוקונפט. אט דער דאזיגער געדאנק האט

www.libtool.com.cn



איהם שוין גאָר ניט געשראָקען: ער האָט זיך דערמיט איינגעוואוינט. ס'איז געוואָרען א טהייל פון זיין נשמה. עס איז געווען פונקט ווי א בייל, וואָס בלייבט איבער פון א שטאַרקען קלאַפּ — ס'טהוט ניט וועה, אז מען ריהרט עס ניט אָן. איליא איז געווען טיעף איבערצייגט, אז די שטונדע מוז קומען, ווען גאָט'ס שטראָף וועט איהם טרעפען — די שטראָף פון גאָט, וועלכער ווייסט אַלצדינג און איז ניט מוחל דעם, וואָס טרעט אריבער זיין געבאָט. אָט די רוהיגע, שטענדיגע בערייט־ווילליגקייט, ערוואַרטענדיג די שטראָף יעדען טאָג און יעדע מינוט, האָט געווירקט אויף איליא'ן, ער זאָל זיך איצט פיהלען כמעט אזוי בערוהיגט ווי פאַרן' מאָרד. נאָר האָט ער איצט נאָך שאַרפער בע־טראַכט די מענשען, מיט מעהר חשק נאָכגעשפּירט נאָך זייערע שוואַ־כע זייטען, זייערע חסרונות. דאָס האָט איהם פערשאַפט א געוויסע צופרידענשטעלונג, כאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אז ער קען דערמיט ניט רעכטפערטיגען זיין טהאַט.

ער איז געוואָרען פינסטערער, איינגעהאַלטענער אין זיך. דאָך איז ער ארומגעגאַנגען אזוי ווי פריהער פון אין דער פריה ביז ביי־נאַכט איבער דער שטאָדט מיט זיין פּעקעל סחורה. ער האָט בעזוכט די שענקען, האָט בעטראַכט די מענשען און זיך אויפמערקזאַם צוגע־הערט צו דעם, וואָס זיי ריידען. איינמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם געלד, וואָס ער האָט בעהאַלטען אויבען אויפ'ן בוידים, און ער האָט געטראַכט דערפון, עס צו פערשטעקען ערגעץ אַנדערש, נאָר ער האָט גלייך חרטה געהאַט.

„ניט נייטיג," האָט ער געזאָגט צו זיך אליין. „זאָל עס דאָרט ליגען... וועט מען זוכען און עס געפינען דאָרט — דאַן וועל איך זיך מודה זיין..."

מען האָט אָבער דאָס געלד ניט געזוכט, און אויך צום סליעדאָ־וואַטעל איז איליא ערשט אויפ'ן זעקסטען טאָג איינגעלאַדען געוואָ־רען. איידער ער איז געגאַנגען אין געריכטס־הויז, האָט ער געביטען זיינע וועש, האָט זיך אָנגעטהאָן דעם בעסטען רעקעל וואָס ער האָט גע־האָט, און אָבגעפּוצט די שטיוועל. דערנאָך איז ער אין א שליטען אוועקגעפאָהרען אהין. דער שליטען איז ארומגעפלויגען אהין און אהער איבער די אונגלייכע גאַסען, אבער איליא האָט זיך געסטאַרעט

www.libtool.com.cn



צו זיצען גלייך און ניט ריהרען זיך פון אָרט. אינעווייניג ביי איהם איז אַלעס געווען אַזוי שטייף, אַזוי געשפּאַנט, אַז ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל מיט אַן אונפאָרזיכטיגען ריהר ניט צוברעכען עפּעס אין איהם. אויך אויף די טרעפּ פון געריכטס־הויז איז ער אַרויף לאַנג־זאַם און פאָרזיכטיג, פּונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען אָנגעטהאָן אין גלעזערנע קליידער.

דער סליעדאָוואַטעל איז געווען אַ יונגער מאַן מיט געקרייזעלטע האָר און מיט אַ אָדלערשע נאָז, אויף וועלכער ער האָט געטראָגען גילדערנע ברילען. אַז ער האָט דערזעהן איליאַ'ן, האָט ער גענומען שטאַרק רייבען די מאָגערע ווייסע הענד זיינע, דערנאָך האָט ער אַראָבגענומען די ברילען, האָט זיי אויסגעווישט מיט זיין טאַשען־טיכעל און דערביי געקוקט אויף איליאַ'ן מיט זיינע גרויסע, דונקעלע אויגען. איליא האָט זיך פערנייגט פאַר איהם, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט.

„גוטען טאָג! זעצט זיך... דאָרט!...“

ער האָט אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל, וואָס איז געשטאַנען לעבען אַ טיש, בעצויגען מיט אַ רויטען טוך. איליא האָט זיך אַנידערגעזעצט און מיט'ן עלענבויגען האָט ער פאָרזיכטיג אוועקגעשטופּט אַ פּעקעל פּאַפּירען, וואָס זיינען געלעגען ביים ראַנד פון טיש. דער סליעדאָוואַטעל האָט עס בעמערקט, האָט העפליך צוגענומען די פּאַפּירען און דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגע־זעצט ביים טיש, אַנטקעגען איליאַ'ן. שטיל, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט, האָט ער גענומען בלעטערן אין אַ בוך און בשעת מעשה האָט ער בעטראַכט איליאַ'ן פון דער זייט. דאָס דאָזיגע שווייגען איז איליאַ'ן גאָרניט געפעלען. ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון סליעדאָוואַטעל און זיך אומגעקוקט אין צימער. צום ערשטען מאָל האָט ער געזעהן אַזאַ זויבע־רע און פיין־געפּוצטע שטוב. איבעראַל אויף די ווענד זיינען געהאַנגען בילדער און פּאָרטרעטען, איינגעפּאַסט אין ראַמען. איינס פון זיי האָט פאָרגעשטעלט קריסטוס'ן. פערזונקען אין אַ ים פון מחשבות, מיט אַן איינגעבויגענעם קאָפּ, געהט ער אַרום טרויעריג און איינזאַם צווישען חורבות. פאַר זיינע פיס ליגען מתים און געוועהר. און אין הינטער־גרונד, אין שאָטען פון בילד געהט אַ שוואַרצער רויך — ברענט עפּעס. אַ היבשע ווייל האָט איליאַ געקוקט אויפ'ן בילד און געזוכט צו בע־

www.libtool.com.cn



גרייפעז, וואָס עס שטעלט אזוינס פאָר. ער האָט זאָגאר חשק געהאט זיך נאָכצופרעגען וואָס עס בעטייט. מיט אמאָל האָט דער סליעדאָוואטעל צוגעקלאפּט דאָס בוך. איליא האָט זיך דערשראָקען און האָט איהם אָנגעקוקט. דעם סליעדאָוואטעל׳ם געזיכט האָט געהאט א טרוקענעם, געלאנגוויילטען אויסדרוק און די ליפּען זיינע זיינען איהם אראָבגעהאנגען אויף א מאָדנעם, קאָמישען אופן, עפּעס אזוי ווי אימיצער וואָלט איהם בעליידיגט.

„נו“, האָט ער זיך אָבגערופען און צוגעקלאפּט מיט׳ן פינגער אָן טיש — „איהר זייט איליא יאקאָוולעוויטש לונעוו, ניט וואהר?“

„יא...“

„איהר טרעפט נאָך וואָס איך האָב אייך גערופען אהער?“

„ניין,“ האָט איליא געענטפערט און ווידער געכאפּט א קוק אויפ׳ן בילד. דערנאָך האָט ער גענומען בעטראכטען די ריינע, סאָלידע איינריכטונג פון צימער און האָט איינגעזויגען דעם ריח פון׳ם פיינעם פארפיום, וואָס דער סליעדאָוואטעל האָט אָבגעגעבען פון זיך. דאָס האָט איהם צושטרייט און בערוהיגט און אין זיין הארץ האָט זיך דערוועקט א געפיהל פון קנאה.

„אָט אזוי, הייסט עס, לעבען די גרויסארטיגע לייט...“ איז איהם דורך א געדאנק אין מוח. „ס׳מוז זיי גאָר היבשלאָך איינטראָגען, אָט די בעשעפטיגונג, צו כאפּען רויבער און מערדער... וואָס פאר א געהאלט קען ער א שטייגער האָבען?...“

„איהר טרעפט עס אלזאָ ניט?“ האָט דער סליעדאָוואטעל ווידערהאָלט מיט א מיענע פון ערשטוינונג. „וואָס זשע, אָלימפּיאדא האָט אייך גאָרניט געזאָגט?“

„ניין... כ׳האָב זי שוין לאנג ניט געזעהן...“

דער סליעדאָוואטעל האָט זיך א וואָרף געטהאָן מיט׳ן רוקען אָן דער פאָרענטשע פון שטוהל און די ליפּען זיינען איהם פון דאָס ניי געבליבען הייגגען ווי פריהער.

„ווי לאנג אשטייגער?...“ האָט ער געפרעגט.

„כ׳ווייס ניט... פיליכט אכט, ניין טעג...“

„אהאָ! אזוי, אזוי!... און זאָגט אקאָרשט — האָט איהר אָפט געטראָפען ביי איהר דעם אלטען פּאָליועקטאָוו?“

www.libtool.com.cn



„דעם, וואס איז דא ניט לאנג ערמארדעט געווארען?“ האט איליא געפרעגט, ארייננקוקענדיג בשעת מעשה דעם סליעדראוואטעל אין די אויגען אריין.

„גאנץ ריכטיג, טאקי דעם מיין איך...“

„דעם האב איך דארט קיינמאל ניט געטראפען...“

„קיינמאל ניט? המ...“

„קיינמאל ניט!“

דער סליעדראוואטעל האט געשטעלט זיינע פראגען אויף גיך, מיט א געוויסער נאכלעסיגקייט, און האט געפויקט מיט די פינגער אויפ'ן טיש יעדעס מאל, ווען איליא האט געמאכט שהיות און זיך אבגעהאלטען צו לאנג מיט זיין ענטפער.

„איהר האט געוואוסט, אז אלימפיאדא פעטראוונא איז אויסגעהאלטען געווארען פון פאליועקטאוו'ן?“ האט ער פלוצלונג א פרעג געטהאן, ווארפענדיג בעת מעשה דורך זיינע ברילען א שארפען בליק אויף איליא'ן.

לונעוו איז רויט געווארען פון דיזען בליק, וועלכער איז געווען א מין בעליידיגונג פאר איהם.

„נו יא, זי איז אויסגעהאלטען געווארען פון איהם,“ האט דער סליעדראוואטעל ווידערהאלט אין א גערייצטען טאן. „נאך מיין מיינונג נאך איז דאס גאר ניט שעהן,“ האט ער צוגעלייגט, זעהענדיג, אז איליא האט ניט געמאכט קיין שום מיענע, איהם צו ענטפערן.

„וואס איז דא פאראן שעהן צו זיין!“ האט זיך איליא ענדליך אבגערופען אין דער שטיל.

„ניט אמת?...“

אבער איליא האט איהם ווידער אמאל געלאזען אהן אן ענטפער.

„און א י ה ר... זייט איהר שוין לאנג מיט איהר בעקאנט?“

„איבער א יאהר...“

„איהר זייט אלזא געווען בעפריינדעט מיט איהר, נאך איידער זי איז בעקאנט געווארען מיט פאליועקטאוו'ן?“

„אוי ביסט דו מיר א כיטרער פוקס!“ האט זיך איליא געטראכט און דערנאך האט ער רוהיג געזאגט: „ווי אזוי קען איך דאס אייך זאגען, אז איך האב דאך גארניט געוואוסט, אז זי... האט גע־

www.libtool.com.cn



לעבט צוזאמען מיט דעם פערשטאָרבענעם?"

דער סליעדאָוואטעל האָט א פייף געטהאָן און גענומען בלעטערן אין א פעקעל אקטען. לונעוו האָט ווידער בעטראכט דאָס בילד; ער האָט געפיהלט ווי ער ווערט עפּעס רוהיגער, אזוי גיך ווי ער הויבט זיך נור אָן אינטערעסירען דעריין. פון ערגעץ האָט זיך געלאָזט הערען א פרעהליכער, מונטערער געלעכטער פון א קינד. דערנאָך האָט א לוסטיגע, זאנפטע פרויען־שטימע צערטליך געזונגען:

„פויגעלע מיינס... קינדעלע מיינס... הארצעלע מיינס... אוצר'ל מיינס!..."

„אָט אפּנים איהר זייט שטארק פעראינטערעסירט אין דעם בילד דאָ?" האָט זיך געלאָזט הערען דעם סליעדאָוואטעל'ס קול.

„וואוהין געהט ער דען אייגענטליך, קריסטוס?" האָט איליא שטילערהייט געפרעגט.

דער סליעדאָוואטעל האָט איהם אריינגעקוקט גלייך אין געזיכט אריין מיט א געלאנגווײלטען, ענטוישטען אויסדרוק, און אין א ווייַלע ארום האָט ער געזאָגט:

„איהר זעהט דאָך — ער איז אראָבגעקומען אויף דער ערד, כדי זיך צו איבערצייגען, ווי אזוי די מענשען היטען אָב זיינע געבאָטען. ער געהט פערביי א שלאכטפעלד, ארום און זעהט ער דערהרג'עטע מענשען, צושטערטע הייזער, שרפות, פלינדערונגען..."

„ער קען עס דען ניט זעהן פון הימעל, וואָס?" האָט איליא געפרעגט.

„הם.. מען רופט אזא מין זאך אן אלעגאָריע... כדי עס זאָל זיך קלעהרער ארויסזעהן, ווערט עס אזוי פאָרגעשטעלט... עה, עה... כדי צו צייגען, ווי וועניג דאָס ווירקליכע לעבען שטימט איין מיט קריסטוס'עם לעהרען... דאָס הייסט... נא, איך מוז אייך שטעלען נאָך א פּאָר פראגען..."

איליא האָט זיך אָבגעקעהרט פון בילד און האָט אריינגעקוקט דעם סליעדאָוואטעל גלייך אין פנים אריין. ס'האָט זיך פון דאָס ניי אנגעהויבען א גאנצע סדרה פון קליינע, נימ־וויכטיגע פראגען, וועלכע זיינען איליא'ן געפאלען צו לאסט און האָבען איהם פערמוטשעט ווי איסען־פליגען. ער איז פערמאטערט געוואָרען פון זיי און האָט

www.libtool.com.cn



געפיהלט, ווי ז ייפערשלעפערן אין איהם זיין אויפמערקזאמקייט און זיין פארזיכטיגקייט. ער איז בייז געווארען אויפ'ן סליעדאוואטעל, וועלכער האט בכיוון געשטעלט דיזע פראגען, כדי איהם מיעד צו מאכען.

„איהר קענט מיר אפשר זאגען,“ האט זיך דער ריכטער מיט אמאל אנגערופען — „וואו איהר זייט ערגעץ געווען דאנערסטאג צווישען צוויי און דריי אזייגער נאכמיטאג?“

„אין שענק.. כ'האב געטרונקען טהעע..“ האט איליא גענטפערט.

„אה! אין וואס פאר א שענק? וואו?“

„אין דער פלעוונא...“

„ווי קומט עס, וואס איהר ווייסט עפעס אזוי גענוי... אז איהר זייט גראד אין יענער צייט געווען אין שענק?“

דעם סליעדאוואטעל'ס געזיכט האט אנגענומען אן ערנסטען אויסדרוק. ער האט זיך אנגעשפארט מיט דער ברוסט אן טיש און האט מיט זיינע פלאמענדע בליקען אריינגעקוקט לונעוו'ן גלייך אין די אויגען אריין. איליא האט גלייך ניט געענטפערט. ער האט געשוויגען א פאר סעקונדען, דערנאך האט ער א זיפץ געטהאן און געזאגט לאנגזאם, ניט איילענדיג זיך:

„איידער איך בין אריין אין שענק האב איך ביי א פאליציי־מאן געפרעגט ווי שפעט עס איז.“

דער סליעדאוואטעל האט זיך ווידער אמאל אנגעשפארט מיט'ן רוקען אן דער פארענטשע פון שטוהל, האט גענומען א בלייפעדער און אנגעהויבען דערמיט צו קלאפען איבער די נעגעל פון זיינע פינגער.

„דער פאליציסט האט מיר געזאגט, אז עס איז באלד צוויי, ארום צוואנציג מינוט פאר צוויי, אדער אזוי וואס...“ האט איליא געזאגט לאנגזאם.

„ער קען אייך?“

„יא...“

„איהר האט ניט קיין זייגער ביי זיך?“

„ניין...“

www.libtool.com.cn



„האָט איהר איהם שוין אויך פריהער ווען עס איז געפּרעגט ווי שפּעט עס איז?“

„ס'איז פאַרגעקומען...“

„דאָס שטאָדט־הויז איז דאָך ניט ווייט... אויפ'ן שטאָדט־הויז איז פאַרהאַן א זייגער...“

„מען פערגעסט א קוק צו טהאָן... און א חוץ דעם האָט עס דאָן געשנעעט...“

„זייט איהר לאַנג געזעסען אין דער „פּלעווגא?“

„ביז וואַנען ס'איז געקומען די ידיעה וועגען דעם מאָרד...“

„און וואו זייט איהר דאָן געגאַנגען?“

„איך בין געגאַנגען אָנקוקען דעם ערמאָרדעטען.“

„האָט אייך אימיצער געזעהן... דאָרט''' ביים קלייט?“

„יענער פּאָליציי־מאַן האָט מיך געזעהן... ער האָט מיך זאָגאַר דורכגעטריבען... געשטורכעט האָט ער מיך...“

„זעהר גוט... זעהר וויכטיג פאַר אייך,“ האָט דער סליעדאָוואַטעל געזאָגט, און מיניה וביה, זיך גאָר ניט אומקוקענדיג צו איליא'ן אפילו, גיט ער א פרעג:

„ווען האָט איהר געפרעגט ביים פּאָליציסט וויפיעל דער זייגער איז, פאַר'ן מאָרד אָדער נאָך'ן מאָרד?“

איליא האָט גוט בעגריפען דעם סליעדאָוואַטעל'ס כונה. ער האָט זיך א דרעה געטהאָן אויף זיין שטוהל, אויסער זיך פאַר כעס אויף דיזען מענשען מיט דעם ווייסען העמד, מיט די פיינע, לאַנגע פינגער, די אויסגערייניגטע נעגעל און די גאָלדענע ברילען פאַר די שטעכעדיגע, דונקעלע אויגען. אָנשטאָט אן ענטפער האָט ער גע־שטעלט די פראַגע:

„ווי אזוי קען איך עס דען וויסען?“

דער סליעדאָוואַטעל האָט געגעבען א טרוקענעם הוסט און האָט זיך גענומען רייבען די הענד אזוי שטאַרק, אז די פינגער האָבען געקנאַקט.

„אויסגעצייכענט!“ האָט ער געזאָגט מיט אן אונצופרידענעם טאָן. „גרויס—אַרטיג!... יא!...“

און ער האָט זיך א רוק געטהאָן אויפ'ן שטוהל, אזוי ווי ער

www.libtool.com.cn



וואלט שוין געווען פערמאטערט ויצענדיג.

„זעהר גוט... נאך א פּאר פראגען, און איך לאז אייך אב... ווייסט איהר פילייכט... דעם פּאליציסט'ס נאמען?"

„יערעמיין, מאטוויי איוואנאוויטש..."

איצט האט שוין דער ריכטער זיינע פראגען געשטעלט מיט א גלייכגילטיגען, געלאנגווייליטען טאן — אפנים ער האט שוין ניט ערוואַרטעט צו הערען עפּעס אינטערעסאנטעס. איליא האט איהם אויף אלצדינג געענטפערט און איז נאך אלץ געווען גרייט צו דערהערען פּלוצלונג עפּעס א נייע פראגע אזוי ווי יענע מכח דער צייט פון'ם מארד. יעדעס וואָרט, וואס ער האט ארויסגערעדט, האט אבגעקלונגען אין זיין ברוסט אזוי ווי אין א ליידיגען פּלאַץ, עפּעס אזוי ווי עס וואלט זיך דאָרט אנגעריהרט אן א שטארק אנגעצויגענער סטרונע. אבער דער סליעדאוואטעל האט איהם שוין מעהר ניט געשטעלט אזעלכע ביטרע פראגען.

„בשעת איהר זייט יענעם טאג פערבייגעגאנגען דאָרט אויף דער גאס—האט איהר ניט בעגעגענט א הויכען מענשען אין א קורצען פּעלץ און א שווארץ היטעל פון שאפּען־פעל? איהר געדיינקט ניט?"

„ניין..." האט לונעוו געענטפערט קורץ און שארף.

„נו, הערט אקאָרשט צו: איך וועל אייך איבערלייענען אייערע ווערטער, און איהר וועט זיך דערנאך אונטערשרייבען..."

ער האט געהאלטען א בעשריבענעם בויגען פּאַפּיר פאר זיין געזיכט און האט אנגעהויבען אויף גיך און מאנאטאן צו לייענען. אז ער איז פארטיג געוואָרען דערמיט, האט ער לונעוו'ן דערלאנגט א פעדער אין דער האנד. איליא האט זיך אנגעבויגען איבער'ן טיש, האט אונטערגעשריבען זיין נאמען. דערנאך האט ער זיך לאנגזאם אויפגעהויבען פון זיין שטוהל, און א קוק טהוענדיג אויפ'ן סליעדאוואטעל, האט ער מיט א הויכער, זיכערער שטימע געזאגט:

„זייט געזונד!..."

יענער האט איהם אבגעענטפערט מיט א קורצען שאקעל מיט'ן קאפּ, פון יוצא וועגען. דערנאך האט ער זיך אנגעבויגען איבער זיין שרייב טיש און געשריבען. איליא איז געבליבען שטעהן פערטראכט— ס'האט זיך איהם זעהר געוואלט נאך עפּעס ריידען מיט דעם דאזיגען

www.libtool.com.cn



מענשען, וועלכער האָט איהם אזוי אָבגעמוטשעט. אין דער שטילקייט פון צימער האָט מען געהערט דאָס קראַצען פון דער פעדער, און באלד האָט זיך ווידער אמאָל געלאָזט הערען די זינגענדע פרויען־שטימע:

„טאַנצט לוסטיג, טאַנצט לוסטיג, מיינע קליינע פופקעלעך...“

„וואָס ווילט איהר נאָך?“ האָט פּלוצלונג א פרעג געטהאָן דער סליעדאָוואטעל, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ צו איליא'ן.

„גאָרנישט...“ האָט לונעוו געענטפערט מיט א כיטרען טאָן.

„כ'האָב דאָך אייך געזאָגט: איהר קענט געהן...“

„כ'געה שוין...“

„נאַ, אלזאָ...“

זיי האָבען זיך אָנגעקוקט איינע די אנדערע, און לונעוו האָט גע־פיהלט, אז אין זיין ברוסט האָט עפּעס גענומען וואַקסען — עטוואָס שווערעס, מורא'דיגעס. אויף גיך האָט ער זיך אויסגעדרעהט און איז ארויס אין גאס. א קאַלטער ווינד האָט איהם א בלאָז געטהאָן אין פּנים אריין, און ער האָט ערשט איצט בעמערקט, אז דער גאַנצער קערפּער זיינער איז דורכגענומען אין גאַנצען פון שוויים. אין א האלבע שעה ארום איז ער געזעסען ביי אָלימפּיאדא'ן. זי האָט איהם אליין געעפענט די טהיר, נאָכדעם ווי זי האָט דורכ'ן פענסטער איהם געזעהן אָנקומענדיג. מיט מוטערליכער פרייד האָט זי איהם אויפ־גענומען. איהר געזיכט איז געווען בלייך, און זי האָט איהם אָנגעקוקט אונרוהיג, מיט גרויסע, אָפענע אויגען.

„מיין קלוגער יונג!“ האָט זי א געשריי געטהאָן, בשעת איליא האָט איהר געזאָגט, אז ער קומט נור וואָס פון סליעדאָוואטעל. „נאַ, טו דערצעהל זשע — ווי אזוי איז דאָס פאָרט צוגעגאַנגען דאָרט?“

„דער זשוליק!“ האָט זיך איליא צובייזערט מיט צאָרן. „ער האָט מיר געוואָלט כאפּען אין פּאסטקע...“

„וואָס דען, ווילסט דו, זאָל ער טהאָן?“ האָט אָלימפּיאדא בע־מערקט מיט שכל. „לאָז איהם... דאָס איז דאָך זיין פערדאמטע פפליכט...“

„פאַרוואָס זאָגט ער בעסער ניט ארויס גאַנץ אָפען? „אזוי און אזוי... דאָס און דאָס דענקט מען וועגען אייך...“

www.libtool.com.cn



„דו האסט איהם אפנים אלץ ארויסגעזאגט אפען, אהן קונצען, הא?“ האט אלימפיאדא געפרעגט מיט א שמייכעל.

„איך?“ האט לונעוו זיך אבגערופען ערשטוינט. „אך יא... ווירקליך... אך, כאפט איהם דער טייוועל!...“

ער האט אויסגעזעהן אזוי ווי צודולט, און אין א ווײלע ארום האט ער געזאגט:

„און אזוי ווי איך בין געזעסען פאר איהם, האב איך מיר גע־טראכט: ביי גאט... איך בין גערעכט!“

„נו גאט צו דאנקען... ס'איז גוט אבגעלאפען!“ האט זיך אלימ־פיאדא אבגערופען מיט שמחה.

איליא האט זיך אנגעקוקט מיט א שמייכעל און האט לאנגזאם געזאגט:

„כ'האב גאר ניט געדארפט פיעל ליגען זאגען... כ'האב ווירקליך גליק, ליפא!...“

און ער האט מאדנע געלאכט ביי דיזע ווערטער.

„און מיר לאזען די שפיאנען ניט ארוים פון אויג,“ האט אלימ־פידא געזאגט מיט א פערשטיקטער שטימע, און דיר יעדענפאלס אויך ניט...“

„פערשטעהט זיך!“ האט זיך לונעוו אנגערופען, פול מיט שפאט און גרימצארן. זיי קריכען ארום און ווילען מיר פערצאמען דעם וועג, אזוי ווי דער יעגער דעם וואלף אין וואלד. אבער ס'וועט זיי ניט גע־לינגען... זיי זיינען ניט די לייט דערצו! און איך בין ניט קיין וואלף, נאר איינפאך אן אונגליקליכער מענש... איך האב קיינעם ניט געוואלט דערווערגען, מיך אליין ווארגט דאס שיקזאל... אזוי ווי פאשקא זאגט אין זיינע פערזען... אויך פאשקא'ן ווארגט עס, און יאקאוו'ן... אונז אלעמען!“

„האב קיין מורא ניט, אילױשא,“ האט געזאגט אלימפיאדא. וועלכע האט גראד אנגעגאסען וואסער אין סאמאוואר — „אלעם וועט נאך גוט ווערן...“

לונעוו האט זיך אויפגעהויבען פון דער קאנאפע, איז צוגעגאנ־גען צום פענסטער און ארויסקוקענדיג אויף דער גאס, האט ער מיט א פערשטיקטער, פערצווייפעלטער שטימע געזאגט:

www.libtool.com.cn



„מיין גאַנץ לעבען לאַנג האָב איך געראַיעט מיט דער נאָז אין שמוץ... כ'האָב זיך כסדר אָנגעשטויסען דערמיט, וואָס איך האָב ניט ליעב געהאַט, וואָס איך האָב געהאַסט. כ'האָב קיינמאָל ניט געפונען קיין איין מענשען, וועמען איך זאָל קענען מיט אַ פרעהליכען בליק אַריינקוקען אין די אויגען... צו איז טאַקע אין דער אמת'ן גאָר ניטאָ קיין ריינעס, קיין ערדעלעם אין לעבען? נו, אצונד האָב איך דער־וואַרגען... דעם דאָ... ריינעם... פאַר וואָס? נור בעשמוצט האָב איך מיך דערמיט, און מיין זעעלע האָב איך פעררדאַרבען... געלד האָב איך גענומען... כ'האָב עס ניט געדאַרפט טהאָן..."

„קלאָג ניט אזוי!" האָט איהם אָלימפּיאַדאַ געזוכט צו טרייסטען.

„ער פערדיענט קיין שום מיטלייד ניט..."

„איך האָב נאָך קיין מיטלייד ניט אויף איהם... נאָר מיך אליין וויל איך פערענטפערן, מיך רעכטפערטיגען. יעדער איינער זוכט זיך צו רעכטפערטיגען — מחמת ער מוז דאָך לעבען!... דער סליעדאָוואַ־טעל — נו יאָ, דער לעבט אזוי ווי דאָס שטיקעל צוקער אין שאַכטעל... ער וועט קיינעם ניט דערווערגען! ער קען בלייבען בראַוו און געזעצ־ליך... אין זיין זויבערן נעסט..."

„אָבער גענוג דיר נעהמען זיך דאָס לעבען, מיר וועלעןביידע אַרויספאָהרען פון דער דאָזיגער שטאָדט..."

„ניין, איך פאָהר אין ערגעץ ניט!" האָט זיך לונעוו אָנגערופען מיט טראָץ, זיך אומקעהרענדיג צו אָלימפּיאַדאַ'ן. און אזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אימיצען סטראַשען, האָט ער גלייך צוגעלייגט די ווערטער:

„ניין, נור געדולד! איך וויל וואַרטען, כ'וויל זעהן, וואָס וועט ווייטער געשעהן..."

אָלימפּיאַדאַ האָט זיך אַ ווייַלע פערטראַכט. זי איז געזעסען בּיים טיש, פאַר'ן סאַמאָוואַר, רייצענד און שעהן, אין אַ ווייסען, ברייטען מאַנטעל.

„איך וויל נאָך קעמפּפען!" האָט זיך איליאַ פון דאָס ניי אָבגע־רופען, צושאָקלענדיג דערביי מיט'ן קאָפּ און אַרומגעהענדיג איבער'ן צימער אַהין און צוריק.

„אַה, אזוי נאָר!" האָט די פרוי אויסגערופען מיט אַ געקרענקטען

www.libtool.com.cn



טאָן — „דו ווילסט ניט געהן מיט מיר, ווייל דו האָסט מורא פאַר מיר? דו מיינסט אודאי, אז איך וועל דיך איצט כסדר האַלטען אין מיינע הענד, דענקסט, אז איך וועל זיך בענוצען דערמיט... וואָס איך וויים דיין סוד? דאָ האָסט דו א טעות, מיין ליעבינקער, יאָ! מיט גע־וואַלט וועל איך דיך ניט מיטשלעפּען מיט מיר..."

זי האָט גערעדט מיט א רוהיגען טאָן, אבער איהרע ליפּען האָ־בען געצוקט, פּונקט ווי זיי וואָלטען איהר שטאַרק וועה געטהאָן.

„וואָס רעדסט דו דאָ?" האָט לונעוו געפּרעגט גאַנץ פערוואונ־דערט.

„צווינגען וועל איך דיך צו קיין זאַך נישט... האָב קיין מורא ניט! געה דיר, וואוהין דו ווילסט — קענסט געהן..."

„וואָרט אקאַרשט!" האָט איליא געזאָגט, זיך אנידערזעצענדיג לעבען איהר און זי אָנגעהמענדיג פאַר דער האַנד. „איך הויב ניט אָן צו פערשטעהן, וואָס דו זאָגסט..."

„מאַך זיך נור ניט אזוי תמ'עוואַטע!" האָט אָלימפּיאַדאַ אויסגע־שריגען מיט א שמערצליכען טאָן, ארויסרייסענדיג בשעת מעשה איהר האַנד פון איהם. „איך וויים — דו ביסט שטאָלץ... און בייז ביסט דו! דעם אַלטען קענסט דו מיר ניט מוחל זיין, און מיין לעבען איז דיר דערווידער... דו דענקסט איצט, אז אַלצדינג איז נור געשעהן פון מיינעטוועגען..."

„דו רעדסט נאַרישקייטען," האָט איליא געזאָגט מיט א געזעצ־טען טאָן. „ניט אויף א האָר אפילו האָב איך דיך בעשולדיגט. איך וויים, אז פאַר אונז זיינען ניטאָ קיין ווייבער, וואָס זיינען זויבער און פיין און דערביי ריין, אהן זינד... אזעלכע ווייבער זיינען טהייער... אָט די זיינען נור פאַר די רייכע לייט, און אונזער־איינער מוז זיך שוין בענוגענען מיט דעם אָבגענאָגטען און אויסגעזויגענעם... מיט דעם בעשפּיגענעם און אויסגענוצטען..."

„טו טשעפּע זיך אָב פון מיר, די בעשפּיגענע, די אויסגענוצטע!" האָט אָלימפּיאַדאַ אויסגעשריגען, אויפשפּרינגענדיג פון איהר שטוהל. „טראָג זיך אָב פון דאַנען!"

אבער פּלוצלונג האָבען זיך איהר געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, און זי האָט איליא'ן בעשאָטען מיט א ים פון פלאַמענדע ווער־

www.libtool.com.cn



טער, וואָס האָבן געברענט ווי הייסע קוילן:

„איך אליין בין מיט מיין אייגענעם ווילן אריינגעקראָכן אין דעם דאָזיגן גרוב... ווייל מען קען דאָ קריגן אַ סך געלד... מיט׳ן געלד ווידער האָב איך געוואָלט אזוי ווי אויף אַ לייטער צוריק ארויפקלעטערן... כ׳האָב אָבגעמאכט ביי זיך, אָנצופאַנגען אַן אנשטענדיג לעבן... און דו האָסט מיר דערצו פערהאָלפן, איך זיים עס!... און איך האָב דיך ליעב, און כ׳וועל דיך ליעב האָבן, ווען דו וועסט אפילו דערווערגען צעהן מענשען... ניט די טוגענד, די גוטע מדות דיינע, האָב איך ליעב, נאָר דעם שטאָלץ דיינעם... און דיין יוגענד, דיין קאָפּ מיט האָר, דיין שטארקען אָרעם, דיינע פינסטערע אויגען, אויך דיינע בייזע ווערטער, די פאָרווירפע דיינע, וועלכע שטעכען מיר ווי שפּיזען אין הארץ... פאר דעם אלעמען וועל איך דיר דאנקבאר זיין ביז מיין טויט. די פיס וועל איך דיר קושען—יאָ!“

זי האָט זיך אנידערגעוואָרפען צו זיינע פיס און גענומען קושען זיינע קניע, זאָגענדיג ווייטער:

„גאָט איז מיין עדות, אז איך האָב געזינדיגט, כדי צו קענען דערנאָך ראטעווען מיין נשמה. עס מוז דאָך איהם אַ סך ליעבער זיין, ווען איך וועל ניט פערברייננגען מיין לעבען לאַנג אין שמוץ, נאָר דורך איהם, דורך דעם שמוץ טאַקי, זיך דורכברעכען אַ וועג און פון דאָס ניי אָנפאַנגען צו פיהרען אַ ריין לעבען... דאַן וועל איך איהם בעטען, ער זאָל מיר מוחל זיין... איך וועל ניט טראָגען די דאָזיגע מאטערניש מיין גאַנצען לעבען לאַנג! זיי האָבען מיך אויסגעשמירט מיט שמוץ... און מיט בלאָטע... אלע טרעהרען מיינע וועלען ניט זיין גענוג, עס אבצוואָוואשען...“

איליא האָט זיך אָנהויב געזוכט ארויסצורייסען פון איהר און זי אויפצוהויבען פון דער ערד, אבער זי האָט זיך פעסט איינגעטשעפעט אין איהם, האָט צוגעדריקט דעם קאָפּ איהרען צו זיינע קניע און געריבען איהרע באַקען אָן זיינע פיס. און דערביי האָט זי ניט אויפגעהערט צו ריידען מיט אַ ליידענשאפטליכער, האלב־פערדריקטער, קייכענדער שטימע. דאָ האָט ער זי אָנגעהויבען גלעטען מיט זיין ציטערענדער האנד, האָט זי אריינגענומען אין זיינע אָרעמס און אָנגעשפּאַרט איהר קאָפּ אָן זיין שולטער. איהר הייסע באַק האָט זיך

www.libtool.com.cn



פעסט צוגעדריקט צו זיין געזיכט, און בשעת אַלימפּיאַדאַ איז נאָך געלעגען אויף די קניע פאַר איהם, אַרומגענומען פון זיינע שטאַרקע אַרעמס, האָט זי מיט אַ פערשטיקטען קול געשעפּטשעט:

„צי קען עס דען אימיצען נוצען, אַז אַ מענש, וואָס האָט איינ־מאָל געזינדיגט, זאָל כמעט דאָס גאַנצע לעבען זיינם פערברייכגען אין ערנידעריגונג?... בשעת איך בין נאָך אַ יונג מיידעל געווען, און מיין שטיף־פאָטער האָט זיך צו מיר צוגעלאָזט מיט אַ שמוציגער אַבזיכט — האָב איך איהם מיט אַ מעסער געשטאָכען. ס'איז ניט געשעהן מיט אַבזיכט... דערנאָך האָבען זיי מיך אָנגע'שכור'ט מיט וויין און מיין עהרע גערויבט... איך בין געווען אַ מיידעל, אַזוי זויבער, אַזוי שעהן, מיט רויטע באַקען ווי די עפּעלעך. כ'האָב געוויינט אויף מיין מזל... כ'האָב מיר אַליין דאָס האַרץ אויסגעיאָדעט... געוויינט האָב איך אויף מיין שעהנקייט... כ'האָב עס ניט געוואָלט, כ'האָב עס ניט געוואָלט! און דערנאָך — האָב איך זיך געטראַכט: ס'איז דאָך שוין אַלץ איינס... צוריק קען מען שוין ניט כאַפּען... גוט, האָב איך זיך געטראַכט — דאַן וועל איך וועניגסטענס פערקויפען מיין שאַנדע אַזוי טהייער ווי נור מעגליך... פאַר דיר האָב איך קיינעם פון האַרצען ניט געקושט... כ'האָב שטענדיג נור אַזוי... אין אויסגעלאַסענהייט און לייכטזיניגקייט געלעבט...“

איהרע ווערטער זיינען צולעצט אַריבער אין אַ שטילער שעפּ־טשעריי. מיט אַמאָל האָט זי זיך אַרויסגעריסען פון איליאַ'ס אַרעמס.

„לאָז מיך אָב!“ האָט זי זיך אָנגערופען, איהם אָבשטויסענדיג פון זיך.

ער אָבער האָט זי נאָך פעסטער אַרומגענומען מיט זיינע אַרעמס, און פול מיט ליידענשאַפט און פערצווייפלונג האָט ער אָנגעהויבען קושען איהר געזיכט.

„לאָז מיך אָב — ס'טהוט מיר וועה!“ האָט זי זיך געבעטען נאָך אַמאָל.

„כ'האָב גאָרנישט צו ענטפערן אויף דיינע ווערטער,“ האָט לו־נעוו געזאָגט אַזוי ווי אין אַ פיבער. „נאָר איין זאַך זאָג איך דיר: קיינער האָט אויף אונז קיין רחמנות ניט געהאַט, און מיר דאַרפען אויך אויף קיינעם קיין רחמנות ניט האָבען. דו האָסט אַזוי שעה־

www.libtool.com.cn



גערעדט... לאָמיך דיך קושען... ווי זאָל איך דיר עס אַנדערש בע־צאָהלען? דו מיין שעהנע... איך ליעב דיך... אַך, כ'וויים אַליין ניט ווי אַזוי! ניט מיט ווערטער קען איך עס אויסריידען..."

איהרע אומעטיגע רייד האָבען ווירקליך ארויסגערופען אין איהם אַ הייסעם געפיהל פון צונייגונג צו דער דאָזיגער פרוי. איהר וויטאָג האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען איין שטיק מיט זיין אונגליק, און זייע־רע הערצער האָבען זיך וואָס וויטער אַלץ מעהר דערנעהנטערט איינס צום צווייטען. זיי האָבען זיך געהאַלטען פעסט ארומגענומען און האָ־בען זיך אַ היבשע ווײַלע שטילערהייט דערצעהלט וואָס פאַר צרות, וואָס פאַר קריינקונגען זיי האָבען ביידע געהאַט אויסצושטעהן אין לעבען. אין לונגוו'ס ברוסט איז פאַרטיג געוואָרען אַ פעסטע, אַ מור־טהיגע ענטשלאָסענהייט...

„מיר זיינען אפּנים ניט געבאָרען געוואָרען גליקליך צו זיין, מיר ביידע," האָט אָלימפּיאַדא געזאָגט און האָט צוגעשאָקעלט דערביי מיט'ן קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט אויפגעגעבען אירגענד וועלכע האָפ־נונג אויף עפּעס בעסערס אין לעבען.

„נו גוט, דאַן וועלען מיר זיין פעראייניגט אין אונזער אונגליק!... לאָמיר ביידע פעראייניגט געהן קיין סיביר, אויף קאַטאָרגע, ווי?... אָבער ס'איז נאָך צייט דערצו. דערווייל וועלען מיר געניסען אונזער שמערץ און אונזער ליעבע... איצט מעגען זיי ברענען מיין לייב מיט גליהענדע צוואַנגען... ס'איז מיר אַזוי לייכט אויפ'ן הארצען... כ'האָב גאָרנישט וואָס חרטה צו האָבען!"

דערהיצט פון זייערע רייד און אויפגערעגט פון די האַלזעריי און קושעריי, האָבען זיי געקוקט איינע אויף די אַנדערע אַזוי ווי דורך אַ טומאַן. ס'איז זיי געוואָרען ענג און היים אין זייערע קליידער...

דורכ'ן פענסטער האָט מאַנאַטאַן אריינגעקוקט דער גרויער הימעל און האָט זיך געזעצט אויף די בוימער אַזוי ווי אַ הייסער רייף. אין גערטענדעל ביי די פענסטער האָט אַ יונג בוימעל שטילערהייט געוויגט זיינע צווייגען אהין און אהער, און אָבגעשאָקעלט דעם שנעע פון זיי. דער ווינטער אָבענד איז אָנגעקומען...